STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00213

UNDZER SHOLEM ALEYKHEM

Nachman Mayzel

Permanent preservation of this book was made possible by
Elaine Barlas & Ricardo Alcaraz
in honor of
Judy Barlas

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן מייזיל

אונדזער שלום-עליכם

פֿאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע

1959

NACHMAN MAJZYL

NASZ SZOŁEM AŁEJCHEM

Redaktor: D: STARD

רעדאַקטאָר: ד. ס פּ אַ ר ד

Okładkę projekował: A. MUSZKA

הילץ געצייכנט: א. מ ו ש ק א

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa Nowogrodzka 5

Nr. zam. 4006. Nakład 4000 egz. Druk ukończono w lutym 1959 r. Ar. druk. 8,5. Ark. wydaw. 7. Papier rotograwiura III kl. 61 X 86 cm. 120 gr. Druk. RSW „Prasa“ Warszawa. Tarczyńska 8. W-77

נחמן מייזיל

אונדזער שלום-עליכם

צו די לייענער

די אָפּהאַנדלונגען און מאַטעריאַלן, וואָס קומען אין דעם דאָזיקן שלום־עליכם־ביכל, באַהאַנדלען פאַרשידענע עלעמענטן און מאָמענטן אין דעם לעבן און שאַפן פון שלום־עליכם. זיי האָבן אַלע איין כוונה — אַרויסצואַנטפּלעקן און אַרויסצוברענגען וואָס מער שטריכן צו זיין כאַראַקטער און צו זיין קאַלירפולן שאַפן.

שלום־עליכם איז אַוועק פון אונדז צוריק מיט 43 יאָר, אָבער ער לעבט אויף פאַר אונדז אין אַן אַלץ נייער פאָרם און ליכט. אַנדערש האָבן מיר אויפגעפאַסט שלום־עליכם'ן מיט אַ פיר־פינף צענדליק יאָר צוריק, און גאָר אַנדערש זעען מיר אים איצט. אַרויסבאַווייזן אַט דאָס נייע, פריער נישט געזוג דערזעענע, — דאָס איז דער ציל פון די געבראַכטע גאַנץ־באַזונדערע, אָבער אין תוך איינהייטלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן אונדזער שלום־עליכם.

עס איז קיין ספק נישט, אַז פונקט ווי די גרויסע פייערונגען, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין גאָר דער וועלט אין 1939, צו ש״עס 80־טן געבוירנטאָג, אַזוי וועלן אויך די איצטיקע פייערונגען, צו ש״עס 100־טן געבוירנטאָג, נאָך מער דערנענטערן צו אונדז שלום־עליכם'ן ווי מיר אַלע וועלן צו אים נאָך מער דערנענטערט ווערן.

זאָל אַט דאָס ביכל צוטראָגן צו די ש״ע־פייערונגען מיין באַשיידענעם חלק צו דער דערהויבונג און פאַרטיפערונג פון דער מערקווירדיקער שלום־עליכם־געשטאַלט.

ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1958.

נ. מ.

שלום ראַבינאָוויטש — שלום־עליכם

דעם 2=טן מערץ 1959 ווערט הונדערט יאָר, ווי ביי מנחם נחום און מינדל ראַבינאָוויטש אין דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו, ביים דניעפּר, איז געבוירן געוואָרן אַ זון און זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן ש ל ו ם, שלום ראַבינאָוויטש.

עס איז איצט געוואָרן 75 יאָר ווי שלום ראַבינאָוויטש, דער יונגערמאַן, וואָס איז אַלט געוואָרען 24 יאָר, האָט אָפּגעדרוקט אינעם פּעטערבורגער יידישן „פֿאָלקס=בלאַט" זיין ערשטע דערציילונג אין דער יידישער שפּראַך, און ער האָט זיך אונטערגעשריבן נישט מיט זיין אמתן נאָמען ש ל ו ם ר אַ ב י נ אָ וו י ט ש, נאָר מיט אַ צוגעטראַכטן נאָמען ש ל ו ם = ע ל י כ ם. זינט דאַן, זינט 1883, איז שלום ראַבינאָוויטש און שלום=עליכם געוואָרן איינס, איין נאָמען נישט צום אָפּטיילן. און עס איז גאָר שווער צו דערגיין, ווו ענדיקט זיך שלום ראַבינאָוויטש, און ווו הייבט זיך אָן שלום=עליכם. נאָך מער — שלום=עליכם האָט אינגאַנצן איינגעשלונגען שלום רבינאָוויטשן. איצט, 75 יאָר נאָך דעם, ווי דער יונגער 24=יאָריקער לובענער „קאַזיאָנע"=ראַבינער שלום, אָדער ריכטיקער סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש ראַבינאָוויטש האָט זיך אויסבאַהאַלטן מיט זיין יידישער דערציילונג אונטערן נאָמען שלום=עליכם, איצט ווען דער נאָמען שלום=עליכם איז אויסגעקריצט אויף די לוחות פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, איז כדאי צו וויסן, וואָס אַזוינס האָט געבראַכט שלום ראַבינאָוויטשן, וועלכער האָט שוין געהאַט געשריבן אונטער זיין אמתן נאָמען העברעישע מאמרים, צו פאַרהוילן זיין נאָמען. שלום=עליכם אַליין דערציילט אונדז, וואָס עס האָט אים געפירט צו דעם נאָמען שלום=עליכם.

אין זיינע קורצע אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכעניש, וואָס ער האָט געשריבן אין 1908, צו זיין 25=יאָריקן יובילײ (געשריבן אין רוסיש פאַר אַ רוסישער צייטונג און איבערגעזעצט דורך י. ד. בערקאָוויטש אין „שלום=

עליכם־בוך", ז' 4), דערציילט אונדז שלום־עליכם אַט וואָס: „אין יענער צייט, אין 1883, האָט דער רעדאַקטאָר פונעם „המליץ" אָנגעהויבן אַרויס־צוגעבן אויך אַ זשאַרגאָנישע צייטונג (דאַן האָט מען נאָך גערופן יידיש — „זשאַרגאָן — נ. מ.) „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט". דער ערשטער נומער, וואָס איז אים אַריינגעפאַלן אין די הענט (שלום־עליכם האָט אַלעמאָל גע־שריבן זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן אין דער דריטער פערזאָן, אַזוי איז אויך געשריבן זיין בוך „פונעם יאַריד" — נ. מ.) האָט איבעראַשט דעם שריפטשטעלער מיט דער איינפאַכקייט פון דעם איינפאַל. אָט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — דרוקט זיך אויף אַזאַ פשוטער שפּראַך, וואָס איז צוגענגלעך פאַר אַ ל ע יי ד ן, אַ פּ י ל ו פ אַ ר וו ײ ב ע ר! פון דעמלט אָן האָט זיך צו אים פאַרגנבעט דער געדאַנק: צי שפּייזט נישט די העברעישע שפּראַך מיט איר פיינער „מליצה" נאָר אַ קליינע צאָל אויס־דערוויילטע, וואָס באַזיצן זי? דאָס איז איינס. און דאָס צווייטע איז, וואָס סיי ווי סיי, ווען דו שרייבסט העברעיש, טראַכסטו דאָך אויף זשאַרגאָן — איז שוין נישט בעסער מאַקע גלייך אייפן אָרט צו שרייבן יידיש, דאָס הייסט, שרייבן אַזוי ווי דו טראַכסט? אָבער ווי אַזוי קאָן מען עס פועלן ביי זיך צו שרייבן אויף אַזאַ שפּראַך, אויף וועלכער „אַ ל ע ר ע ד ן", און דער עיקר — אויף וועלכער עס דרוקן זיך „תחינות פאַר ווייבער"? וואָס וועט זאָגן דערויף דער טאַטע?... אָט דעמלט איז עס צוגעטראַכט געוואָרן דער פסעוודאָנים „ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם", אונטער וועלכן דער מחבר האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון קרובים און באַקאַנטע, דערהויפּט נאָכדעם, ווען ער האָט דורך די אומשטענדן (זיין חתונה האָבן אויס ליבע מיט אַ רייך מיידל) אָוועקגעלאָזט דאָס רבנות און אַריינגעפאַלן אין דעם סאַמע געדיכטן פון דער פּלוטאָקראַטיע, וואָס איז אַזוי באַריכות באַשריבן פון מנחם מענדלען אין זיינע אומצאָליקע בריוו. אין דער דאָזיקער סביבה (אויף דער קיעווער בערזע) האָט זיך בכלל גערעכנט פאַר אַ חרפה אָנצו־קערן זיך מיט די, וואָס שרייבן, בפרט נאָך אויף זשאַרגאָן".

און עס איז געשען אַ וווּנדערבאַרע זאַך. שלום ראַבינאָוויטש איז אי־בערגעוואַנדלט געוואָרן אין שלום־עליכם. שלום ראַבינאָוויטש האָט זיך אויפגעלייזט אין שלום־עליכם'ן אין ביים הייגטיקן טאָג, נאָך פיל צענדלי־קער יאָרן, ווי דער נאָמען שלום־עליכם איז אַזוי איינגעבאַקן אין די הער־צער פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, איז שווער גאָר אָפּצוטיילן און אויסצו־טיילן באַזונדער דעם מ ע נ ט ש שלום ראַבינאָוויטש פון דעם ש ר יי־ב ע ר שלום־עליכם. ער און זיינע ווערק זענען באַהעפט אויף שטענדיק,

נישט צום אָפּטײלן. שלום ראַבינאָװיטש, זײַן לעבן און סביבה איז פאַר־װאַנדלט געװאָרן אין די מײַסטערישע צאַפּלדיקע שלום־עליכם־װערק. מיט הער צײַט האָט שלום־עליכם געשאַפן װוּנדערבאַרע געשטאַלטן — הונדערט־טער פאַרשױנען, לעבעדיקע, באַװעגלעכע — און ער האָט אַרײַנגעבראַכט אין זײ זײַן האַרץ, זײַן נשמה, זײַן כאַראַקטער, זײַן לײַב און לעבן.

אין אײנעם פון זײַנע בריװ, געשריבן אין די יאָרן, װען ער איז נאָך געװען אַ מעקלער אויף דער בערזע, זאָגט שלום־עליכם צו זײַנעם אַ פרײַנד: „סאָלאָמאָן ראַבינאָװיטש איז פיר שעה אין טאָג אויף דער בערזע אַ מאַכער, אַ דרײער, אַ שטיקל טויז ב"ה. נאָר פון זײגער פינף בײַטאָג ביז דרײַ—פיר אין דער נאַכט בין איך שלום־עליכם". אָבער זײַן באַקאַנטשאַפט, זײַן נאָענטקײט מיט דער בערזע, מיט די סוחרים, מיט די אַלע „דרײערס" און „מאַכערס" איז אים װױל באַקומען. עס האָט אים געגעבן די מעגלעכקײט אויפצוכעמען זײ און זײער לעבן פון אינעװײניק. פאַרשטײן זײ דורך און דורך, כדי דערנאָך אַזוי װוּנדערבאַר זײ צו מאָלן. שלום־עליכם אַלײן האָט אַדורכגעמאַכט די אַלע פּלאָגן, אַלײן אַדורכגעגאַנגען די אַלע שבעה מדורי גיהנום פון דעם לעבנס־יאַריד און דערנאָך עס אַזוי אמתדיק און אויפריכטיק געשילדערט.

מיט דער צײַט האָט שלום־עליכם אַלץ מער גיבר געװען, און אײַנ־גאַנצן באַזיגט אין זיך שלום ראַבינאָװיטשן. אָט שרײַבט י. ד. בערקאָ־װיטש, דער שטיב־מענטש, דער אײדעם און גוטער קענער פון שלום־עליכם'ן: „ער איז נישט געװען שלום־עליכם אין דער ליטעראַטור און ראַבינאָװיטש אין דער הײם. ער האָט בכלל דעם ראַבינאָװיטש אָפּגע־משעפּעט פון זיך, באַלד װי ער האָט דערפילט אויף אַן אמת זײַן קינסט־לערישע מיסיע. ער איז געװען אומעטום כולו שלום־עליכם. אין דער הײם אָבער איז ער געװען, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, נאָך מער שלום־עליכם'דיק װי ער האָט אויסגעזען פאַר דער דרויסנדיקער װעלט... צי שמעקט נישט װידעראַמאָל דער סוד אין דעם, װאָס בײַ שלום־עליכם'ן האָט זיך זײַן פּריװאַט לעבן מיט זײַן שאַפן צוזאַמענגעגאָסן אין אײן אײנ־הײט?"

און נאָך מער: פאַר שלום־עליכם'ן אַלײן איז מיט דער צײַט אויס־געװאַקסן שלום־עליכם דער שרײַבער, ער זעט אין אים אַ פאַרגאַנצטע געשטאַלט, ער זעט אים װי אָפּגעטײלט פון זיך און ער קוקט שױן אָפּט אויף אים פון דער זײַט, ער רעדט װעגן אים װי װעגן אַ צװײטן, אַ זײַטיקן.

עס שרייבט שלום־עליכם אין זיין בוך „פונעם יאריד“ אין דעם ער־שטן קאַפּיטל אַט וואָס: „איך, שלום־עליכם דער שרייבער, וועל אייך דער־ציילן די ריכטיקע ביאָגראַפיע פון שלום־עליכם דעם מענטשן, אָן צערע־מאָניעס, אָן באַפּוצעכצן און צאַצקערייען, ווי עס וואָלט אייך דערציילט, למשל, אַ זייטיקער פּאַרשוין, אַ ווילד־פרעמדער, נאָר אַזעלכער, וואָס איז געווען מיט אים אומעטום...“

לאָמיר דערמאָנען דאָ דעם אָנהייב פונעם צווייטן אַקט אין „דאָס גרויסע געווינס“. שימעלע סאָראָקער ווערט אַן עושר, ער זיצט ביי זיך אין זאַל אויף אַ שטול, ער איז פאַרטאָן אין עפּעס אַ בוך, און עטי מעני, די פריש־געבאַקענע גבירינטע, זיצט אינעם צווייטן שטול. פרעגט עטי מעני שימעלען, וואָס ער טוט, ענטפערט שימעלע סאָראָקער: „איך לייען אַ גע־שיכטע, לייען איך“. „וואָס פאַר אַ געשיכטע לייענסטו?“ — פרעגט עטי מעני... און נאָך אַ לענגערן עכט־שלום־עליכם׳שן שמועס, אין אייגנאַרטיקן ווערטער־געשפּיל צווישן דעם פּאָרפּאָלק, דערקלערט שימעלע: „איך לייען אַ קריטיקע פון איינעם אַ לץ, וואָס מאַכט חוזק פון דער גאַנצער וועלט. און הייסן הייסט ער שלום־עליכם“. ווערט עטי מעני אויפגעבראַכט: „עליכם שלום!... וואָס האָט ער צו דער וועלט?“ ענטפערט איר שימעלע סאָראָקער מעשה־קענער: „צו דער וועלט האָט ער גאָרנישט. נאָר ער באַשרייבט דאָ איינעם אַ שניידער, וואָס איז געווען אַמאָל אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס און איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גביר“. „זיין מאַטנס עסק!“ — גיט אַ זאָג עטי מעני. און שימעלע זאָגט ווייטער: „צעוועט ער פון אים אָפּ און פון זיין ווייב... אַ רעכטער ממזר! אַן אמתער „עמך“; ער מאַכט פון זיי ביידן אויסצודרייען. נאָר פון איר, פון דער שניידערין, מאַכט ער אַ לעמעשקע — אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין!“ און עטי מעני גיט צו פון איר זייט צו שימעלעס קללה: „מאַכן זאָל זיך אים אַ מכה — טפו! איך וואָלט אַזאַ פּאַסקודסטווע אין די הענט נישט געהאַלטן!“... (ז׳ 180).

אויף וויפל שלום־עליכם איז אויסגעוואָקסן ביי שלום־עליכם׳ן אין אַ געשטאַלט, אין אַ קינסטלערישער פּערזענלעכקייט, אין אַ באַגריף, זעען מיר אין איינציקע בריוו, וואָס שלום־עליכם האָט אין פאַרשידענע צייטן געשריבן. אין אַ בריוו צום באַוווסטן יידישן קריטיקער בעל־מחשבות רעדט ש״ע וועגן זיך און ער זאָגט דאָרט צווישן אַנדערן: „מיר דאַכט, אַז יעדער שרייבער, נישט נאָר אַ שלום־עליכם, נאָר אַ סך אַ גרעסערע קאַליקע, וויל געבן דאָס בעסטע וואָס ער פאַרמאָגט“. און דערמאָנענדיק

איינעם אַ באַוווּסטן שרייבער, וואָס האָט דאָן געהאַט אַ נישט־גוטע באַ־ציִונג צו אים, צו שלום־עליכם׳ן, שרייבט ש״ע: „ער וואָלט וועלן, אַז מיט שלום־עליכם׳ן זאָל שוין אויפהערן צו שלום־עליכם׳ן. שוטים! נאַראָנים! זיי ווייסן נישט, אַז די גוטע פריינד, אַז שלום־עליכם האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און וויל ערשט אָנהייבן צו שלום־עליכם׳ן. (געשריבן אין יאָר 1912).

און אויף וויפל זיין שרייבן איז געווען מיט איינגעבאַקן אין זיין האַרצן, אויף וויפל די געשטאַלטן זענען אים געווען אייגן און נאָענט, אויף וויפל זיי זענען געווען פלייש פון זיין פלייש און ביין פון זיין ביין, איז צו זען פון דעם, ווי אָפטמאָל רופט שלום־עליכם זיך אָן מיט די נע־מען פון זיינע הויפּט־העלדן, דערהויפּט מיט די נעמען מנחם מענדל און טביה. ווייזט אויס, אַז מנחם מענדל און טביה — אָט די צוויי קאָנ־טראַסטן — זענען באמת זייטן פון שלום־עליכם׳ן אַליין, גרונט־עלע־מענטן פון זיין כאַראַקטער, שטיקער פון זיין אייגענעם איך.

עס איז, ווייזט אויס, שלום־עליכם׳ן אָפטמאָל גרינגער געווען צו באַצייכענען באַשטימטע מאָמענטן אין זיין לעבן, כאַראַקטעריזירן אַן איי־גענעם באַשטימטן געמיט־צושטאַנד מיט דער הילף פון זיינע פאַרשוינען מנחם מענדל און טביה. נישט איינמאָל פירט שלום־עליכם בכיוון צונויף אָט די צוויי ווידעראַנאַנד־טיפּן, כדי אַזוי אַרום שאַרפער צו זען יעדן איינעם באַזונדער מיט זיין אַרט פילן און אויפנעמען זאַכן. טביה באַ־שולדיקט אָפט מנחם מענדלען, אָבער ער באַדויערט אים אויך נישט זעלטן. טביה רופט אָן אַמאָל מנחם מענדלען: „אַ פליער, אַ ברענער, אַ לויפער, אַ דרייער, אַ געבטיקער טאָג“. אַן אַנדערש מאָל רעדט ער וועגן אים מיט רירנדיקע ווערטער. עס איז קלאָר, אַז שלום־עליכם האָט זיי ביידן געשעפּט פונעם אייגענעם קוואַל, דאָס וואָכעדיקע און דאָס יום־טובדיקע, דעם הומאָר און די גוטמוטיקייט, דעם צעטראָגענעם מנחם מענדל און דעם באָדן־פעסטן טביה. געווים האָבן אין שלום־עליכם׳ן גופא אָפט געקעמפט אָט די צוויי באַזונדערע ווידערשפּרעכנדיקע כוחות.

אין אַ בריוו פון פּעטערבורג, פון 1904, ווהין ער איז געפאָרן צוליב פאַרשידענע געשעפטן און געהאַט דאָרט אַ סך לויפעניש, שרייבט שלום־עליכם צו זיין פריינד י. ח. ראַווניצקי וועגן זיך: „...פון הער שטאָט פּעי־טערבאָרג איז מנחם מענדל גאָר מטושטש. אַ שטעטל, ברענען זאָל דאָס אויפן פייער! אוי, מאַווערן! אוי, אַ טומל!“.

אַן אַנדערש מאָל זעט זיך שלום־עליכם מיטאַמאָל אין די ביידע גע־שטאַלטן צוזאַמען, אין מנחם מענדלען און אין טביהן. אַט שרייבט ער אין אַ בריוו צו איינעם יצחק יאַמפּאָלסקי קיין קאַנאַדע אין 1908: „...זאָגט אייך וואָס איר ווילט, קיין שונאים האָב איך נישט, ווייל איך בין קיינעם קיין שונא נישט. ווייל טביה איז אַ בעל בטחון און ווייל מנחם מענדל גלויבט דער גאַנצער וועלט“. (ש"ע־בוך ז' 227).

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז אַ גרעסערער בריוו, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן צו איינעם אַ ייד אַ גביר, אַן אייגנטימער פון נאַפט־קוואַלן אין קאַווקאַז, שמואל שרירא. דאָ האָט שלום־עליכם „באַפולמעכטיקט“ מנחם מענדלען צו פירן די קאָרעספּאָנדענץ אין זיין נאָמען. מנחם מענדל פון יעהופּעץ שרייבט דעם בריוו, און ער דערמאָנט אינעם בריוו שלום־עליכם'ן און זייער פריינד טביה. עס איז אַ וווּנדערבאַרער שלום־עליכם־שפּיל מיט אַלע חנען פון שלום־עליכם'ס שפּרודלדיקער פעדער. עס שרייבט מנחם מענדל אָנשטאָט שלום־עליכם'ן צווישן אַנדערן: „...אייער בריוו האָט שטאַרק אויסגענומען הן ביי מיר, הן ביי שלום־עליכם'ן“. ער באַ־רירט דאָרט שלום־עליכם'ס מאַטעריעלע לאַגע. מנחם מענדל גיט צו: „...והשנית, ווייס איך, וויפל בלוט עס קאָסט אונדזער פריינד שלום־עליכם, וואָס האָט געמוזט פאַר אַ נזיד עדשים [אַ טאָפּ לינזען — נ. מ.] פאַרקויפן זיינע בעסטע שרייבעכצן צו פאַרשידענע פאַרלעגער“. און מנחם מענדל בעט דעם ייד צו ענטפערן אים תיכף אויף דעם אַדרעס פון שלום־עליכם (זע ש"ע־בוך ז' 294).

און כאָטש שלום־עליכם האָט שטענדיק געלעבט אין אַ וועלט פון שאַפן, אין אַ וועלט פון ליטעראַרישע וויזיעס און פאַנטאַזיעס, איז ער אויך אַ ווילע נישט אָפּגעטראָטן פון דעם רעאַלן לעבן, פון דער אָרומי־קערווירקלעכקייט. ער האָט מיטגעלעבט מיט דער צייט, מיטגעליטן מיט די שלעק און פורעניות פון דעם אָרום.

ער האָט גענומען שטיקער רוי לעבן און פאַרוואַנדלט זיי אין זיינע ווערק. ער האָט גענומען שטיקער „כראָניק“, טרויעריקע פּאַסירונגען פון די צאַרישע צייטן און זיי פאַרוועבט אין זיינע מעשיות. אין זיינע מאָנאָ־לאָגן זענען אַריינגעבראַקט צאַפּלדיקע געשיכטן. ער האָט אַריינגעצויגן אין זיינע מעשיות ווירקלעכע פּאַסירונגען. עס איז נישט געווען ביי אים קיין דיסטאַנץ צווישן לעבן און שאַפן. אָבער ער האָט דאָס מעגלעכע, דאָס צייטלעכע געקאָנט פאַראייביקן, צוגעבן זיי אַ דויערנדיקן באַטייט.

און נאָך זייער אַ מערקווירדיקע זאַך:

נישט געקוקט דערויף, וואָס שלום־עליכם האָט געהאַט פאַר זיך דאָס דוב און אָרעם און טרויעריק לעבן, הערט אָבער נישט אויף צו שלאָגן פון אים, פון זיינע ווערק א קוואַל פון פרייד. אָט הייבט ער אָן אין זיין „פּינעם יאַריד" אַדורכצופירן זיין שטעטל וואָראָנקאָ־קאַסרילעווקע, ער שטעלט זיך אָפּ אויף פאַרשידענע מעשיות, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן שטעטל, און ער כאַפּט זיך גלייך: „איך וויל נישט אַזוי ווייט גריבלען זיך, ווייל איך האָב פיינט טרויעריקע מעשיות, זיי מעגן זיין אפילו פון פאַרצייטן" (ז' 21). אַן אַנדערש מאָל זאָגט שלום־עליכם וועגן זיך און זיין שרייבן: „פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ליב אָנצוקוקן יענעם בשעת אומגליק, אריינ־קוקן יענעם גלייך אין פּנים אַריין דווקא בשעת ער וויינט, נאָכקוקן יענעם ווי אַזוי ער גייט נאָך דער לוויה, זיך צוקוקן ווי יענער ברעכט די הענט, שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט וכדומה. איך האַלט נישט פון אַזוינע סצענעס. לאָז מען זאָגן וואָס מען וויל, איך האָב פיינט טרויעריקע בילדער. מיין מוזע פראָגט נישט קיין שוואַרצן שלייער אויפן פּנים; מיין מוזע איז אַן אָרעמע, נאָר אַ פריילעכע..."

און דאָס מערקווירדיקע איז, וואָס שלום־עליכם האָט שטענדיק געזען דעם פאָלקס־מענטש, פאַרגלעט די קנייטשן אויף זיין פאַראומערט געזיכט און מיט פרייד אַרויסגערופן ביי אים אַ שמייכל, אַ געלעכטער.

שלום־עליכם ברענגט שמחה, מונטערקייט, נחת־רוח מיט זיינע ווערק, און דערפאַר האָט אים דאָס פאָלק אַזוי ליב, אַזוי הארציק ליב. און דער־פאַר האָבן אים אַזוי ליב אויך קינדער. ער איז דאָך אויך דער באַליב־טער שרייבער פאַר קינדער נישט נאָר מיט זיינע קינדער־מעשיות, מיט זיין וווּנדערבאַרער גאַלעריע פון קינדער־געשטאַלטן, נאָר בכלל מיט אַלע זיינע געשיכטן, וואָס האָבן אין זיך אַזויפיל באַהאַרצטקייט, אַזויפיל פשטות, אַזויפיל גוטמוטיקייט.

ווען מיר זעען, ווי שלום ראַבינאָוויטש האָט זיך איינגאַנצן אויפגעלייזט ווי אַ מענטש און קינסטלער אין זיין צווייטן צוגעטראַכטן נאָמען שלום־עליכם, איז גאַנץ אינטערעסאַנט צו מאַכן אַ פאַרגלייך, אַן אַנאַלאָגיע מיט דעם „זיידן" שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט, ביים אַריינטרעטן אין דער ליטעראַטור אויף יידיש, זיך אויך אָנגערופן מיט אַן אַנדערן נאָ־מען — מענדעלע מוכר־ספרים, און צו וועלכן ש"ע האָט זיך באַצויגן

אַלע זיינע יאָרן, פון 1884 ביזן סוף פון זיין לעבן, מיט אַזויפיל ליבשאַפט און פאַרערונג. אָבער ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט קיינמאָל נישט אויפגעגעבן זיין אייגענעם נאָמען, נישט מוותר געווען אויפן נאָמען. ער האָט אים באַנוצט אַלעמאָל אין זיינע בריוו, ער האָט אים באַנוצט צווישן אייגענע און אויך פאַר דער וועלט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ביזן לעצטן טאָג האָט ער אַלץ נישט געקאָנט אַדורכקומען מיט אָט דעם צווייטן נאָמען — מענדעלע מוכר־ספרים, וואָס אָט איז ער אַ שטיק ש. י. אַבראַמאָוויטש, און אָט גאָר אַ צווייטער, אַ לעבנס־באַגלייטער, אַ גוטער פריינד, אַ מקורב פון ש. י. אַבראַמאָוויטש. אָט פאַרשווינדט ער און אָט קומט ער צוריק. ש. י. אַבראַמאָוויטש רופט אים אַרויס, ווען ער נייטיקט זיך אין אים.

אַנדערש, גאָר אַנדערש, ווי מיר האָבן געזען, איז שלום־עליכם געווען און געוואָרן פאַר שלום ראַבינאָוויטש. ער האָט לחלוטין אויפגעגעבן שלום ראַבינאָוויטשן מיט אַ מיין, מיט אַ כוונה, כדי זיין אינגאַנצן און דורכויס שלום־עליכם, סיי פאַר זיך און סיי פאַר דער וועלט.

און וואָס פאַר אַ באַצויבערנדיקער נאָמען עס איז פאַר אונדז אַלע־מען —

דער נאָמען שלום־עליכם!

פון אַ יונגן פאַרערער — אַליין אַ גרויסער שרייבער

אין 1884, ווען שלום ראַבינאָוויטש איז קוים אַלט געווען 25 יאָר און געהאַט אָפּגעדרוקט בלויז עטלעכע זאַכן אין דעם איינציקן דאַן יידישן „פאָלקסבלאַט“, האָט ער געשיקט אַ בריוו צו מענדעלע מוכר־ספרים קיין אָדעס, אַ באַגריסונג צו זיין 25־יאָריקן ליטעראַרישן יובילײ. דער בריוו איז געשריבן געווען נישט אין יידיש, נאָר אין דער רוסישער שפּראַך. אויך די, וואָס האָבן שוין דאַן יאָ געפּועלט ביי זיך צו שרייבן מאַמע־לשון, האָבן עס געטאָן מיט פאַרשידענע באַוואָרענישן און נישט מיטן גאַנצן האַרצן און נאָך נישט מיט דער פולער זיכערקייט און זעלבספאַרשטענדלעכקייט. אין אָט דעם באַגריס־בריוו שטעלט זיך פאָר ש. ראַבינאָוויטש ווי „אַ יונגער פייערדיקער פאַרערער“ פון מענדעלעס טאַלאַנט, „אַ פאַרערער, וואָס אַרבעט איפן באָדן, וואָס איז פון אים, פון מענדעלען, צעאַקערט געוואָרן, נאָכפאָלגנדיק איינגעשפּאַרט און פלייסיק די טריט. וואָס ער האָט אַזוי שאַרף איבערגעלאָזט אויף די פעלדער פון אונדזער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור“. און דער פּראָווינציעלער יונגערמאַן, דער 25־יאָריקער שלום ראַבינאָוויטש, זאָגט ווייטער: „אויב איך האָב ביז איצט, אין פאַרלויף פון מיין צוויי־יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט... מיט מיינע אומבאַדייטנדיקע אַרבעטן נאָך גאָרנישט געגעבן — דערפאַר אָבער וואָס פאַר אַ צוקונפט עס שטייט־פאָר פאַר מיר, ווי פאַר אַן אָנפאַנגער, וואָס פאַר אַ ברייט פעלד פאַר יעדן איינעם, וואָס ווינטשט זיך צו ווידמען זיין צייט דער עבודה אויפן מזבח פון אונדזער פאָלקס־מוזע“. דער דאַן ווייניק־באַקאַנטער יונגערמאַן פאַרענטפערט זיך, פאַרוואָס ער רעדט אינעם בריוו וועגן זיך, ווייל ער טוט עס נישט אין פערזענלעכע אינטערעסן, נאָר אין אינטערעסן וואָס זענען נוגע „אי דער יידישער מאַסע, וואָס פייערט דעם יובילײ, אי אונדזער אָרעמען פאַריאָגטן און דורכויס־עקספּלאָאַטירטן זשאַרגאָן, אי מיך אַליין, אי אַפילו אייך“.

אָט דאָס ענגע צונויפבינדן די יידישע מאַסע, דעם אָרעמען „זשאַרגאָ“ און זיך אין איין גאַנצעם איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום=עליכם'ן. דאָס איז געוואָרן דער שטענדיקער דעוויז און די ריכטליניע פון שלום=עליכם'ן און זיין שאַפן אויף זיין גאַנצן לעבן.

שוין אין די ערשטע יאָרן פון זיין שרייבן האָט זיך שלום=עליכם נישט באַנוגנט בלויז מיט דעם שרייבן, נאָר ער האָט אָנגעהויבן פילן די אחריות פאַר דעם יידישן וואָרט, פאַר דער יידישער קולטור, פאַר דער יידישער מאַסע. אין דער צייט, וואָס די קרייזן פון דער רוסיש=יידישער אינטעליגענץ, צווישן די העברעישע שרייבער און אפילו צווישן די, וואָס האָבן שוין יאָ באַשלאָסן „אַראָפּצולאָזן זיך“ צו דער יידישער שפּראַך, האָט געהערשט האַס, חוזק, ביטול צום מאַמע=לשון, אין אָט דער צייט איז דער יונגער שלום=עליכם אַרויסגעטראָטן שאַרף קעגן אָט דער פיינטלעכער און גלייכגילטיקער באַציונג און דערקלערט אַ פאַרביטערטן קאַמף די אַלע אָפענע און באַהאַלטענע שונאים. ער האָט אָפּגעשלאָגן די אָנגריפן, אַליין אויפגעשטעלט פּאָזיציעס, אָנגעהויבן גרופּירן אַרום זיך די וויכטיקסטע רוסיש=יידישע, העברעישע און „זשאַרגאָנישע“ שרייבער פאַר אַן איינהייטלעכער גאַנצער יידישער פאָלקס=ליטעראַטור.

עס איז אינטערעסאַנט, ווי אייניקע באַוווּסטע העברעישע און רוסיש=יידישע שרייבער, וואָס האָבן פאַרעפנטלעכט זאַכן ביי שלום=עליכם'ן אין זיינע זאַמלביכער „די יידישע פאָלקס=ביבליאָטעק“, אין די יאָרן 1888 — 1889, ווי זיי האָבן זיך באַצויגן צו יידיש. דער באַרימטער העברעישער דיכטער י. ל. גאָרדאָן, וואָס האָט געגעבן שלום=עליכם'ן אַ יידיש ליד „אַ ברכה“ פאַר זיין זאַמלבוך און מיט אַ צוויי יאָר פריער האָט ער אפילו אַרויסגעגעבן אַ לידער=ביכל אין יידיש „שיחת חולין“, שרייבט אין דער זעלבער צייט אין אַ בריוו צו שלום=עליכם'ן: „איר פרעגט מיין מיינונג וועגן דעם זשאַרגאָן?... וועל איך אייך אָפן זאָגן, אַז איך האָב תמיד גערעכנט דעם קיום פון דעם דאָזיקן דיאַלעקט אינעם מויל פון אונדזער פאָלק פאַר דער סאַמע טרויעריקער דערשיינונג אין זיין היסטאָריש לעבן. דאָס איז אַ שאַנד=צייכן פון דעם געטריבענעם נע=ונדניק, און איך האָב עס גערעכנט פאַר אַ חוב פון יעדן יידן געבילדעטן צו באַמיען זיך, אַז ער זאָל ביסלעכווייז אָפּגעווישט ווערן און פאַרשוווּנדן פון אונדז. אים קאָן מען דולדן ווי אַ נויטווענדיק שלעכטס, מיט אים מעג מען זיך באַנוצן ווי מיט אַ מיטל דורכצופירן די בעסטע אידעען אין אונדזער פינצטערער מאַסע, נאָר בשום אופן נישט באַמיען זיך וועגן זיין באַפעסטיקונג און זיין אויפ=

בליינג“. און ער, י. ל. גאָרדאָן, ווונדערט זיך שטאַרק אויף דעם יונגן שלום־עליכם, „וואָס שרייבט גוט אויף רוסיש און באַהערשט פּראַכטפול העברעיש, וויאַזוי קאָן ער זיך אָפּגעבן צו קילטיווירן דעם „זשאַרגאָן“.

אַ צווייטער העברעישער שרייבער, דער פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור, אלעזר שולמאַן, וואָס האָט אַליין פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“ „צו דער געשיכטע פון דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור“, שרייבט אין דעם זאַמלבוך וועגן יידיש אָט־וואָס: „דער זשאַרגאָן איז אין אונדזערע אויגן נאָר אַ מיטל דאָס פאָלק צו בילדן, אָבער נישט קיין צוועק פאַר זיך אַליין... מען קאָן האָפן, ווען די גליקלעכע צייט וועט קומען, אַז מען וועט שוין דעם זשאַרגאָן מיט אַן אמת נישט באַדאַרפן, וועלן מיר זיך געווים אַלע פרייען מיטן גאַנצן האַרצן“. אין דער יידיש־פאָרשער באַדויערט, וואָס „דאָס איז אָבער נאָך זייער לאַנג צו וואַרטן, און ווער ווייסט, ווער פון אונדז וועט עס נאָך אַמאָל דערלעבן?“.

אין 1903, אַ יאָר פאַר זיין טויט, האָט אלעזר שולמאַן שוין געהאַט אַן אַנדער מיינונג וועגן יידיש. אין אַ וואָרט צו אַ לעזער אין „הזמן“ האָט ער געזאָגט וועגן יידיש, אַז ס'איז „ביין פון אונדזער ביין און לייב פון אונדזער לייב“ און אַז „דער גייסט פון אונדזער פאָלק ווייזט זיך אַרויס אין דער יידישער, ווי אין דער העברעישער ליטעראַטור“.

אין אַזאַ מין אַטמאָספער און ביי אַזאַ אַלגעמיין־אָנגענומענער פיינטלעכער באַציונג צו דער יידישער שפּראַך און צו איר ליטעראַטור האָט שלום־עליכם אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון אַ יידישער ליטעראַטור און געמאָנט רעכט פאַר יידיש. און עס איז וויכטיק, ווי אַזוי איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פערזענלעכקייטן אין יענער צייט, דער העברעישער דיכטער, דער סימפּאַטיקער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, ד"ר יצחק קאַמינער, האָט תּופס געווען און אָפּגעשאַצט דעם באַטייט פון דער גרויסער אַרבעט, וואָס שלום־עליכם האָט אויפגעטאָן דערמיט, וואָס ער האָט אייפגעזאַמלט אַרום זיך אין זיינע יידישע זאַמלביכער די העמלטיקע באַוווסטע וואָרטזאָגער און וואָרטפירער. אין זיין באַגריס־אַרטיקל, וואָס קומט צום אָנהייב פונעם ערשטן באַנד די „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“ שרייבט ד"ר י. קאַמינער: „איך האָב דערזען ביי אייך נישט נאָר אַלע בעסטע זשאַרגאָניסטן, נאָר אויך פיל העברעער, פון אונדזערע בעסטע יידישע שרייבער אין דעם הייליקן לשון; אויך האָב איך געפונען דאָרט אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסגעפיינט מיט

זייערע יידישע ווערק אין דער רוסישער שפּראַך — הכלל זיי זענען אַלע דאָ, אַלע יידישע כוחות, די שענסטע פאַרטרעטער פון אונדזער ליטעראַטור און אַלע רעדן זיי מיט איין לשון, מיט דעם לשון, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק רעדט“.

שלום-עליכם האָט גאַנץ באַוווּסטזיניק געטאָן זיין אַרבעט, ער האָט אַליין געשריבן זאַכן, וואָס זענען פון מאָל צו מאָל, פון יאָר צו יאָר אַלץ גאַנצער, מייסטערישער און פאָלקאָמענער געוואָרן. גלייכצייטיק האָט ער באַקעמפט מיט גרויס ליידנשאַפט די שרייבער און רעדאַקטאָרן, וואָס האָבן געבראַכט שאָדן דער יידישער ליטעראַטור און אונטערגעגראָבן די חשיבות פון דעם יידישן וואָרט. ער דערקלערט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף שמ“רן און זיינע ביכער, וואָס האָבן דאַן געוועלטיקט אין דער יידישער וועלט. ער גיט אַרויס אַ ביכל „שמ“רס משפּט“, וו ער פאַראורטיילט אָט דעם מין שרייבן. ער שלאָגט אָפּ די אַלע אַטאַקעס, וואָס ווערן דאַן געמאַכט אין דער העברעישער און רוסיש-יידישער פרעסע און אפילו אין דער איינציקער יידישער אויסגאַבע אין רוסלאַנד קעגן דער יידישער שפּראַך. ער זוכט פאַרבינדעטע פאַר זיין קאַמף, ער ניצט אויס באַקאַנטשאַפט און גוטפריינדשאַפט, כדי אָפּצושלאָגן די אַלע אָנגריפן.

שלום-עליכם ווייזט אַרויס געוואַלדיקע ענערגיע און גרויס באַגייסטערונג אין זיין ליטעראַרישער און אַרויסגעבערישער אַרבעט. כמעט איינער אַליין, אַרומגערינגלט מיט פיינט, טוט ער זיין אַרבעט, וואָס ברענגט וווּנדערלעכע רעזולטאַטן. ער גיט אַרויס אויף זיין אייגענעם חשבון „די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק“, צוויי גרויסע, פאַר יענער צייט כמעט לעגענדאַרע האַנטבאַנדן. ער פאַרעפנטלעכט אין די ערשטע צוויי בענד זיינע אמת-יידישע ראָמאַנען „סטעמפּעניו“ און „יאָסעלע סאָלאָוויי“, ער שרייבט רעצענזיעס, קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן ווערק, ער פאַרעפנטלעכט אַ ביבליאָגראַפיע פון יידישע ביכער, ברענגט אַן אייגענע אַרבעט „וועגן זשאַרגאָן-אויסלייג“ — הכלל ער לייגט פונדאַמענטן פאַר דעם ווייטערדיקן וווּקס און אויפבוי פון דער יידישער ליטעראַטור.

מיט זיינע צוויי זאַמלביכער „די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק“ האָט שלום-עליכם אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און קולטור. ער האָט מאָביליזירט די וויכטיקסטע דעמאָלטיקע יידישע, העברעישע און רוסיש-יידישע שרייבער און געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן ווייטערדיקן בויען און שאַפן.

אין זיין „ביבליאָטעק“ האָט צווישן אַנדערע דעביוטירט יצחק לייבוש פּרץ, ווו ער האָט פּאַרעפנטלעכט זיין באַלאַדע „מאָניש“.

אין נישט בלויז אַ פונדאַמענט האָט ער געלייגט פאַר דער יידישער ליטעראַטור. שלום-עליכם מיט זיינע ווערק איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקע זיילן, אויף וועלכע עס איז מיט דער צייט אויפגעבויט געוואָרן דער גרויסאַרטיקער יידישער ליטעראַטור-בנין.

אויב פון געציילטע, צעטיילטע שרייבער אין „זשאַרגאָן“ איז געוואָרן אַ גרויסע און שטאַרקע יידישע ליטעראַטור — האָט אין דעם גאָר אַ גרויסן חלק שלום-עליכם, וואָס האָט זיך פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט געשטעלט אין דינסט פון דער יידישער מאַסן-ליטעראַטור און דערהויבן זי דורך זיינע ווערק צו אַ נאַציאָנאַלער יידישער ליטעראַטור.

די עלטערע קיעווער שרייבער — די מיטצייטלער פון שלום־עליכם

.1

עס זענען באַקאַנט אין דער ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג ווערק — אָפּהאַנדלונגען און ביכער — וועגן די ייִדישע און העברעיִשע שרייבער פון ווילנע, וואַרשע, אָדעס, — די אַמאָליקע ייִדישע קולטור־ און ליטעראַטור־צענטערן. פיל ווייניקער אינטערעס איז געשענקט געוואָרן צו די עלטערע ייִדישע און העברעיִשע (אַמאָל איז נישט געווען קיין אינטערשיד צווישן זיי) שרייבער און משכילים פון קיעוו. אמת, קיעוו האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט ווילנע, וואַרשע, אָדעס און מיט זייער ראָל אינעם קולטור־ליטעראַרישן לעבן פון יענע יאָרן, אָבער דאָך האָט אין קיעוו געלעבט אַ גרעסערע צאָל ייִדישע און העברעיִשע שרייבער, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די אַמאָליקע אויסגאַבעס און געלאָזט הערן זייערע שטימען ביי פאַרשידענע העפטיקע געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישע קאַמפן אין יענע יאָרן. קיעוו האָט אַמאָל געשמט פאַר אַ „גוייִשער" שטאָט, זי האָט זיך געפינען אויסערן „תחום" און ממילא נישט געקאָנט פירן קיין אָפענעם ייִדישן קולטור־השכלהדיקן לעבן, ווי אַנדערע ייִדישע שטעט. אָבער דאָס אַמאָליקע וואָרט „כי מקיוב תצא תורה" (פון קיעוו וועט אַרויסקומען תורה) איז מסתמא נישט געווען בלויז אַן איראָנישער זאָג און ס'האָט זיך מסתמא אויף עפּעס געשטיצט. און סוף־כל־סוף באַגעגענען מיר דאָס וואָרט „חכמי־קיעוו", ווי ס'זענען באַקאַנט געווען אין דער קולטור־געשיכטע די ווערטער „חכמי ווילנע", „חכמי־וואַרשע" און „חכמי־אָדעס". און דער אויסדרוק „חכמי־קיעוו" שטאַמט דאָך פון שלום־עליכם'ן גופא, וועלכער איז געווען אין זיינע שאַפערישע, רייפע יאָרן אַ דורכווים קיעווער.

די קיעווער ייִדישע, העברעיִשע און רוסיש־ייִדישע שרייבער האָבן

אויך פֿאַרעפֿנטלעכט ספֿרים, ביכער און מאמרים אין דער אַמאָליקער ייִדישער ליטעראַרישער וועלט. אָט די עלטערע קיעווער שרייבער־משׂכּילים האָבן אויך פֿאַרנומען א חשוב אָרט אינעם לעבן און שאַפֿן פֿון שלום־עליכם, זיי האָבן אויף אים געווירקט, און זיי זענען געווען באַווירקט פֿון אים. עס זענען געווען ביי ש“ע און די קיעווער שרייבער, באַזונדערס אין די ערשטע יאָרן פֿון ש“עס קומען קיין קיעוו, געמיינזאַמע אינטערעסן, בשותּפֿותדיקע געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייטן, ער האָט אָפֿט געקליבן נחת פֿון זיי, ווי אויך, נישט זעלטן, געהאַט עגמת־נפֿש און זאָרגן.

אין זיין אויטאָביאָגראַפֿישן בוך „פֿונעם יאריד“, וווּ ש“ע האָט באַמיט זיך אויפֿצולעבן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט, אין זיינע „לעבנס־באַשרייבונגען“ האָט ער, ווי באַוווּסט, געהאַט בדעה אַרויסצוברענגען די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפֿן און, ווי ער זאָגט אַליין, „די פֿאַרשוינען, וואָס ער האָט ווען באַגעגנט אויף דעם גרויסן יאריד“.

ווי מיר זעען, באַזונדערס פֿון דעם לעצטן טייל, האָט ער זיך פֿאַרנומען גאָר ברייט.

אינעם קאַפּיטל 4 (דריטער טייל „פֿונעם יאריד“), ווו ער דערציילט וועגן בנימינזאָנען דעם משורר, גיט ש“ע צו: „אין אַ צייט אַרום האָט זיך דער נאָמען בנימינזאָן געלאָזט הערן אין דער גרויסער „מלחמה“, וואָס ס'איז אויסגעבראָכן צווישן די „חכמי קיעוו“, מיט וועלכע מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען...“ און ש“ע זאָגט: „זיין נאָמען האָט זיך געלאָזט הערן אינאיינעם מיט די נעמען פֿון משה אהרן שאצקעס, יצחק יעקב ווייסבערג, דובזשעוויטש,* דאַרעווסקי“...** (ז. 138).

---

* אברהם דוב דובזשעוויטש (1843—1899) — אין די יונגע יאָרן געשריבן העברעישע שירים און דערנאָך פֿאַרעפֿנטלעכט אייניקע העברעישע ביכער. געלעבט לאַנגע יאָרן אין קיעוו, געווען לערער פֿון העברעיש ביי די בראָדסקים אין הויז. אין 1893 געקומען קיין אַמעריקע, וווּ געהאַט אַ שווער לעבן, זיך באַטייליקט אין העברעישע צייטשריפֿטן פֿון אייראָפּע און אַמעריקע, געווען אין אַמעריקע לערער אין דער מאָנטיפֿיאָרע־תּלמוד־תּורה.

** ישׂראל דאַרעווסקי, העברעישער לערער, געשריבן אין „המליץ“, אַרויסגעגעבן, צווישן אַנדערן, אַ בוך וועגן די ייִדן אין פֿאַרצייטיקן קיעוו. באַמיט זיך צו דערווייזן, אַז קיעוו איז געווען אַמאָל אַ קאָלאָניע פֿון די כוזרישע אָדער קרימער ייִדן. ק י ע וו האָט געזאָלט, לויט י. דאַרעווסקי שטאַמען פֿון

שלום=עליכם מאָלט לעבעדיק און טרעפלעך די געפילן=שטימונגען פון אַ יידישן יונגנמאַן (אָדער בחורל, ווי ש"ע רופט אים), וואָס „די גרויסע שטאָט" ציט אים צו זיך, און איז פאַר אים אַ מאַגנעטישע קראַפט". ס'איז „די באַרימטע הייליקע שטאָט קיעוו"... „עס האָט אים געצויגן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, ווי עס ציט אַ קינד צו דער שיין פון דער לבנה אין אַ גרויסער שטאָט זענען פאַראַן גרויסע מענטשן... דאָס זענען די גרויסע משכילים, באַרימטע שרייבער און פון גאָט געבענטשטע פּאָעטן, וואָס זייערע נעמען האָבן אַזוי שיין געקלונגען אין די אויערן פון די יונגעטשקע משכילימלעך..." (ז' 228).

מיט אַ פּאָר זייטלעך ווייטער גיט שוין איבער ש"ע, ווי דער „העלד" (דאָס מיינט — ער גופא!) איז געקומען קיין קיעוו און „אויף מאָרגן אינדערפרי האָט ער זיך געלאָזט דערקענען צו די גרויסע ליכטיקע שטערן, וואָס שיינען אַראָפּ צו אונדז פון זייער הימל=הויך. דאָס הייסט, צו אונדזערע באַרימטע גרויסע לייט, צו אונדזערע משכילים און פּאָעטן, צווישן וועלכע ער האָט געוווּסט אין קיעוו דערוויילע נאָר איינעם. דאָס איז געווען דער העברעישער דיכטער, וואָס איז באַרימט אונטערן נאָמען יהל"ל"... (ז' 231). ש"ע דערציילט דערביי אַ גאַנצע געשיכטע... לסוף שילדערט ש"ע, ווי דער „העלד" „טרעט אַריבער די שוועל מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און מיט אַ פּאַרצאַפּלטער נשמה" אין חדרל אַריין, ווו ער טרעפט „דעם באַרימטן דיכטער אין אַ פּאָעטישער פּאָזע, צונויפגעלייגט די הענט אויפן האַרצן, ווי אַלעקסאַנדער פּושקין, אָדער, לכל=הפחות, ווי מיכה יוסף לעבענזאָהן". „דער דיכטער — שרייבט ש"ע אין עטלעכע דרייסיק יאָר שפּעטער, מיט איראָניע, — איז געווען, ווייזט אויס, אין זייער אַ הויכער פּאָעטישער שטימונג. וואָרום ער האָט אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן חדרל (ביי בראָדסקין אין קאַנטאָר, ווו ער האָט געאַרבעט — נ. מ.) מיט די צונויפגעלייגטע הענט אויפן האַרצן און האָט אויף זיין יונגן פּאַרערער כמעט גאָרנישט געקוקט און קוים=קוים געענטפערט אויפן גוט=

צ י ו ן. כאָרעוואַיאַ גאַס — פון וואָרט חורב אאַוו. דער באַוווּסטער פּובליציסט דוד זאַסלאַווסקי, וואָס זיין פאָטער יוסף איז געווען אַ פריינד פון ש"ע, אלזער שולמאַן א.אנד., איז געווען עטלעכע יאָר אַ תלמיד, געלערנט העברעיש ביי י. דאַרעווסקין. ד. זאַסלאַווסקי האָט קיין סך העברעיש זיך נישט אויסגעלערנט ביי זיין רבין, אָבער אַן אינטערעס פאַר רוסיש=יידישער ליטעראַטור און געשיכטע האָט ער פון אים זיכער איבערגענומען.

מאָרגן מער נישט ווי מיט אַ בייזן קוק פון זיינע קאַסאָקע אויגן"....
(ז' 234).

און אָפּמאָלנדיק אים אַזוי גאַנץ טרעפלעך, זאָגט ווייטער ש"ע:
„...אין עטלעכע יאָר אַרום, אַז דער נאַיווער פאַרערער איז אַליין געוואָרן אַ שרייבער, און נישט נאָר אַ שרייבער — ער איז נאָר געוואָרן אַ רעדאַק־טאָר פון אַ יאָרבוך [„די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" — אין 1888 — ג. מ.], און דער פּאָעט יהל"ל האָט אים געבראַכט אַ פעליעטאָן, האָט אים דער אַמאָליקער פאַרערער, און דער איצטיקער רעדאַקטאָר שלום־עליכם, דערמאָנט זייער ערשטע באַגעגעניש און איבערגעגעבן די אויבנבאַשריבע־נע סצענעס, האָט זיך דער דיכטער געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכ־טער" (ז' 235).

גלייך נאָך דעם פירט ש"ע אַרויס אין זיין „פונעם יאריד" (אינעם קאפּ. 18) מיט גרויס מייסטערשאַפט נאָך צוויי קיעווער משכילים: דעם קיעווער ראַבינער (געמיינט צוקערמאַן — ג. מ.) און דעם „אומשאַני יעוורעי ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר — הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ.

מ'האָט באַדאַרפט די אַלע אַרויס־געבראַכטע געשטאַלטן פעדזוענלעך קענען (און איך האָב זיי גוט געקענט און אין מיינע יונגע יאָרן מיט זיי זיך געטראָפן אין קיעוו), צו ווּיסן, ווי קונציק, ווי שאַרף און ווי אמתדיק זיי זענען אַרויס פון ש"עס געבענטשטער און מייסטערישער פעדער. ש"ע מוט זיך אַ זאָג: „דער באַזוכער באַטראַכט דעם קיעווער ראַבינער און פאַרגלייכט אים מיט די ראַבינערס פון די קליינע שטעטלעך, וואָס ער האָט געקענט... דער איז אַ ריז. און אַ שיינער מענטש. איין חסרון נאָר, וואָס ער איז אַ געלער און אַ ביסל אַ שווערער פאַרשוין. רעדט פּאַמע־לעך, מוט יעדע זאַך פאַוואָליע, דענקט פאַוואָליע, כמעט אָן נערוון. אַזעלכע מענטשן לעבן הונדערט יאָר. זיי כאַפּן זיך נישט שטאַרבן — זיי האָבן צייט"... (ז' 241).

מיט חוזק און איראָניע רעדט ש"ע וועגן באַראַץ. דורך די עטלעכע קורצע אמתדיקע שטריכן וואַקסט אויס פאַר אונדז הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ, אָט דער „טשודאַק" (מאָדנער מענטש) מיט אַלע פּיטשעווקעס: „אין אַ פּאָר מינוט אַרום פליט אַריין אַ ייד מיט שיטערע באַקנבאַרדן און מיט זייער אַ נידעריקער ראיה, און איז עפּעס מאָדנע צעטראָגן. נישט שוין־זשע איז אָט דער ייד אַן „אומשאַני יעוורעי" ביים גענעראַל־גובער־נאַטאָר? ער זאָל נישט גיין אויסגעגאָלט אַ שטיק באָרד אַקוראַט אינמיטן, וואָלט ער געקאָנט שווערן, אַז ער איז אַ מלמד, א גמרא מלמד..." ש"ע

מאַלט אים ווייטער אויס דערציילט אַ באַקאַנטן אַנעקדאָט וועגן באַראַצעס צעטראָגנקייט...

די אַלע דריי, וואָס ווערן אַזוי מייסטעריש אַרויסגעבראַכט דורך שלום־עליכם'ן, האָבן געלעבט פיל יאָרן, אויך נאָך ש"עס פאַרלאָזן קיעוו, און זיי האָבן, יעדער איינער אויף זיין אופן און שטייגער, פאַרגעזעצט זייער לעבן אין דער שטאָט, וואָס האָט מיט דער צייט זיך שטאַרק געענדערט, און גאָר אַנדערע מענטשן און קרייזן, פערזענלעכקייטן און ריכטונגען האָבן פאַרנומען אַנגעזעענע ערטער אינעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן לעבן אין קיעוו.

די ווייטערדיקע שלום־עליכם־שילדערונגען, פון וועלכע עס האָט באַדאַרפט אַרויסוואַקסן אַ „גרויסאַרטיקער בנין", „אַ קאָלאָסאַל בוך, וואָס האָט אפשר געקאָנט דערגרייכן ביז צען בענדער", זענען „איבערגעריסן אין רעכטן מיטן" (ווי י. ד. בערקאָוויטש באַמערקט אינעם נישט־פאַרענדיקטן קאַפּיטל 21 „די וויבאָרעס") און זענען שוין, צום גרויסן צער און פאַרדרוס, נישט געקומען. ס'איז נישט באַשערט געווען, אַז די קיעווער יידישע שרייבער־משכילים, די „חכמי קיעוו", זאָלן פאַראייביקט ווערן דורך ש"עס ווונדערלעכע שילדערונגען...

זייער מעגלעך, אַז צווישן די „נישט באַאַרבעטע אויטאָביאָגראַפישע מאַטעריאַלן און רשימות", וואָס זענען פאַרבליבן נאָך ש"ע, זענען אפשר דאָ אָנגעוואָרפענע שטריכן וועגן אייניקע שרייבער־משכילים, וואָס האָבן געלעבט אַרום ש"ע.

ס'איז די אויפגאַבע פון י. ד. בערקאָוויטש, ער זאָל פאַרעפנטלעכן די פאַרבליבענע מאַטעריאַלן, וואָס קאָנען וואַרפן אַ ליכט אויף ש"עס שרייבערישער סביבה אין קיעוו, וו ער האָט פאַרבראַכט פיל שאַפערישע יאָרן.

.2

י. ד. בערקאָוויטש אין זיין לענגערער אָפּהאַנדלונג „מיט דער משפחה פון שריפטשטעלער" („שלום־עליכם־בוך", ניו־יאָרק, ז"ז 155—189), שטעלט זיך אָפּ בקיצור אויף דער קיעווער גרופּע שרייבער — „די אַזוי גערופענע „חכמי קיעוו", און ער באַמערקט דערביי, אַז „יענע גרופּע האָט גאַנץ וויניק געהערט שלום־עליכם'ן צום האַרצן". מיר מיינען, אַז ס'איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. י. ד. בערקאָוויטש מאַכט דערנאָך אַליין אייניקע אויסנאַמען, צו וועלכע ש"ע האָט זיך באַצויגן בעסער. און זיין געבראַכטן צעטל קאָן מען שטאַרק פאַרגרעסערן, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען.

י. ד. בערקאָוויטש זאָגט וועגן די דאָזיקע קיעווער שרייבער: „דאָס זענען געווען על־פּי רוב „ליטוואַקעס" — העברעישע לערער, בעלי־דקדוק, ספּעציאַליסטן אויף „חכמת ישראל", וואָס האָבן צווישן זיך געפירט אַ טאָפּלטע מלחמה: „לשם שמים" און „לשם בראָדסקי" — דאָס הייסט, אחוץ וואָס זיי האָבן אָפּט זיך נישט געקאָנט אייניקן אין ליטעראַרישע פראַגן, האָבן זיי געפירט צווישן זיך אַ קאָנקורענץ איבער דער לערער־שטעלע ביי דער קיעווער מיליאָנערן־משפּחה פון די בראָדסקים"...

אָבער די בראָדסקי־משפּחה איז נישט געווען די איינציקע פאַרמעג־לעכע פאַמיליע אין קיעוו, וואָס האָט געקאָנט צושטעלן פּרנסה יידישע לערער.

„שלום־עליכם — שרייבט ווייטער י. ד. בערקאָוויטש — ווי אַ געזעל־שאַפטלעכער מענטש און אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין קיעוו, פלעגט זיך מיט זיי אָפּט באַגעגענען, צוליב ספּאָרט, פאַרמעסטן זיך מיט זיי אַמאָל אויפן העברעישן געביט, נאָר קיין שטאַרקע ליבשאַפט האָט ער צו זיי נישט געפילט... אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעגט ש"ע דערמאָנען צום גוטן נאָר איינעם פון זיי — משה אהרן שאַצקעס, דעם מחבר פונעם „המפתח" און פונעם „יידישן ערב פּסח", וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט אי מיט זיין העברעישער געלערנטקייט, אי מיט זיין חריפותדיקן הומאָר".

ווייטער דערמאָנט י. ד. בערקאָוויטש אלעזר שולמאַנען, „דעם באַ־וווּסטן העברעישן שריפטשטעלער און היסטאָריקער פון דער יידישער ליטעראַטור", יצחק יעקב וויסבערגן און מ. מ. וואַרשאַווסקין, וואָס „ש"ע האָט אין אים אַנטפּלעקט דעם יידישן פאָלקס־דיכטער און אַרויסגעפירט „אים אויף דער יידישער וועלט"... י. ד. בערקאָוויטש ציטירט אַ בריוו, וואָס ש"ע האָט געשריבן צו י. ה. ראַווניצקי, ווען ער האָט אים געשיקט (סוף 1898) מ. וואַרשאַווסקיס ערשטע לידער פאַרן „יוד": „...די חכמי קיעוו, ימח שמם, האָבן שוין לאַנג אויף מיר מוציא לעז געווען, אַז איך בין אַזאַ מין מחבר, וואָס פאַרגין קיינעם נישט, עיני צרה בשל אחרים [איך פאַרגין נישט אַן אַנדערן], אַז ס'איז נאָר אַני ואפסי עוד [איך בין איינער און ווייטער קיינער], וכו', וכו', וכו'. איך וויל זיי באַווייזן, אַז אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אַריין" (ז"ז 185—187).

אָבער לאָמיר אויפן סמך פון אָט־די פּאָר שלום־עליכם־שורות נישט אַרויסטראָגן קיין האַרבן פּסק־דין (אורטייל) אויף אַלע יידישע קיעווער שרייבער־משכילים, וואָס אַ צאָל פון זיי האָט זיכער געהאַט ווichtיקע פאַר־דינסטן, יעדער איינער אויף זיין געביט און אין זיין קרייז. און די שריי־

בער, העברעישע און העברעיש=יידישע, האָבן אויך געפירט אַ קולטור=געזעלשאַפטלעך און ליטעראַרישן לעבן לויט די באַגריפן און פּאַרנעם פון יענער צייט. זיך באַטייליקט אין דער דעמלטיקער פּרעסע און געווען אַקטיווע מענטשן.

אַן אינטערעסאַנטן גרוס וועגן דער יידישער שרייבער=משפּחה אין קיעוו האָבן מיר אין דעם אַרטיקל, וואָס א. גורשטיין, דער באַוווסטער סאָוויעטיש=יידישער קריטיקער, האָט פאַרעפנטלעכט וועגן דעם באַקאַנטן יידישן שרייבער ישעיה ניסן גאָלדבערג יקנה"ז).* א. גורשטיין ברענגט אויסצוגן (ליידער, בלויז אויסצוגן) פון „א גרויסן אויטאָביאָגראַפישן בריוו", וואָס יקנה"ז האָט „אים אַמאָל צוגעשיקט", ווו ער „גיט אַ ביז גאָר משעקאַווע בילד פון דעם קיעווער שרייבערישן לעבנס=שטייגער סוף 80=ער יאָרן. ער, יקנה"ז, האָט דעמלט געוווינט אין קיעוו, ווו עס איז צו יענער צייט געווען אַ היפּשע גרופּע יידישע און יידיש העברעישע שרייבער. אין זייער שפּיץ איז געשטאַנען שלום=עליכם, דער דעמלטיקער קיעווער גביר און מעצענאַט..." „דעמלט איז געווען שלום=עליכם — שרייבט יקנה"ז צו א. גורשטיין — זייער „במעלה העליונה" (אויף דער העכסטער שטופע), גערעכנט זיך פון די קיעווער גבירים, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אויף דער בירזשע, אַריין צו אים איז מען ווי אין אַ קייזערלעכן פּאַלאַץ"..

„אויף איין גראַד מיט ש"ע — שרייבט א. גורשטיין — איז געשטאַנען דער געלערנטער אלעזר שולמאַן — איינער פון די פּיאָנערן אויפן געביט פון דער יידישער ליטעראַטור=געשיכטע, און דערצו איז שולמאַן געווען „דאָך דער צווייטער בראָדסקי"... אינאיינעם מיט שלום=עליכם'ן און שולמאַנען איז אויך געווען דער העברעישער משורר יהל"ל, דער אַמאָליקער סאָציאַליסט און שפּעטער אַ מקורב צו די בראָדסקים. דאָס זענען געווען די קאַרפּן=קעפּ צווישן די דעמלטיקע יידישע שרייבער אין קיעוו, די חשיבֿסטע און פּאָרנעמסטע צווישן זיי... גאָר אַנדערש האָט אויסגעזען די שרייבערישע „כאַליאַסטרע", צו וועלכער עס האָבן אָנגעהערט די ישרי=

---

* יקנה"ז (ישעיה ניסן הכהן גאָלדבערג), געבוירן אין 1958, געשטאָרבן אין 1927. זינט 1878 גענומען שרייבן העברעיש און יידיש. געווען א בעל=מגיה פון ספר=תורות. א צייט געלעבט אין קיעוו, ווו זיך באפריינדעט מיט ש"ע, פארעפנטלעכט אין „יידישער פאָלקס=ביבליאָטעק", ב. 1, זיינע „בריוו פון ליטע קיין אמעריקע". אין 1891 צוריקגעקומען אין ליטע, געוווינט אין מינסק, ווו געשריבן עטלעכע הונדערט דערציילונגען אין יידיש און העברעיש, וואָס זענען געדרוקט געווען אין כמעט אלע יידישע און העברעישע צייטונגען פון זיין צייט.

בער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין וואָג אין דער גנוזעלשאַפט. דאָ איז דער „ראש הקהל“ געווען משה אהרן שאַצקעס — דער מחבר פון דעם באַרימטן „יידישן פאר פסח“. אַן אריינגייער ביי אים אין זיין גאַסטפריינדלעכער שטוב זענען געווען אונדזער יכנה“ז אין אַ ריי, אַצינד גאָר ווייניק=באַקאַנטע אָדער לחלוטין פאַרגעסענע מחברים און האַלבע מחברים, ווי י. י. וויסבערג, בנימינזאָן, דאַרעווסקי א. אנד. אייניקע פון די דאָזיקע נעמען וועט דער לעזער נישט געפינען אין קיין לעקסיקאָן! שאַצקעס האָט אין זיך געהאַט — דערציילט יכנה“ז — אַ מאָדנע קראַפט צו רעדן וויציק און אַרויסרופן געלעכטער, פונקט ווי לייענענדיק זיין „פאַר פסח“... ער, שאַצקעס, זיצט אויבן אָן און רויכערט זיין קליין ליילקעלע מאַכאָרקע, פון מויל שיטן זיך פערל, אַלע זיצן, הערן און קוועלן...“ אַזוי תמימותדיק האָט געריזלט דאָס לעבן פונעם קיעווער דעמאָקראַטישן „סאַלאָן“, און די אָנגעזעענסטע שרייבער זענען דאָ געווען גאָר זעלטענע געסט („זעלטן ווען זיי פלעגן אַמאָל אַריין אויך צו שאַצקעסן“)...“ („יידישע קולטור“, 1951, נ׳ 2. ז׳ 52).

אַן אינטערעסאַנטן פּרווו אַרויסצוברענגען די שלום=עליכם=סביבה אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם האָט געמאַכט דער באַקאַנטער יידיש=סאָוויעטישער שרייבער און ליטעראַטור=פאָרשער אורי פינקעל. אין מינסקער צייטשריפט „שטערן“ (מערץ=אַפּריל 1939) האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ קאַפּיטל „צווישן די קיעווער יידישע שרייבער“ (פון זיין בוך „שלום=עליכם“), ווו ער שילדערט אַן אָוונט ביי שלום=עליכם׳ן אין הויז, אויף מאַלאַ=וואַסילקאָווסקע=גאַס 26 אין קיעוו, ווו עס האָט „זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרופּע קיעווער יידישע שרייבער. אינגאַנצן זענען געקומען היינט צום שלום=עליכם׳ן אַ פינף=זעקס מענטשן, כמעט אַלע זענען געווען אין די עלטערע יאָרן און אפילו אין טיפן עלטער“. דאָס איז געווען סוף אויגוסט 1886, ש“ע איז דאַן אַלט געווען 27 יאָר.

עס זענען בייגעווען מ. א. שאַצקעס יצחק יעקב וויסבערג, ישעיה ניסן גאָלדבערג (יכנה“ז), יהל“ל. „עס האָט אויך געזאָלט קומען צו דער פאַרזאַמלונג מיכל גאָרדאָן,* ער איז אָבער געווען אַזוי שוואַך, אַז ער האָט נישט געקאָנט אויפשטיין פון זיין בעט אין מושב זקנים...“

---

* מיכל גאָרדאָן (1823—1890), דער באַוווסטער יידישער דיכטער, געבוירן און אויפגעוואַקסן אין ווילנע, דער שוואָגער פון י. ל. גאָרדאָן, יל“ג. געווען א נאָענטער פריינד פונעם העברעישן דיכטער אד“ם הכהן לעבענזאָן און זיין זון

אורי פינקעל מאַלט יעדן איינעם פון די שרייבער, זייער אויסזען, זייער אופן פון רעדן, און אויך שלום־עליכם'ן וואָס „שפּאַנט אַרום איבערן צימער"... „ער האָט זיך אַליין געסטאַרעט, די געסט זאָלן זיך פילן וואָס היימישער, אויפגעכאַפּט יעדן איינציקנס באַוועגונג, צוגעהערט זיך צו די רייד פון יעדן איינעם"... „עפּעס איז היינט דער לוסטיקער ש"ע געווען ערנסט און גערעדט מיט מער ברען ווי אַלעמאָל..." „אין דעם דאָזיקן אָוונט איז געלייגט געוואָרן דער ערשטער פונדאַמענט פאַר ש"עס זאַמל־ביכער, די „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק..." (ז"ז 43—46).

.3

אַז שלום עליכם האָט זיך אָפּט געפילט גאָר היימיש אין לעבעדיק צווישן די פאַרשידענע קיעווער משכילים־שרייבער, זעען מיר פון אַ בריוול אין פערזן, וואָס ער האָט געשריבן צו יצחק ראָזעט, דעם איינגעטיימער פון דער קליינער דרוקעריי אויף באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַ, אַרום ש"עס הויז. יצחק ראָזעט, אַ הויכער, פעסט־געבוימער מאַן, איינער פון די חובבי־שפת־עבר אין קיעוו, האָט פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט העברעישע שירים, און אין זיין אייגענער דרוקעריי אויך אָפּגעדרוקט אַ ביכל העברעישע שי־רים. ערב חנוכה תרס"ה, איז ש"ע געווען קראַנק, האָט ער געשיקט אַ יידיש בריוול אין פערזן, ווו מיר האָבן אַזעלכע שפּילעוודיקע שורות:

„איך בין קראַנק, איך זיץ אין שטוב,
בין נישט געשטאָרבן און ליג אין גרוב.
— — — — — — — — — — — — — — — — —

ש"ע סטראַשעט זיין פריינד: „מאַמער שטאַרב איך אַוועק, און גע־זעגן זיך אָפּ מיט דער זינדיקער וועלט, וואָס וועט זיין מיטן יידישן זשאַר־גאָן? ווער וועט שרייבן אַ פּרייעלעכן פעליעטאָן?..."

מיכה יוסף. א קראַנקער אויף א קרעבס (קענסער), איז ער געבראַכט געוואָרן אין 1888 קיין קיעוו, ווו געשטאָרבן אין קיעווער יידישן שפּיטאָל, ווינטער 1890, אין עלטער פון 67 יאָר. אין שע"ם „יוד. פאָלקס־ביבליאָטעק", ב. 2, איז געדרוקט געוואָרן זיין ליד „שיר לבר מצוה". וועגן מיכל גאָרדאָן, זיינע שירים און זיינע ביכער, איז פיל געשריבן געוואָרן.

אין ש"ע פֿאַרענדיקט זיין וויציק בריוול:

„נאָך איידער איך פֿאַרלאָז די זינדיקע וועלט,
קומט צו גיין, וועלן מיר ריידן ניט פֿון געלט,
נאָר גלאַט אַזוי, ווי געוויינלעך גוטע ברידער,
און בדרך הליכה פֿון וואַרשאַווסקיס לידער,
אַ ביסל ליטעראַטור, אַ ביסל זייטיקע זאַכן,
אַ ביסל ערנסט, אַ ביסל וועלן מיר לאַכן,
ביקור־חולים איז אַ גרויסע זאַך,
און גוטע ברידער איז נישטאָ קיין סך!..."

(„יידישע קולטור", 1951, נ' 5, ז' 18).

אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל „מיט דער משפּחה פֿון שריפֿטשטע־לער" שרייבט י. ד. בערקאָוויטש, אַז „אין ש"ע־אַרכיוו געפֿינט זיך אַ היפּש ביסל בריוו, געשריבן צו אים... פֿון אַזעלכע שרייבער ווי א. ב. גאָטלאָבער, קלמן שולמאַן, י. ל. גאָרדאָן, מ. ל. ליליענבלום, א. ש. פֿרידבערג, אל. צע־דערבוים, א. צוקערמאַן, יהל"ל, י. י. וויסבערג, מ. א. שאַצקעס, מיכל גאָרדאָן, א. גאָלדפֿאַדען, עליקום צונזער, ש. פֿרוג, מ. י. בערדיטשעווסקי און פֿיל צענדליקער אַנדערע" (ז' 183). עס איז אַ גרויסער שאָד און אויך אַן עוולה, וואָס ביז איצט זענען די וויכטיקסטע בריוו פֿון די דער־מאָנטע שרייבער נישט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן. זיי וואָלטן געוואָרפֿן אַ ליכט אויף דער שרייבערישער סביבה און בכלל אויף יענער צייט, וואָס האָט אַרויסגערוקט אַזויפֿיל וויכטיקע שרייבער.

מיר האָבן אַ לענגערן בריוו, וואָס ש"ע האָט געשיקט צו י. י. וויס־בערג, כ"ה כסליו, תרס"א, צו זיין 60־טן געבוירנטאָג, וו מיר זעען, ווי באַפֿריינדעט ש"ע איז געווען מיט דעם משכיל־שרייבער, וועלכער איז גע־ווען אויף אַן 18 יאָר עלטער פֿון אים, און ווי גוט־ברודעריש איז געווען ש"עס באַציונג צו אים. און ווי אַלעמאָל, ווען ש"ע האָט זיך צוגעזעצט עפּעס אָנצושרייבן, האָט געפֿלאָסן פֿון זיין געבענטשטער פֿעדער פֿאָלקס־חכמה און באַהאַרצטע רייד. און ס'האָבן זיך געפֿלאָכטן טרעפֿלעכע שורות, גוטמוטיקע אויסדרוקן און פֿען־שטיפֿערייען פֿון גוטן שלום־עליכם'שן מין און כאַראַקטער.

דאָס בריוול הייבט זיך אָן אַזוי: „שלום לידידי מידידי הראשונים בקיוב יצחק יעקב וויסבערג נ"י, אור לוים ב' אאוו. און עס ענדיקט

זיך: „אַזוי ווינטשט איך און בענטשט איך אייער אמתער, אמתער גוטער פריינד פון אַמאָל און פון היינט — שלום עליכם“.

און עס קומט אַזאַ לידל:

„די מעשה דערפון איז אַזוי:
ביי איך איז דאָך היינט יוביליי,
ווילט זיך מיר אַ ביסל רעדן,
אַ ביסל, נישט קיין סך,
אין דער יידישער שפּראַך
פאַר אַבראַמאָוויטש דעם זיידן.
דען איטלעכער שרייבט אַזוי, ווי ער קאָן,
פאַרוואָס זאָל מען נישט שרייבן קיין יידיש זשאַרגאָן?
ובפרט נאָך איך, אַ יידישער שרייבער,
וואָס שרייבט כל ימיו פאַר יידישע ווייבער?“

ש“ע גיט צו, אַז „די אַלע ברכות, וואָס אין די גאַזעטן מיט די אַלע בריוולעך, וואָס איר וועט באַקומען, געוויינלעך אין לשון קודש, וועלן, נעבעך, אייערע לייט נישט פאַרשטיין קיין איינציק וואָרט“, שרייבט ער דעריבער דעם בריוו אין יידיש:

„לאָזן זיי וויסן, אונדזערע ווייבער,
וואָס באַדייט אַ יידישער שרייבער...“

און ווייטער מאַלט ש“ע אין זיין בריוו מרעפּלעך אַ יובל פון אַ יידיש־העברעישן שרייבער אין יענער צייט: „אַ זשמעניע פון יידישע משכילים וועלן אפשר קומען, און האָט נישט אַלע אייניגעם, אָפּגעבן שלום, נעמען אַ שמעק טאַבעק און אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע. און פון דער ווייטן, פון פרעמדע שטעט, וועט זיך אַ שאָט טאָן בריוולעך מיט „מליצות“, „מליצות“, „מליצות“, מיט גרויסע „לכבודן“, מיט ברכות און מיט ווינטשעוואַניעם און מיט חתימות מיט ציקלען און מיט דריידלעך און מיט קוועטשלעך און מיט ווידלען...“ („יידישע קולטור“, 1946, נ. 5, ז' 46).

פון דעם לאַנגן, גוטמוטיק־שטיפערישן בריוו זעט מען, ווי ש“ע האָט זיך געפילט היימיש און גוטברודעריש מיט זיינע עלטערע מיטצייטלער, פיל בעסער און היימישער ווי מען שטעלט זיך פאָר אין ווי אייניקע (און בתוכם — איך י. ד. בערקאָוויטש) באַשרייבן.

עס איז געגנוג אַדורכצולייענען דעם האַרציקן, טיף־רירנדיקן בריוו, וואָס ש“ע האָט געשריבן צו משה באַראָטשין, דעם באַוווסטן קיעווער

מוהל. ווער אין קיעוו האָט נישט געקענט דעם פּאָפּולערן מוהל משה באָ=
ראַטשין? אַ שיינער, הויכער ייד, מיט אַ גרויסער, בכבודיקער שיין=גע=
פּוצטער באָרד , אַ ייד אַ ווערטל=זאָגער און שטענדיק אַן אויפגעלייגטער
און פריילעכער. מ'האָט באַדאַרפט קענען אָט=דעם ייד, כדי צו באַגרייפן
דעם פריילעכן, האַלב=ערנסטן און האַלב=שטיפערישן טאָן, אין וועלכן דער
לענגערער שלום=עליכם=בריוו איז געשריבן. ש"ע טיטולירט אים: „לכבוד
ידידי הישיש, החותך חיים לכל חי (אם הוא בן זכר מזרע היהודים), איש
חמודות, רב פעלים ומהיר במלאכתו, וכו' וכו' וכו'". דער עכט שלום=עלי=
כם'דיקער בריוו איז אַן ענטפער אויף אַ בריוו=אָנפראַגע, וואָס משה באָ=
ראַטשין האָט געשיקט צו ש"ע (אין 1914) מכוח אַ פלאַש כרמל=וויין,
וואָס מ'האָט אויף דעם ברית פון שלום=עליכם'ס זון, נ יומא, באַהאַלטן אין
קעלער, וועלכע מ'זאָל עפענען צום קידוש בר=מצווה... פרעגט משה באָראָ=
טשין ביי ש"ע, אין 13 יאָר אַרום, וואָס ער זאָל טאָן מיט דער אָפּגעהיטער
פאַרחתמעטער פלאַש וויין אַצו. ש"ע, ווי זיין שטייגער איז, ווען ער האָט
נאָר אַ געלעגנהייט, לאָזט זיך ווילגיין מיט זיינע גלייכווערטלעך און שטי=
פרייען, און נאָך אַלע „היומם" גיט ש"ע צו: „וואָס מאַכט אייער פלו=
נית, אייער טאָכטער, אייער איידעם און זייער טעכטערל — געוועזן אַ ברען
אַ מיידעלע! און אייער זון, וואָס מאַכט? שרייבט ענטפער תיכף ומיד.
מאַכט איר אַמאָל אַ זעקס=און=זעכציק, אָדער אַ טויזנט, אָדער אַ פּראָסטע
יידישע סמוקעלקע?..." (ש"ע=בוך, ז"ז 118—120).

אַזוי „עמד"דיק, אַזוי פאַן=בראַטיש איז ש"ע געוועזן מיט זיינע קיע=
ווער פריינד, משכילים, באַלעבאַטים און סתם יידן!

.4

פון די אַלע קיעווער משכילים=שרייבער האָט שלום=עליכם אַרויסבאַ=
וויזן אַ גאָר באַזונדערע פאַראינטערעסירונג, וואָס איז גיך אַריבער צו
אַ פריינדשאַפט און צו אַ טיפער פאַרערונג, צו מאַרק וואַרשאַווסקי.
שלום=עליכם אַליין האָט, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, גערן געשריבן וועגן
זיין ליבלינג מאַרק וואַרשאַווסקי *, וועמען ער האָט אַנטדעקט און דער=

* וועגן דער טיפער גוטפריינדשאַפט, וואָס האָט געהערשט צווישן שלום=
עליכם און מ. מ. וואַרשאַווסקי, האָבן מיר גאַנץ אויספירלעך דערציילט אין אונ=
דזער אַרטיקל „מ. מ. וואַרשאַווסקי און זיין „אַנטדעקער" שלום=עליכם" („יידי=
שע קולטור", 1946, נ. 4, ז"ז 35—41.), ווו ס'ווערט איבערגעגעבן, ווי ש"ע

נאָך כסדר מיטגעהאָלפן, אַז זייַנע פאָלקס=לידער זאָלן דערזען די ליכטיקע שייַן און וואָס מער פאַרשפּרייט ווערן. און ס'איז אינטערעסאַנט, ווי ש"ע פאַרבינדט אָפּט זיך גופא מיט וואַרשאַווסקין. ש"ע, ווי באַקאַנט, האָט זיך באַמיט מען זאָל מ. וואַרשאַווסקיס לידער אָפּדרוקן, און צו ביידע אויפלאַגעס (צו דער ערשטער פון יאָר 1900 און צו דער צווייטער פון יאָר 1914 האָט ער אָנגעשריבן האַרציקע, התפּעלותדיקע פאָררעדעס. ש"ע מאָלט אים אַזוי אָפּ: „אַ מענטש פון אַריבער פופציק, קורצן וווקס מיט קורצזיכטיקע, נאָר שמייכלענדיקע און אַ סך רעדנדיקע אויגן, גוט געפּאַקט, אַן אָפּגעטראָגן רעקל, מיט אַ ביסל אויסגעריבענע עלנבויגנס, אַן אַלט=געזעסענער שניפּס, אַ גיך גענגל, אַ שיין קול, און אַ שטאַרק=הילכקער געלעכטער — אָט דאָס איז וואַרשאַווסקיס פּאָרטרעט". ש"ע הערציילט, אַז „ס'איז כמעט נישט אַוועקגעגאַנגען אַן אָוונט, אַ ציוניסטישע פאַרזאַמלונג, מען זאָל אונדז נישט שלעפּן פון „קרעשטשאַטיק" אויף „פּאָדאָל"* און פון „פּאָדאָל" אויף „קרעשטשאַטיק" איך האָב געמוזט עפּעס פאָרלייענען און וואַרשאַווסקי — עפּעס זינגען — און נישט „עפּעס" זינגען, נאָר טאַקע אַ סך זינגען!..."

שלום=עליכם'ס הויז אין קיעוו איז געווען אַ מין קולטור=צענטער, ווו מ'פלעגט זיך אָפּט טרעפן. צו אָט=דעם הויז האָבן זיך געצויגן שרייבער אויך פון אַנדערע שטעט, ווען זיי זענען געקומען קיין קיעוו אָדער פאַרבייגעפאָרן די שטאָט.

האָט זיך מיט אים צופעליק באַקאַנט און ווי ער האָט דערנאָך סטימולירט אים צו פאַרשרייבן זייַנע לידער און ווי ער האָט אים שפּעטער געצוווּנגען זיי צו פאַרעפנטלעכן. שלום=עליכם האָט אויך זיך אָנגענומען די קריוודע פון מ. מ. וואַרשאַווסקי און ער האָט שאַרף און ערנסט אָפּגעענטפערט דעם באַוווסטן יידישן מוזיקער יואל ענגעל, וועלכער האָט אין אַ לענגערן אַרטיקל „וועגן די יידישע פאָלקס=לידער פון מ. מ. וואַרשאַווסקי" („וואָסכאָד", 1901, נ. 18) אַראָפּגעריסן וואַרשאַווסקיס מוזיק. אויף דעם האָט ש"ע פאַרעפנטלעכט „אַן אָפענעם בריוו צו יואל ענגעל" אין „יוד" (פונעם 13=טן יוני, 1901). וועגן דעם האָבן מיר געשריבן אַן אַרטיקל „ש"ע און מ. מ. וואַרשאַווסקי" („יידישע קולטור", 1951, נ. 5, ז' 7), און אויך איבערגעדרוקט ש"עס אָפענעם בריוו (ז' 10).

* צוויי טיילן פון דער באַרגיקער שטאָט קיעוו, וואָס אַ הויכער באַרג האָט זיי פאַנאַנדערגעטיילט. ש"ע האָט געוווינט אין דעם אויבערשטן טייל פון דער שטאָט.

עס דערציילט י. א. קאַצאָוויטש (אין זיין בוך „זעכציק יאָר לעבן“, ניו־יאָרק, 1919) וועגן זיינעם אַ באַזוך אין שלום־עליכם׳ס שטוב אויף אַ שמחהלע. עס איז געווען אַרום 1900, י. א. קאַצאָוויטש האָט ווינטער־צייט, אין דער צייט פון די „קאָנטראַקטן“, פאַרבראַכט אין קיעוו. האָט אים ש״ע פאַרבעטן צו זיך אין הויז. ס׳איז געווען אַ חנוכה און גלייכצייטיק איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ באַנקעט לכבוד מ. וואַרשאַווסקי צו דעם דערשיינען פון זיינע לידער, וואָס ש״ע איז געווען דער הויפּט־מחותן.

און אָט ווי ער, י. א. קאַצאָוויטש, באַשרייבט זיין באַזוך ביי ש״ע און זיין באַגעגעניש מיט מ. וואַרשאַווסקין. ער איז געקומען אין ש״עס הויז, און „אַרומגערינגלט ביסטו מיט די שיינע בלומען פון אונדזער בליענדיקער יוגנט, סטודענטן און סטודענטקעס, וועלכע זענען מיטן גאַנצן פייער פון זייערע יונגע הערצער צוגעבונדן צום יידישן פאָלק“.

„און אָט קומט אַריין דער גרויער אַדוואָקאַט מ. וואַרשאַווסקי, דער פאַרפאַסער פון „אויפן פריפּעטשיק“ און אַנדערע פאָלקס־לידער, וועלכע יידן האָבן אויפגעכאַפּט און זינגען מיט פאַרגעניגן. נאָך אַ וואַרעמער אויפנאַמע, בעט מען דעם אַלטן, אַז ער זאָל עפּעס זינגען. זעצט ער זיך צו דער פּיאַנאָ און הייבט אָן צו זינגען און שפּילן. איר דערהערט דעם טיפן אייביקן קרעכץ פון דעם אייביק־ליידנדיקן יידישן פאָלק און אָט דערהערט איר און דעתפילט דעם יוהנס גלויבן און האָפן. אין יעדן פּערז, אין יעדן טאָן זעט איר, אַז אָט דער אַלטער אַריסטאָקראַט־אַדוואָקאַט באַזיצט אַ בריימע, וואַרעמע יידישע נשמה, וועלכע פילט און פאַרשטייט דאָס גאַנצע יידישע לעבן, און אַז זיין נשמה איז מיט ליבע און אַכטונג צוגעבונדן צו זיין אָרעם פאָלק...“ דערנאָך ווערט מען איינגעלאַדן צו די טישן, מיט לאַטקעס, וויין און קאָניאַק.

אין „נאָכן עסן האָבן די יונגע חברה דעם אַלטן אָוועקגעזעצט צו דער פּיאַנאָ, און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ באַגייסטערונג פון אַ יונגנמאַן צו זינגען און צו שפּילן. די פּיאַנאָ, דאַכט זיך, זיפצט און קרעכצט אונטער זיינע פינגער. די איינפאַכע האַרצרייסנדיקע ווערטער מיט די טרויעריקזיסע מעלאָדיעס דרינגען אַריין טיף אין אונדזערע הערצער, און עס באַווייזן זיך טרערן אין פיל אויגן. דער אַלטער באַמערקט עס און הייבט אָן צו שפּילן און זינגען זיינס אַ פריילעכס. חברה כאַפּט אונטער דעם ניגון. אַלע זינגען, אין מען גייט אַוועק אַ ריקודל, מען זינגט און מען טאַנצט מיט התלהבות, ווי אמתע חסידים“ (ז״ז 296—297).

אגב, איז ש״ע געווען אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פונעם אָדעסער פּאַ־לעסטינער קאָמיטעט „חובבי־ציון״ (אין יאָר 1890) צווישן די קיעווער דעלעגאַטן. מיר האָבן, צווישן אַנדערע, די קיעווער מ. פּאָלינקאָווסקי, משה קאַמיאָנסקי, וו. בערמאַן. שלום־עליכם איז אין יענער צייט געווען, ווייזט אויס, נאָך ווייניק באַוווּסט ביי די יידישע כלל־טוער, א סימן, ער שטייט אויפן גרויסן בילד אין דער לעצטער ריי, פאַררוקט אין אַ זייט (דאָס בילד איז רעפּראָדוצירט אין „ש״ע־בוך״, ז׳ 39). לאָמיר געדענקען, אַז ס׳איז שוין געווען נאָך דעם, ווי ש״ע האָט אַרויסגעגעבן די צוויי וואָגיקע זאַמלביכער „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק״ (1888 — 1889) און שוין געהאַט אָנגעשריבן פּרעכטיקע דערציילונגען.

מיט דער צייט האָט זיך ש״ע אַרויסגערוקט און געגאַנגען שנעל פאָ־רויס אין זיין ליטעראַרישן שאַפן. די עלטערע פון אים שרייבער זענען געבליבן הינטער אים, און אויך געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ שנעל־אופגעקומענעם שרייבער, און בפרט, אַז איין צייט האָט ער געשמט פאַר אַ גאָר גרויסן גביר.

אשר ביילין, דער זון פון דעם העברעישן שרייבער און משכיל מנחם נחום (געווען אַ באַלעבאָס פון אַ קליינער דרוקעריי), גיט איבער, ווי אין זיין פאָטערס הויז, וואָס איז געווען אַ „בית־ועד־למחברים״ (אַן אָרט, וווּ פאַרפאַסער, אָרטיקע און פרעמדע פלעגן זיך צונויפקומען), האָט מען אָפט גערעדט וועגן ש״ען מיט אַ מין באַהאַלטענער קנאה און אויך מורא. ווען אַ מחבר, וואָס איז געקומען קיין קיעוו צו פאַרקויפן זיינעם אַ ספר אָדער זאַמלען „פּרענומעראַנטן״ אויף אַ ספר, וואָס ער האָט זיך געקליבן אַרויסצוגעבן, פלעגט אים מנחם נחום ביילין ווינטשן, ווען יענער איז גע־גאַנגען צו ש״ע: „גייט געזונט, און היט זיך נישט צו קומען צוריק מיט אַ רויטער נאָז״. ווייל אָפטמאָל פלעגט ש״ע מיט אַזאַ מין פאַרפאַסער אָפשפּילן אַ סצענע: „געעפנט דעם ספר, אים געמישט פון רעכטס אויף לינקס, ווי מ׳מישט אַ נישט־יידיש בוך, האָט אַראָפּגענומען די פּענסנע, זיי געווישט און געריניקט, זיי אָנגעטאָן אויף דער שפּיץ נאָז און גענומען לייענען מיט אַ ניגון און דערביי זיך שאָקלען, און דערביי מיט אַ כלו־מרשטן התפּעלות געסמאַטשקעט מיט די ליפּן און אויסגערופן: „פלאי פלאים, מתוק מדבש״ (וווּנדער, שבוונדער זיסער פון האָניק)... אאוו.״

אַזוי, דערציילט אשר ביילין, האָט געטראָפן מיטן באַרימטן פאַרפאַ־סער יהושע מזח,* וואָס פלעגט אָפט קומען קיין קיעוו, מיטברענגען אַ נייעם ספר און גיין מיט אים צו שלום־עליכם'ן...

„ש"ע, — שרייבט א. ביילין — האָט זיך באַצייגן צו אייניקע יידישע קיעווער שרייבער, צו די „חכמי קיעוו", ווי ער האָט זיי גערופן, ווי צו בטלנים, און נישט געקומען אין זייער געזעלשאַפט און נישט געזוכט קיין פריינד' צווישן זיי". און זיי, די משכילים, די תלמידי־חכמים, האָבן נישט באַגריפן וואָס ער איז ביי זיך אַזוי גרויס, דער, וואָס שרייבט זשאַרגאָן...

און א. ביילין דערציילט, אַז ווען ש"ע האָט פאַרלוירן זיין געלט און געמוזט פאַרלאָזן קיעוו צוליב זיינע קרעדיטאָרן, האָבן אפילו אייניקע פון די „חכמי קיעוו", וואָס האָבן געהאַט אַ האַרץ אויף אים, זיך געפרייט מיט זיין שווערער לאַגע.

אָבער דאָס זענען געווען, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איינצלנע, אויסנאַמען.

.6

ווי איינער, וואָס איז פון זיינע קינדער־יאָרן געוואַקסן אין קיעוו און געהאַט פאַרשידענע געלעגנהייטן זיך צו טרעפן מיט אייניקע פון די עלטע־רע קיעווער שרייבער־משכילים און, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אויך קומען מיט זיי אין נעענטערע פאַרבינדונגען, ווילט זיך, כאָטש גאָר בקי־צור, דערציילן וועגן אייניקע פון זיי.

די ערשטע און וויכטיקסטע געלעגנהייט איז געווען, וואָס איינער פון זיי, אלחנן בן משה קלמנסאָן (1857—1930) איז געווען אַ צוועלף יאָר אַ בוכהאַלטער ביי מיין זיידן, אין זיין קיעווער קאַנטאָר פון די גלאָז־הוטעס. איך געדענק אים גוט, נאָך פון יענע יאָרן — נאָך איידער איך גופא האָב מיך געלאָזט שווימען אינעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן ים — ווי ער איז געזעסן ביים ברייטן קאַנטאָר־טיש, ביי די גרויסע דיקע קאָנטאָ־ביכער, ווו ער פלעגט אַריינשרייבן ציפערן פון פלעשער, לאָמפּן־גלעזער און שויבן (טאַפליעס) און דערביי אויך די געלט־סומעס. אָבער מער ווי מיט די קאָנטאָ־ביכער פון דעביט און קרעדיט, האָט ער שטענ־

* יהושע מזח (1834—1917) באַוווסטער פּאָפּולער העברעיש־יידישער שריי־בער, פּאַרפאַסער פון פיל ביכער און ביכלעך, וועלכער פלעגט אַליין אַרומפאָרן פאַרקויפן זיינע חיבורים.

דיק זיך פאַרנומען מיט השכלה־ און ליטעראַטור־ענינים. ער האָט בעת זיין אַרבעט שטענדיק געהערט וועגן הויכע ענינים און, ווי אַן עכ־ טער משכיל, נישט געשוינט די פרומאַקעס, די „גוטע יידן" און רעליגיעזע ספרים. „בלעם" — האָבן אים גערופן גוטמוטיק די אַרומיקע, און מיין מאַמע, אַ פרוי מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, פלעגט אים שטענדיק זאָגן: „איי, קלמנסאָן, האָט איר אַ צונג, זי זאָל אייך נאָר אָפּדאַרן!".

צי אַט דעם אלחנן קלמנסאָן פלעגן אַריינקומען די קיעווער משכילים־ שרייבער, זיך אַוועקזעצן ביים טיש און פירן לענגערע שמועסן. עס איז אַריינגעקומען דער אַלטער משה אהרן שאַצקעס (1825—1899) מיט דער לאַנגער, געדיכטער באָרד (אלא ל. נ. טאָלסטאָי, אָדער דער אַלטער רב, ר' שניאור זלמן מלאדי), ווען ער איז צוריקגעגאַנגען אַהיים פון זיין שטע־ לע אין אַ „בראָנפּן פּאָדוואַל". עס פלעגט אַריינקומען שלום־עליכם, ווען ער איז געווען אויף פּאָדאָל, אין זיין שוואַרצער פעלערינע. ס'איז אויך אַריינ־ געקומען הלל ציטלין, ווען ער איז געווען לערער פונעם „חדר מתוקן" אין קיעוו, און דער „מנהל" פון דער שול יעקב ליבערמאַן; משה ראָזענבלאַט, איינער פון די ערשטע „הובבי שפת עבר" אין קיעוו, איין צייט אַ סעקרע־ טאַר פון ד"ר עמנואל מאַנדעלשטאַם (ווען ער איז, בימי אוגאַנדע, גע־ וואָרן אַ טעריטאָריאַליסט); נחום מאַטוסאָוו, דער לערער, וואָס האָט זיך געשניטן פאַר אַ שרייבער, געשיקט מאמרים אין „השלח"; א. נ. גנעסין, ז. י. אנכי, יהושע מאַרגאָלין (געווען לערער, דערנאָך מהבר פון אייניקע העברעישע לערנביכער אין א"י), גריגאָרי יעווסעיעוויטש גורעוויטש, דע־ נישער קאָנסול, באַוווּסט געווען ווי גרשון באדאנעס, געווען אַ חבר און בן־ עיר פון אליעזר צוקערמאַן פון מאָהילעוו) אאוו.

אלחנן קלמנסאָן איז געווען איינגעטונקט אין משכילישן יחוס. זיין זיידע אלחנן, נאָך ווען ער איז געווען אַ נאָמען, האָט געשמט אין זיין צייט, ער האָט אפילו קאָרעספּאָנדירט מיט ש. ד. לוצאַטו (1800— 1865) און מיט אַנדערע באַוווּסטע שרייבער־משכילים. זיין פאָטער משה קלמנסאָן איז געווען אַ העברעישער שרייבער, מחבר פון אַ צאָל ספרים, ער האָט שוין געשריבן יידיש אין יידישן „פאָלקסבלאַט". אלחנן איז גע־ בוירן אין שקלאָוו, מאָהילעווער גוב., אין 1857, געלעבט דערנאָך אין אָמ־ טער, טשערניגאָווער גוב., און צו 17 יאָר (אין 1874) געקומען קיין קיעוו. דאָ האָט ער זיך באַפריינדעט מיט ד"ר יצחק קאמינער (1834—1901), דער באַוווּסטער העברעישער דיכטער (וועלכער האָט זיך אויך באַטייליקט אין א. ליבערמאַנס „האמת", אין מ. ווינטשעווסקיס „אסיפת חכמים".

ס'איז אינטערעסאנט, אגב, דער בריוו אין יידיש, וואָס ד"ר י. קאמינער האָט געשיקט צו שלום-עליכם, דעם אַרויסגעבער פון דער „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק" (זע „יידישע קולטור", נ. 4, 1951 ז"ז 42 — 43), ווי אויך מיטן דיכטער יהל"ל. אין קיעוו האָט אלחנן קלמנסאָן זיך באַטייליקט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און ער האָט געפירט קיין בערדיטשעוו יידישע און רוסישע פּראָקלאַמאַציעס. אין בערדיטשעוו האָט ער זיך באַקענט מיט יהושע מרדכי ליפשיץ (1828 — 1878), דעם טרייען קעמפער פאַר יידיש.

לויט זלמן רייזען איז א. ק. „געשטאַנען אין נאָענטע באַציונגען מיט דער דעמלטיקער ליטעראַרישער משפחה אין קיעוו (יהל"ל, מ. א. שאַצקעס. אליעזר אטלאַס, א. צ. צווייפעל, אלעזר שולמאַן, מ. מ. וואַרשאַווסקי א. אַנד.), געווען אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין ש"עס אינטימען ליטעראַרישן קרייז, „מאָנטיק און דאָנערשטיק"... („לעקסיקאָן", ב. 3, ז"ז 442—443). וועגן אלחנן קלמנסאָן האָב איך געשריבן אין „ליט. בלעטער" אַן אָפּהאַנדלונג. אין די לעצטע פאַר יאָר פון זיין לעבן, האָט ער געוווינט אין ריגע, וווהין צוריקגעקומען פון ארץ-ישראל. ער האָט אין ריגער „פרימאָרגן" פאַרעפנטלעכט אינטערעסאַנטע זכרונות פון זיינע קיעווער מיטצייטלער, וואָס וואַרטן מ'זאָל זיי איבערדרוקן. ער איז געשטאָרבן אין מערץ 1930. דוד בערגעלסאָן האָט אַריינגענומען אלחנן קלמנסאָן אין זיין „ביים דניעפּר". ביי אים הייסט ער קאַדיסאָן.

יצחק יעקב ווייסבערג (1841—1904) איז געווען פון די באַוווסטע העברעישע און יידישע שרייבער פון זיין צייט, זיך באַטייליקט כמעט אין אַלע דעמלטיקע העברעישע צייטונגען און צייטשריפטן. באַזונדערס באַקאַנט זענען זיינע „אגרות יל"ג" (י. ל. גאָרדאָנס בריוו). געווען באַפריינדעט מיט די יידישע שרייבער, זיינע מיטצייטלער, און זיך באַטייליקט אין ש"עס „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק", מ. ספּעקטאָרס „הויז-פריינד", אין „יוד" אאַז.

איינער פון די וויכטיקסטע „חכמי קיעוו" איז געווען אלעזר שולמאַן (1837—1904), וועלכער איז געווען מקורב צו די בראָדסקים (פריער לערער און דערנאָך הויפּט-קאַסירער). זייענדיק אַ פאַרמעגלעכער ייד, האָט ער אויפגעזאַמלט אַ רייכע ביבליאָטעק און זיך ספּעציעל פאַרנומען מיט פאָרשונגען פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור. טייל פון זיינע פאָרשאַרבעטן האָט ער פאַרעפנטלעכט אין ש"עס „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק" (ב. 2, 1889) אונטערן נאָמען „די געשיכטע פון דער זשאַרגאָן-ליטעראַ-

מור". די ווייטערדיקע מיילן האָט ער געדרוקט אין „השלח" (1898) און אין „יוד" (1900), זאַמלבוך „הילף" (1903) און אין „הזמן" (1903).

יהל"ל (1925—1844), וואָס ש"ע שילדערט אים אין זיין „פונעם יאריד", האָט אין די 70־ער און 80־ער יאָרן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער העברעישער ליטעראַטור, און זיין אָנהייב איז געווען פאַרבונדן מיט אהרן ליבערמאַנס „האמת". ער האָט אויך געשריבן יידיש, זיך באַטייליקט אין ש"עס „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" (1888—1889) און אין אַנדערע יידישע אויסגאַבן. ער איז געשטאָרבן אין 1925 (אין עלטער פון 81 יאָר), אין קיעוו, וווּ ער האָט געלעבט די לעצטע יאָרן אין גרוים דחקות. וועגן מארים ווינטשעווסקי האָט באַזוכט קיעוו (אין 1924), האָט ער זיך געטראָפן מיט זיין אַמאָליקן יוגנט־פריינד, וואָס געמיינזאַמע איבערלעבענישן האָבן זיי פאַרבונדן, און זיך אַראָפּגענומען מיט אים אויף אַ בילד. מיר פלעגן זיך מחעפן מיט אים אין קיעוו אין די שווערע בירגער־קריג־יאָרן (1917—1921). איך האָב געקריגן פון אים קורצע בריוולעך אין וואַרשע, פון וואַנעט אים געשיקט שטיצע. ער האָט אַמאָל געשריבן וועגן זיך, אַז אין דער יוגנט האָט ער „ליידנשאַפטלעך געשלונגען די קריטישע ווערק פון ביעלינסקי און דאָבראָליובאָוו". ער האָט אין די צייטן פון זיין פאַרבינדונג מיט א. ליבערמאַן, איבערגעזעצט אייניקע זאַכן פון מאַרקס און לאַסאַל אויף העברעיש.

צווישן די עלטערע יידיש־העברעישע קיעווער שרייבער און טוער איז געווען משה קאַמיאָנסקי (1853 — 1926) געבוירן אין מאָהילעווער גוב., אַ יוגנט־חבר פון לייזער צוקערמאַן און גריגאָרי גורעוויטש (1852—1929),* וועלכע זענען אין זייער צייט געווען שטאַרק טעטיק אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן אין ווין, בערלין און האָבן אפילו פיגורירט אין די טעטיקייטן און אינעם פּראָצעס פון אהרן ליבערמאַן 1842—1880). אגב, משה קאַמיאָנסקיס יינגערער ברודער, אָסקאַר קאַמיאָנסקי, איז געווען איינער פון די באַדייטנדיקסטע אָפּערע־זינגער אין רוסישן טעאַטער. זיין פרוי — ק. ברון, סאָפּראַנאָ, איז אויך באַרימט געווען. זיי פלעגן שפּילן די הויפּט־ראָלן אין פיל וויכטיקע אָפּערעס.

---

* וועגן אָט די צוויי קיעווער שרייבער־טוער זע קלמן מרמרם בוך „אהרן ליבערמאַנס בריוו" (ניו־יאָרק, 1951), מיין אָפּהאַנדלונג „לייזער צוקערמאַן" („יידישע קולטור", 1952, נ. 10, ז' 24—26), וווּ עס זענען אָנגעגעבן פּרטים און אויך קוועלן וועגן זייער לעבן און טעטיקייט.

שלום=עליכם, ווי מיר זעען, האָט אין זיין קיעווער פעריאָד, וואָס האָט
אַרומגעכאַפּט די יאָרן 1879—1905, געהאַט צו טאָן, געווען נאָענט באַ=
פריינדעט און אויך געזעלשאַפטלעך ליטעראַריש געווען ענג פאַרבונדן מיט
אַ גרויסער צאָל יידיש=העברעישע שרייבער, פון וועלכע ער איז לכתחילה
באַאיינפלוסט געוואָרן און וועלכע ער האָט מיט דער צייט באַווירקט. איי=
ניקע פון די שרייבער האָבן זיך באַטייליקט אין זיין „יידישע פאָלקס=
ביבליאָטעק", וואָס איז געוואָרן גאָר אַ וויכטיקע דאַטע אין דער געשיכטע
פון דער יידישער ליטעראַטור.

שלום־עליכם אין קיעוו און באָיארקע

שלום־עליכם'ס מאָטאָ צו זיין בוך „פונעם יאַריד" — „צו וואָס ראָ־מאַנען, ווען דאָס לעבן איז אַ ראָמאַן" — קאָן אייגנטלעך דינען ווי אַ מאָ־טאָ פאַר זיין גאַנץ שאַפן. נישט געווען ביי אים קיין מחיצה צווישן לעבן און שרייבן. זיינע ווערק קומען שטענדיק גלייך פון לעבן, און דעריבער זענען זיי גלייך געגאַנגען צוריק צום לעבן. כמעט אַלץ וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן איז געווען פערזענלעכע, דירעקטע איינדרוקן, וואָס האָבן גלייך געמאָנט אויסדרוק. אָנלאָדונג און אויסלאָדונג זענען ביי שלום־עליכם'ן פאָרגעקומען כמעט אין איין צייט. אָט שרייבט שלום־עליכם אין זיין הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע „מנחם מענדל": „מנחם מענדל איז נישט קיין העלד פון אַ ראָמאַן, און איבערהויפּט נישט קיין אויסגעקלערטע פיגור. דאָס איז געבעך אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, מיט וועלכן דער פאַרפאַסער איז פערזענלעך און נאָענט באַקאַנט. ער איז דורכגעגאַנגען מיט אים אַ שטיק לעבן פון כמעט צוואַנציק יאָר". און אויך טביה דער מילכיקער, דער ייד, וואָס האָט זיך אומגעדרייט אין בויבעריק (באָיארקע אַרום קיעוו), פאַרקויפט מילכיקס און געוואָרן מיט שלום־עליכם'ן אַ „פּאַן־בראַט", אויסדערציילט אים אַלע זיינע לעבנס־פּאַסירונגען, ער איז דאָך ביי שלום־עליכם'ן געוואָרן אַ מין מיטשותּף צום ווערק „טביה דער מילכיקער". שלום־עליכם לייגט אים אַריין אין מויל אַזעלכע ווערטער אין „קטונתי", (אַ בריוול פון טביהן צום מחבר), וואָס עפנט דאָס בוך „גאַנץ טביה דער מילכיקער": „...איך וויים נישט מיט וואָס איך האָב ביי אייך נושא חן געווען, איר זאָלט זיך אָפּגעבן מיט אַזאַ קליין מענטשל ווי איך, מיר שרייבן בריוולעך גאָר, און לאָ כל שכן אַרויסשטעלן מיין נאָמען אין אַ בוך, מאַכן פון מיר אַ גאַנץ שלוש סעודות... קטונתי, פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטריימל, אַז אַ וועלט מיט מענטשן זאָלן פּלוצעם געוווירער ווערן, אַז אויף יענער זייט בויבעריק, נישט ווייט פון אַנאַטעווקע, געפינט זיך אַ ייד, וואָס הייסט טביה דער מילכיקער?"

נאָך אין די יונגע יאָרן, ווען שלום=עליכם האָט צום ערשטן מאָל באַזוכט בערדיטשעוו, ציגעזען דעם אייגנאַרטיקן לעבנס=נוסח און די קאָלאָריטרייכקייט פון אָט דער יידישער שטאָט מיט אירע פירעכצן און אייגנשאַפטן, האָט ער אין אַ בריוו צו אַ פריינד געשריבן וועגן דעם יידישן דאָרטיקן לעבן מיט התפעלות און געזאָגט, אַז דאָס וואָס פּאַריז איז פאַר אַ פראַנצויזישן שרייבער, לאָנדאָן פאַר אַן ענגלישן, פעטערבורג אָדער מאָסקווע פאַר אַ רוסישן שרייבער, דאַרף זיין בערדיטשעוו פאַר אַ יידישן שרייבער. אָבער נישט בערדיטשעוו איז געווען די שטאָט פון שלום=עליכם'ס גרויסע קינסטלערישע אַספּיראַציעס, נאָר קיעוו, וואָס שלום=עליכם האָט געקרוינט מיטן נאָמען יעהופּעץ. אויב פאַר מענדעלען איז קאַבצאַנסק אָדער טונעיאַדעווקע געווען די קרענעצע, פון וועלכער ער האָט כּסדר געשעפּט און געשעפּט, איז פאַר שלום=עליכם געווען פריער קאַסרילעווקע און דערנאָך — יעהופּעץ. שלום=עליכם איז אין די סאַמע פריע יאָרן אַריבער פון קאַסרילעווקע קיין יהופּעץ און מיטגענומען מיט זיך אַהין זיינע פאַרשוינען. יעהופּעץ איז דער המשך, דער זעלבסטפאַרשטענדלעכער המשך פון קאַסרילעווקע. דאָ, אין קיעוו=יעהופּעץ, זעצן פאָר די שלום=עליכם=טיפּן זייער פאַרשידנאַרטיק באַוועגלעך און צעשטרייט לעבן.

קיעוו=יעהופּעץ פאַרנעמט גאָר אַ גרויס אָרט אין דעם לעבן און במילא אויך אין דעם שאַפן פון שלום=עליכם, און אַזוי אויך ביי די שלום=עליכם=געשטאַלטן, וואָס זענען אין תוך שטיקער פון שלום=עליכם'ן,ביין פון זיין ביין, פלייש פון זיין פלייש.

ווער עס וועט קומען שרייבן די גרויסע און פולע שלום=עליכם=מאָנאָגראַפיע, וועט זוכן צוזאַמענהאַנגען צווישן שלום=עליכם און דער אַרומיקער ווירקלעכקייט און וועלן אַרויסגעפינען די קוואַלן — קוועלן פון שלום=עליכם'ס ווערק, וועט מוזן באַזונדערס פאָרשן קיעוו, קיעווער טיפּן, קיעווער פּאַסירונגען. דאָס וועט אויך וואַרפן ליכט אויף שלום=עליכם'ס אַרט שאַפן און וועט פאַרלייכטערן דעם וועג צו שלום=עליכם'ן דעם מענטש און קינסטלער.

די קינדער=יאָרן האָט שלום=עליכם פאַרבראַכט אין דער קיעווער געגנט, אין די פאַרשידענע שטעטלעך, וואָס זענען אַזוי צי אַנדערש געווען פאַרבונדן מיט קיעוו. אויף איינער אַ יוגנט=פאָטאָגראַפיע, ווען שלום=עליכם איז אַלט געווען 18 יאָר, האָט שלום=עליכם אָנגעצייכנט קיעוו 1877. דעם 12=טן מאַי 1883 האָט שלום=עליכם חתונה געהאַט אין קיעוו — עס איז

פֿאַרבליבן אַ בילד פֿון אים מיט זיין פֿרוי. פֿון 1883 ביז 1890 האָט שלום⸗עליכם געוווינט אין קיעוו, און י. ה. בערקאָוויטש פֿאַרצייכנט די צייט פֿאַר „די סאַמע גליקלעכע יאָרן“ אין שלום⸗עליכם'ס לעבן. אין אָט דער צייט האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט זיין טאַלאַנט, ער האָט באַקומען אַ נאָמען אין דער ליטעראַטור און אויך אַרויסגעגעבן די צוויי בענדער „פֿאָלקס⸗ביבליאָטעק“. אין די זומערדיקע חדשים זינט 1884 פֿאַרברענגט שלום⸗עליכם מיט זיין פֿאַמיליע אין דעם זומער⸗פּאַלאַץ באָיאַרקע, אַ 20 וויאָרסט פֿון קיעוו, וואָס באַקומט ביי שלום⸗עליכם'ן דעם נאָמען בויבעריק — דער טרעף⸗פּונקט מיט טביהן פֿון שטעטל איגנאַטאָווקע (ביי שלום⸗עליכם'ן — אַנאַטעווקע), וואָס געפֿינט זיך אַ 6 — 7 וויאָרסט פֿון באָיאַרקע. פֿון 1893 איז שלום⸗עליכם ווידער אין קיעוו מיט זיין הויזגעזינד. ער וווינט אויף פֿאַרשידענע גאַסן, פֿירט אַ ברייט משפּחה⸗לעבן, וואַקסט זיך אַלץ מער אַריין אין דעם יידישן לעבן און אין דער יידישער ליטעראַטור, ביז דער פּאָגראָם אין אָקטאָבער 1905 פֿאַריאָגט אים פֿון רוסלאַנד אויף אַ לענגערער צייט.

נאָך אין דער קאָמעדיע „יקנה“ז אָדער דאָס גרויסע בערזענשפּיל“ (געשריבן אין 1894) פֿירט שלום⸗עליכם אַרויס אויף אַ ברייטן אופֿן פֿיל פֿאַרשיינען, וואָס ער „שטעלט זיי אַרויס אויף לייטיש געלעכטער“: — מיר האָבן דאָ „די גאַנצע יעהופּעצער בערזע מיט אַלע ספּעקולאַנטן און מעקלער פֿונעם גרעסטן ביזן קלענסטן“, — ווי עס ווערט געזאָגט אין די פּאָר ווערטער פֿונעם מחבר צום סוף פֿון בוך. צווישן די אַלע אַנדערע האָבן מיר דאָ אונדזער, שפּעטער גוט⸗באַקאַנטן מנחם מענדל, וואָס זיין פּלוגיתטע שיינע שיינדל האָט אים געשיקט געלט, ער „זאָל אַנטלויפֿן ווי גאָט איז אים ליב“ פֿון אָדעס אַהיים. און אַנשטאָט אַהיים, קיין קאַסרילעווקע, „טראָגט דאָס אים אַוועק צו אַלדי שוואַרצע יאָר קיין יעהופּעץ“ (ז' 87 „יקנה“ז“). זי שעלט אים אין איר בריוו, וואָס מנחם מענדל גיט אים לייענען זיין פֿריינד ציפּערבלאַט, מיט טויטע קללות און רופֿט אים אויף פּסח אַהיים. זי וואָרנט אים: איך קאָן טרעפֿן צו דיר קיין יעהופּעץ אויך און דאַרטן מאַכן דיר אַ ווייסטן, אַ פֿינצטערן סוף“. זי גיט צו: „איך זע פֿון דיינע בריוולעך, אַז דאָס יעהופּעץ האָט דיר, אפּנים, רעכט פֿאָליובעט, אַ סיבה דיר אין פּנים! ס'איז דיר געפֿעלן, זאָגסטו, וואָס וואַסער צאַפּט זיך דאָרטן פֿון דער וואַנט, לאַנטערנעס צינדן זיך דאָרט אַליין פֿון דער העלער הייט, אייזנבאַנען לויפֿן אַרום משוגענערהייט הין און צוריק אין

מיטן שטאָט, וכדומה אזעלכע הידושים מיט בבא־מעשיות פון מויזנט־איין־נאַכט, — מיינסט, ווייסט מיך ־רערמיט נעמען? אוודאי באַדאַרף איך געזיימיק האָבן דיינע יעהופּעצער געפלאַסטערטע גאַסן און „מאַרעטמאַרן"! וואָסער, קאָן איך באַשטיין, זאָל ביי מיר זיין אין דער דייזשע, און לאַנ־טערנעם באַדאַרף איך אויף כפּרות, איך גיי במילא נישט ביי דער נאַכט אין ערגעץ נישט..."

דאָס איז דער שטענדיקער קאָנפליקט, וואָס עס איז דאָ אין פאַרשי־דענע וואַריאַציעס צווישן קאַסרילעווקע און די קאַסרילעווקער מיט יעהו־פּעץ און די יעהופּעצער, וואָס שלום־עליכם האָט מיט אַזויפיל מייסטער־שאַפט אַרויסגעבראַכט אין זיינע ווערק. שיינע שיינדל מיט איר שוויגער ווילן נישט אָנערקענען יעהופּעץ און דעם יעהופּעצער לעבנס־שטייגער. אָט פאַרשטייט זי נישט, שיינע שיינדל, פאַרוואָס מנחם מענדל קאָן נישט צוליב „פּראָוואָזשיטעלסטוואָ" האָבן אַ שטענדיקע דירה אין קיעוו־יעהופּעץ (דער מאָטיוו, וואָס הזרט זיך איבער אַלעמאָל ביי שלום־עליכם'ן אין די ווערק!), אין זי שרייבט אויף איר מענה לשון: „איך פאַרשטיי נישט וואָס דו שרייבסט מיר, אַז קיין באַשטענדיקע סטאַנציעס האָסטו נישט, הערט ווו דו האָגסט, נעכטיקסטו נישט; די מוזט, זאָגסטו, אויסבאַהאַלטן זיך, מע זאָל דיך, חס ושלום, נישט איבערנעמען. ווייס דיך דער שוואַרצער יאָר... עס גייט מיך טאַקע מער נישט אָפּ צו מיינע זיידענע קליידער, מע זאָל דיך ברענגען צו פירן אַהער געקאָוועט אין קייטן! דיך דאַרף עס טרעפן! אַ שיינע שטאָט, אַ לייטישע, דאָס יעהופּעץ! מע זאָגט גאָר, אַז ביי־נאַכט טאָר מען זיך דאָרט נישט אַרומדרייען איינער אַליין אויף דער גאַס: גזלנים, זאָגט מען, טוען זיך איבער פאַר נקבות און מע שניידט קעשענעס... איך זאָל וויסן — דעם דריטן טאָג אַ שטיקל ברויט, וואָלט איך נישט געוואָלט קענען דאָס יעהופּעץ, ברענען זאָל דאָס!..."

די קאַסרילעווקער האָבן איינגעזען אין דעם יעהופּעץ עפּעס אַ מין אומגליק פון זיין ליבן נאָמען, זיי האָבן עס נישט געוואָלט קענען, זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר דעם.

און נישט נאָר די קאַסרילעווקער, וואָס יעהופּעץ איז פאַר זיי אָפּט ווי אַ בייזער חלום, האָבן טענות צו יעהופּעץ. אויך מנחם מענדל, וואָס איז שוין אַריינגעצויגן מיט לייב און לעבן אין דעם יעהופּעצער געווירבל, העלפט מיט דעם דאָרטיקן געלאָף מיטן געפּילדער, אויך ער, מנחם מענדל,

ווען מען טוט אים עפּעס אַן עוולה, רופט ער אויס, אין סוף פון דעם פערטן אַקט (אין „יקנה"ז") מיט דעם פּנים צו דער סצענע: „אָבער פּונקט ווי אין אָדעס, עס זאָל פעלן אַ האָר זאָל עס!" קיעוו, אָדעס — דער זעלבער יידישער יעהופּעץ, וואָס וואַקסט אויס און וואַקסט זיך פאַנאַנדער סוף 19־טן יאָרהונדערט און נעמט אָן, אונטער דער הערשאַפט פון דער צאַרישער מאַכט און איר פּאָליטיק צו יידן, מיט זיינע לופט־פּרנסות און אומגעלומפּערטע פּירעכצן אַ ספּעציפישן אויסזען און כאַראַקטער.

שלום־עליכם, וואָס האָט אַליין באַצייכנט זיין מוזע ווי „אַן אָרעמע, נאָר אַ פריילעכע", שלום־עליכם, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט צו שווימען אין אַ ים פון מענטשן, האָט אינטענסיוו געלעבט און כסדר געצאַפּלט אין אָט דער יידיש־גויאישער שטאָט, קיעוו, די „עכט־רוסישע" שטאָט, וואָס איז אַלץ מער פאַריידישט און פאַריידישלעכט געוואָרן. דער אָנגעלויף פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, דער כסדרדיקער צושטראָם פון יידישע מאַסן קיין קיעוו, דער שטענדיקער געראַנגל פון די יידישע מאַסן מיט דער צאַרישער מאַכט, וואָס האָט נישט געלאָזט און נישט געוואָלט פאַריידישן די „הייליקע שטאָט קיעוו", אָט די אַלע אומגעאָחמאַלקייטן אין דעם לעבן פון די יידישע פאָלקס־מענטשן, האָבן צוגעשטעלט זייער פיל קאָמישן און טראַגיקאָמישן שטאָף פאַר שלום־עליכם'ן.

עס שרייבט י. ד. בערקאָוויטש, דער שלום־עליכם־ביאָגראַף, וואָס האָט לאַנגע יאָרן נאָכגעפאָלגט שלום־עליכם'ן און זיין שאַפן, אָט וואָס: „ס'איז נישט געווען בלויז אַ צופאַל פון אומשטענדן, וואָס שלום־עליכם האָט די בעסטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין קיעוו, ווייט פון אַ ליטעראַרישער סביבה. אחוץ וואָס קיעוו, די מעטראָפּאָליע פונעם אוקראַינער יידנטום, דער קיבוץ־גלויות פון אַלע וואָליניער קאַסרילעווקעס, איז פאַר אים געווען דאָס נאָענסטע באַאָבאַכטונגס־פעלד, וווּ ער האָט זיך אַזוי היימיש און אינטים געקאָנט אָריענטירן, — איז די דאָזיקע שטאָט, מער פון אַלע אַנדערע שטעט אינעם יידישן תחום פון רוסלאַנד, געווען צוגעפּאַסט צו זיין לעבעדיקן, רירעוודיקן טעמפּעראַמענט, צו זיין טעטיקן, שטענדיקזוכנדיק און שטענדיק־רעוואָלטירנדיקן גייסט. די שטאָט פון ברייטן יידישן פאַרנעם, פון וואַגנדיקן יידישן אונטערנעמונגס־גייסט, פון רייכע מעגלעכקייטן און דערגרייכונגען, פון גרויסע עליות און ירידות — איז ווי לכתחילה באַשאַפן געוואָרן צו זיין שלום־עליכם'ס רעזידענץ... ווי אַ דאָרשטי־

קער שוואָם האָט ער זיך אָנגעזאָפּט מיט דעם זאַפּטיקן פאָלקס-לעבן פון זיינע וואָלינער ברידער אין דער ענערגישער באַוועגלעכער שטאָט. און דעם רייכן שפּעדיקן איבערפלוס האָט ער בייגאַכט, ביים ליכט פון שרייבטיש, צוריקגעגעבן דעם פאָלק אין אַן איבערגעשאַפענער געלייטערטער פאָרם... ער האָט זיך נישט געגייטיקט אין קיין רעדאַקציאָנעלע קאַבינעטן און אין קיין ליטעראַרישע קאַפע-שטיבלעך צו סטימולירן זיין שאַפן... ער האָט זיך אויפן קיעווער „קרעשטשאַטיק”, און אויפן קיעווער „פּאָדאָל”, צווישן די קאַסרילעווקער אין יעהופּעץ, געפילט היימישער און פרייער, ווי ער וואָלט זיך געפילט אין וואַרשע, אויף די ליטעראַרישע „דאָנערשטיקן”... (ש״ע-בוך ז׳ 157). ד. בערקאָוויטש דערמאָנט דאָ ווי אַ קעגנזאַץ צו קיעוו די וואַרשעווער „ליטעראַרישע דאָנערשטיקן”, ווו ער האָט געהערט פאַלן אַ פאָרוואורף קעגן שלום-עליכם׳ן און מען האָט אים באַצייכנט מיט איראָניע און אַ שטאָך — דער „קיעווער ייד”.

אָבער נישט אַלעמאָל איז דאָס לעבן אין קיעוו געווען פאַר שלום-עליכם׳ן אַן אַספּיראַציע פאַר זיין שאַפן. אָפטמאָל איז אים דערווידער דאָס הו-האַ-לעבן, דאָס שטענדיקע אַרומלויפן אין אַ פרעמדער סביבה. אָט שרייבט ער אַ בריוו צו מרדכי ספּעקטאָר (אין 1903), אַז ער „פילט זיך ווי ניי-געבאָרן מיט נייע, שפּאָגל-נייע כוחות. כמעט קאָן איך זאָגן, אַז איך הייב ערשט אָן שרייבן”, אָבער „אַז אָך און ווי איז מיר, איך באַ-דאַרף גאָר לויפן זוכן אַ קערבל! ברענגען זאָל די בערזע! ברענגען זאָל דאָס קערבל! ברענגען זאָלן די יידן אויפן פייער, אַז אַ יידישער שרייבער זאָל נישט קאָנען לעבן פון שרייבעריי אַליין און זאָל דאַרפן לויפן זוכן אַ קערבל! מע פרעגט מיך, די וואָס קענען מיך אין זעען מיך אַלע טאָג, ווען שרייב איך? כ׳לעבן, אַז איך ווייס אַליין נישט ווען! אָט אַזוי שרייב איך, גייענ-דיק, לויפנדיק, זיצנדיק ביי יענעם אין קאַבינעט, פאָרנדיק אויפן טראַמוויי, און פונקט בשעת מע דולט מיר אַ קאָפּ מיט אַ וואַלד, נישט-געהאַקטן וואַלד, אַ אימעניע אַ טייערע, אַ זאַוואָדל, — פונקט דעמלט וואַקסן אויס די שענסטע בילדער און עס לייגן זיך צונויף די בעסטע מחשבות, און מע קאָן זיך נישט אָפּרייסן אויף קיין מינוט, אויף קיין רגע דאָס אַלצדינג אַרויפגעמען אויף פּאַפּיר, ברענגען זאָלן די געשעפטן! ברענגען זאָל די וועלט!” (ש״ע-בוך, ז׳ 198).

אין דער צוואה, וואָס שלום-עליכם האָט געשריבן דעם 19-טן סעפּ-טעמבער 1915 , זאָגט שלום-עליכם צווישן אַנדערן: „ווו איך זאָל נישט שטאַרבן, זאָל מען מיך באַהאַלטן נישט צווישן אַריסטאָקראַטן, מיוחסים

אָדער גבירים, נאָר גראָד צווישן פּראָסטע ייִדן אַרבעטער, מיטן אמתן פאָלק, אַזוי אַז די מצבה, וואָס מען וועט דערנאָך אַוועקשטעלן אויף מיין קבר, זאָל באַשיינען די איינפאַכע קברים אַרום מיר, און די איינפאַכע קברים זאָלן באַפּוצן מיין מצבה אַזוי ווי דאָס פּראָסטע ערלעכע פאָלק האָט פאַר מיין לעבן באַשיינט זייער פאָלקס־שרייבער". אָט די מערק־ווירדיקע שורות זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום־עליכם'ן און זיין שאַפן. שלום־עליכם'ן איז אויסגעקומען צו לעבן און פאַרברענגען אין קיעוו אַרום גבירים, אַרום נגידים, אָבער זיין האַרץ, זיינע געפילן, זיינע סימפּאַטיעס זענען געווען צווישן די פּראָסטע ייִדן, זיי האָט ער געשענקט זיין נאָענטקייט, זיי האָבן אַרויסגערופן ביי אים ליבע, פּיעטעט. די בראָד־סקיס, די זייצעווס, די האַלפּערינס, די צוקער־פאַבריקאַנטן, וואָס ער איז געווען אַ צייט פאַרבונדן מיט זיי געשעפטלעך, זיי האָט ער אין זיינע ווערק דערמאָנט בלויז בדרך אגב פון דער זייט און ווייט. זאָגט טאַקע י. ד. בערקאָוויטש אין זיין אָפּהאַנדלונג „מיט פריינד און ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר" (ש"ע־בוך, ז' 288): „עס איז מערקווירדיק, אַז אין זיינע ווערק האָט ש"ע ווי בכוונה אויסגעמיטן צו באַרירן אויף אַ דירעקטן אופן דעם קרייז פון דער קיעווער פּלוטאָקראַטיע". ער האָט „גערנער באַשריבן זייע־רע קיכן און זייערע „מענטשן", איידער זייערע פּאַלאַצן און זיי אַליין". י. ד. בערקאָוויטש דערקלערט עס מיט אַ ריי סיבות. אין אַ פאַקט איז, אַז אויך אין בויבעריק (באָיאַרקע), וווּ ער האָט פאַרבראַכט פיל זומערס און דאָרטן זיך געטראָפן אין וואַלד מיט גבירים און גבירישע פרויען, אין בויבעריק האָט ער אויפגעגראָבן דעם פאָלקס־מענטש טביה און אין לויף פון אַ צוואַנציק יאָר געלעבט מיט זיינע פריידן און ליידן, באַמיט זיך אויפנעמען זיין ווערט, זיין כאַראַקטער. און נאָך וויכטיקער איז, וואָס ש"ע האָט גענומען איפּפּאַסן די קיעווער גבירים, זייערע פירעכצן דורך טביה דער מילכיקער, געזען זיי מיט זיינע, טביהס, אויגן.

נאָך אין דער ערשטער געשיכטע פון „טביה דער מילכיקער" (גע־שריבן אין 1895) מאָלט ש"ע ווי טביה לויפט נאָכן וואָגן און זאָגט די שמונה עשרה הויך, מיט אַ ניגון, ווי, להבדיל, ביים עמוד: „מכלכל חיים בחסד — דער וואָס טוט טון שפייזן אַלע זיינע באַשעפעניש, ומקיים אמונתו לישני עפר — אפילו די, וואָס ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל. אַזוי, טראַכט איך מיר, ליגט מען אין דער ערד! איי ווערט מען אויסגע־ריסן! נישט אַזוי ווי יענע, למשל, די יעהופּעצער נגידים מיין איך, וואָס זיצן אַ גאַנצן זומער אין בויבעריק אויף די דאַטשעס, עסן און טרינקען און

באָדן זיך אין אַלדאָס גוטס. אוי, רבונו של עולם, פאַר וואָס קומט דאָס מיר? איך בין, דאַכט זיך, אַ ייִד גלייך מיט אַלע ייִדן". (ז' 19).

טביה קוקט אויף יעהופּעץ, ווי אַן אמתער פויער קוקט אויף דער גרויסער שטאָט. ער האָט פאַר דער שטאָט מורא, ער ווערט דאָרט צעטומלט, ער קאָן גישט באַגרייפן דעם דאָרטיקן געוויש. און כדי וואָס שטאַרקער אונטערצושטרייכן די קעגנזאַצן, די ווידעראַנאַנדן פון דעם פּראָסטן ייִדישן מענטש, דעם האָרעפּס-ייִד מיט דעם גרויסשטאָטישן, מיטן יעהופּעצער, — פירט שלום עליכם צונויף אָט די צוויי עקסטרעמע טיפּן — טביהן מיט מנחם מענדלען — אין דער „טביה"-מעשה „אַ בוידעם" (געשריבן אין יאָר 1899). טביה איז פון דער באַקאַנטשאַפט מיט מנחם מענדלען אָפּגעבריט געוואָרן, ער האָט „געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק". און טביה מוסרט זיך דערנאָך: „באַרעכן נאָר, טביה, דו פערד איינער, ביסט דאָך עפּעס, זאָגט מען, יאָ נישט קיין נאַר, ווי קומסטו זיך לאָזן פירן אין באָד אַריין, און נאָך אַזוי נאַריש? וואָס וואָלט דיר אָפּגעגאַנגען אַצינדערטאָ, למשל, ביי דיין שטיקעלע פּרנסה, קיין עין הרע, מיט דיין ביסל מילכיקס, וואָס האָט אַזאַ שם אויף דער וועלט, כ'לעבן אומעטום, אין בויבעריק, אין יעהופּעץ, און ווו נישט?"

דער קלוגער, האַרט-ביי-דער-ערדיקער טביה האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון מנחם מענדלען, וואָס ער האָט אים געטראָפן אין יעהופּעץ. און אָט ווי מנחם מענדל דער יעהופּעצער קוקט אויס אין טביהס אויגן: „אַ פליער, אַ ברעכער, אַ לויפער, אַ דרייער, אַ נעכטיקער טאָג, אויף קיין גוט אָרט זאָל ער נישט שטיין!" מנחם מענדל, דערציילט טביה, „האָט מיך דערטאַפּט און פאַרדרייט מיר מיין קאָפּ מיט חלומות, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן". און געשען איז עס טאַקע אין יעהופּעץ, וווהין טביה איז געקומען צופאָרן מיט זיין ביסל מילכיקס „אַ פינט עטלעכע און צוואַנציק פוטער פרישע פון פוטערלאַנד, מיט אַ פּאָר שיינע וואָרעמשקעס קעז, גאָלד און זילבער, לאָמיר זיך ביידע — זאָגט ער צו שלום-עליכם'ן — ווינטשן אַזאַ יאָר!" אויספאַרקויפט די סחורה און אונטערגעוואָרפן דעם פערדל אַ ביסל היי, איז טביה זיך אַרוים אין שטאָט, אין יעהופּעץ. „אדם יסודו מעפר — מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, גלוסט זיך אָנקוקן אַ וועלט, כאַפּן לופט, זעען די אַנטיקלעך, וואָס יעהופּעץ שטעלט אַרויס אין די פענצטער..." און אָט אַזוי שטייענדיק ביי איינעם אַ גרויסן פענצטער „מיט האַלבע פריאַלן און קערבלעך זילבערנע אַ סך מיט באַנקאָווע בילעטן און מיט גלאָט סיגנאַציעס אָן אַ שיעור, צעשפּילט זיך די פאַנטאַזיע ביי טוביהן

און ער לאָזט זיך װײַגיין מיט זײַנע מחשבות: „װאָס װאָלט געװען, װען ער פֿאַרמאָגט כאָטש אַ צענט־חלק, װאָס אָט־דאָס־אָ באַטרעפֿט". און עס רוקט זיך אָן מעשׂה־שׂטן מנחם מענדל. עס װײַזט זיך אַרױס, אַז מען איז עפּעס שטיקלעך קרובים, — מײַן פֿעטער בײַטש־שטעקעלע", מען צערעדט זיך, — מנחם מענדל רעדט און טביה קוקט אים אָן װי אַ משוגענעם. טביה װײסט, אַז מנחם מענדל איז אַ קאַפּרילעװער, און ער חידושט זיך: „דו זאָג מיר בעסער, מנחם מענדל פֿערדצע, װי קומסטו אַהער, פֿלוצעם אינמיטן דרינען אין יעהופּעץ גאָר", מנחם מענדל דערצײלט, און טביה באַגרײַפֿט נישט זײַנע רײד, און מנחם מענדל זאָגט אים: „פֿרעגט נישט, טביה, ס'איז רעכט; איר זענט, אפֿנים, גאָרנישט באַקאַנט מיט די יעהופּעצער דינים און מנהגים..."

און דער סוף איז, אַז נאָך פֿיל רייד און טענות, זאָגט טביה צו מנחם מענדלען: „אָט פֿאָלג מיך, מנחם מענדל, פֿאָר זיך דורך צו מיר אין דאָרף אַרײַן אויף אַ טאָג, װעסט זיך אַ ביסל אױסרוען די בײנער כאָטש". מנחם מענדל פֿאָרט מיט טביהן, אָבער דאָרט אין טביהס שטוב, האָט זיך צעשפּילט מנחם מענדלס פֿאַנטאַזיע און ער האָט גענומען דערצײלן טביהן מעשׂיות און גליקן. ער „האָט דערצײלט מעשׂיות פֿון אָדעס און פֿון יע־הופּעץ, װי אַזױ ער איז געװען אַמאָל צען, װי מען זאָגט, „נא קאָני און פֿיד קאָניעם", הײַנט אַ נגיד, מאָרגן אַ קבצן, און װײַטער אַמאָל אַן אביון; געהאַנדלט מסחרים עפּעס אַלץ אַזעלכע, װאָס איך האָב אין מײַן לעבן נישט געהערט משונה־אומגעלומפּערטע; „האָס" און „בעס" און „אַק־ציעס־שמאַקציעס", „פּאָטיװילעװ", „מאַלצעװ־שמאַלצעװ", דער גוטער יאָר װײסט זײ דאָרטן, און חשבונות משוגענערװײַז, צען טױזנט, צװאַנציק טױזנט — געלט װי האָלץ!" טביה דערצײלט װײַטער, װי זײ האָבן אַזױ „פּאָװאָלינקע געפּלאַפּלט ביז העט־שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן; דער קאָפּ האָט זיך מיר פֿאַרדרײט פֿון זײַנע מעשׂיות מיט די װילדע געשעפֿטן מיט די טױזנטער, װאָס פֿליען אַרױף און אַראָפּ, און מיטן פֿאַרמעגן, װאָס בראָד־סקי פֿאַרמאָגט... עס האָבן זיך מיר נאָכדעם אַ גאַנצע נאַכט געפּלאָנטערט: יעהופּעץ... האַלבע פֿריאַלן... בראָדסקי... מנחם מענדל..."

דער סוף איז באַקאַנט: טביה האָט זיך געלאָזט אײַנרעדן, ער גיט אָפּ דאָס ביסל פֿאַרהאָרעװעטע געלט מנחם מענדלען, און עס האָט זיך אױס־געלאָזט... אַ בױדעם. טביה קלאָגט זיך פֿאַר שלום־עליכם'ן, װאָס ער האָט זיך געלאָזט אַרײַננאַרן און זאָגט דערבײַ: „און װער איז שולדיק, װען נישט

איך אַליין, וואָס האָב מיך געלאָזט איינרעדן גרינגע פייגעלעך, שמינדרי־קעס, שמאָכטעליאַקעס?"

אָבער דאָס איז נישט דאָס איינציקע מאָל, וואָס טביהן קומט אויס צו האָבן שטאַרקע קאָנפליקטן מיט יעהופּעץ, מיט יעהופּעצער מענטשן און זייערע פּירעכצן. יעהופּעץ פאַרמעסט זיך נישט נאָר אויף טביהן, נאָר אויך אויף זיינע טעכטער. נישט איין מאָל בלייבט טביה אַ באַזיגטער. נישט איין מאָל שטראָפט זיך טביה, קלאַפּט זיך „על חטא", וואָס ער גיט זיך אונטער די יעהופּעצער: „...און דעסגלייכן דו מענטש, להבדיל, ווילסט אַ שטיקל ברויט — גיי האָרעווע, מעלק די בהמות, טראָג זיך מיט די קריג־לעך, שלאָג פּוטער, מאַך קעז, שפּאַן דאָס פערדל און שלעפּ אַלע פרימאָרגן קיין בויבעריק אויף די דאַטשעס, נויג זיך און בוק זיך צו די יעהופּעצער גבירים, שמייכל צו זיי, חנפע זיי, קריך זיי אויסלעבן באַזונדער אין דער נשמה אַריין..."

יאָ, יעהופּעץ מיט זיין נייעם לעבנס־שטייגער, מיט זיינע „דינים און מנהגים" האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם שטילן אידילישן לעבן פון טביהן און עס אינגאַנצן צערודערט...

נאָר אויף אַ באַזונדערן אופן פאַרנעמט זיך שלום־עליכם מיט קיעוו־יעהופּעץ אין זיין ווערק „מנחם־מענדל". יעהופּעץ, די יעהופּעצער לופט־געשעפטן, די יעהופּעצער בערזע־סביבה — דאָס איז דער פאָן, אויף וועלכן עס וואַקסט אַרויס און איר גאַנצער צעטומלטקייט און טראַגישקייט די מנחם־מענדל־געשטאַלט. דורך מנחם־מענדלען איז שאַרף אונטערגעשטראָכן דאָס אומגעזונטע, דאָס אומנאָרמאַלע פון די יעהופּעצער עסקים. מנחם מענדל איז אַ פּראָדוקט פון יעהופּעץ, אַ פּועל־יוצא און אַ קרבן, פּונקט ווי די יעהופּעצער בערזע־סביבה איז אַ פּראָדוקט פון די מנחם־מענדלשע געשעפטן. עס איז אַ פאַרכישופטער קרייז, וו איינער פאַרדרייט דעם צווייטן. אָנגעהייבן פון זיין ערשטן בריוו „פּאַפּירלעך", וואָס מנחם־מענדל שרייבט פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינע־שיינדל אין קאַסרילעווקע (פאַר־עפנטלעכט אין יאָר 1896), ביז די לעצטע סעריע בריוו „אַ בכבודיקע פּרנסה", וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן אין יאָר 1909, — אין די אַלע בריוו וואַקסט אַרויס דער אמתער קיעוו מיט די פאַרשידענע פאַסירונגען און סיטואַציעס. מיר האָבן דאָ קיעוו־יעהופּעץ געמאָלט דורך דער צעהיצ־טער פאַנטאַזיע פון מנחם מענדלען, און גלייך, נאָך יעדער שילדערונג אין מנחם מענדלס בריוו, קומט אַ צווייטע, אַ מין אָפּהילך, די „אַנדערע זייט פון דער מטבע", אין דעם ענטפער פון שיינע שיינדל פון קאַסרילעווקע.

קיעוו=יעהופּעץ ווערט צעגלידערט אויף שטיק=שטיקלעך. מנחם מענדל ברענט, פלאַקערט, און שיינע שיינדל לעשט, גיסט וואַסער! מנחם מענדלען טראָגט יעהופּעץ אין דער לופטן און שיינע שיינדל שלעפּט צוריק אויף דער ריאַלער עוֹלם. אין די אַלע שילדערונגען צעשפּילט זיך שלום=עליכם'ס שטיפּערישקייט אויף אַלע כלים, שלום=עליכם קאַרגט נישט קיין ווערטער, ער לאָזט זיך וווילגיין סיי דורך מנחם מענדלען און סיי דורך שיינע שיינדלען.

מנחם מענדל איז, נעבעך. גאָט די נשמה שולידק. נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעבריט אין אָדעס (זע זיינע בריוו פון אָדעסער בערזע, „מנחם מענדל“, ז"ז 11—42), האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים: „און גאָט איז יודע דעם אמת, ווי ווייט עס האָט מיך געצויגן אַהיים“, נאָר וואָס דען „ס'איז, אַפּנים, מן השמים מיר אָנגעצייכנט געוואָרן, אַז איך זאָל מגולגל ווערן קיין יעהופּעץ און זאָל האַנדלען מיט „פּאַפּירלעך“...“ ער איז געזעסן אין וואַגאָן אויפן וועג קיין קאַסרילעווקע, האָט ער זיך באַגעגנט מיט איינעם „אַן אָדעסער שפּעגעלאַנט“, וואָס פאָרט קיין יעהופּעץ. און אָט דער „שפּעגעלאַנט“ האָט „מיר גענומען אָפּלייבן די שטאָט יעהופּעץ מיט די יעהופּעצער שפּעגעלאַנטן אין טאָג אריין“. מנחם מענדל האָט זיך געלאָזט איינרעדן און זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין יעהופּעץ „אויף אַ מישקאַ=ווערסט, אָנקוקן די בערזע מיט די שפּעגעלאַנטן“.

ער גיט גלייך אין ערשטן בריוו איבער וועגן די אַלע גליקן, וואָס ער האָט צו דערוואַרטן אין יעהופּעץ, און ער גיט צו אין דעם „עיקר שכחתי“, אַז זי, שיינע שיינדל, זאָל אים שרייבן „קיין בויבעריק, מחמת אין יעהופּעץ טאָר איך נישט זיין... דריי איך מיך ארום דעם גאַנצן טאָג אויף „קרעש=טשאַטיק“ ביי דער בערזע, און קומט ביינאַכט, כאַפּ איך מיך אַראָפּ קיין בויבעריק. דאָרט זיצט די גאַנצע חברה „שפּעגעלאַנטן“ אויף די דאַטשעס און מ'שפּילט אין קאָרטן (זכרים מיט נקבות אינײנעם — אַזוי איז דער מנהג...), און גאַנץ פרי לויפן אַלע קיין יעהופּעץ, און איך אויך בתוכם“.

פאַרשטייט זיך, אַז שיינע שיינדל איז שטאַרק אויפגעבראַכט. „ס'טייטש, איך שיק דיר ארוים אויף הוצאות און זאָג דיר אָן, דו זאָלסט קומען אַהיים, נעמסטו און פאָרסט אַראָפּ קיין יעהופּעץ, — ביסטו נישט ווערט, מ'זאָל דיך באַגראָבן אַ לעבעדיקן?... אַ נייער חלום, אַ וויסטער, אַ פינצטערער — „יעהופּעץ“!...“ זי טיילט אים איין קללות אין חרמות: „עפּעס אַ קליפּה, אַ נישט=גוטער — מענהט זי — האָט זיך אין אים אַריינ=

געכאַפּט! ביימאָג איז ער אין יעהופּעץ, און ביינאַכט איז ער אין בויבעריק מיט די מאַנסבילן און מיט די ווייבער אינאיינעם"... אָבער מנחם מענדל ווערט נישט נתפּעל פון שיינע שיינדלס סטראַשונקעס, ער ווערט אַלץ מער אריינגעפּלאָנטערט אין די יעהופּעצער געשעפטן, ער גיט איר אַלעמאָל, אין יעדן נייעם בריוו, צו פאַרשטיין וואָס אַזוינס יעהופּעץ איז. „וואָס דו פרעגסט, וואָס טו איך ביינאַכט אין בויבעריק, האָב איך דיר שוין געזאָגט, אַז יעהופּעץ איז אַ שטאָט, וואָס אַ ייד טאָר דאָרט נישט זיין".

שיינע שיינדל פון קאַסרילעווקע האַלט זיך ביי אירס, זי גלייבט נישט אין די יעהופּעצער גליקן: „פאַרשרייב דיר, מענדל, וואָס איך זאָג דיר, אַז אַלע דיינע יעהופּעצער לייט, וואָס דו שרייבסט, אַז זיי זענען מיטאמאָל באַגליקט געוואָרן, וועלן אם ירצה השם אינגיכן ווערן צוריק די אייגענע קבצנים וואָס פריער נאָר מיט מער פּרישקייט. וואָרום איך גלויב אַזוי אין דיינע „טראַנספּאָרטן" מיט דיינע „שמאַלצעווער", ווי אין דעם אָדעסער „לאָנדאָן"; אין כישוף און שרעטלעך גלויב איך שוין אַ סך מער, ווי אין אַלע דיינע יעהופּעצער „פּאָרטפּעלן"...

מנחם מענדל פלעכט אריין אין זיינע בריוו שטיקער לעבן פון קיעוו-יעהופּעץ, ער ברענגט ארוים אין איילעניש קיעווער געשטאַלטן, קיעווער פּאַסירונגען: „דו וואָלסט געמעגט זיך פאַרגינען אָנקוקן אין יעהופּעץ אַ שרפה", — שרייבט ער איר אַמאָל. אַ צווייט מאָל גיט ער צו אין זיין „עיקר שכחתי": „דו מיינסט, אפנים, אַז איך בין איינער אויפן יאַריד, וואָס איך האַנדל מיט פּאַפּירלעך? בראָדסקי האַנדלט אויך דערמיט... דו שפּילסט זיך מיט בראָדסקין? יענער, אז ער פאָרט דורך אין דער קאַרעטע, ציטערט דער „קרעשטשאַטיק", און אַלע יידן נעמען אַראָפּ די היטלען, און איך אויך בתוכם". און עס צעשפּילט זיך גלייך ביי אים די פאַנטאַזיע און ער זאָגט: „שיין וואָלט זיין, ווען איך ווער אַמאָל אַ בראָדסקי!... אַז גאָט וויל, נאַרעלע..." אָבער שיינע שיינדל לאָזט זיך נישט מיטשלעפּן אין די הימלען: „נאָר מעגסט דיר זאָגן וואָס דו ווילסט, ביז איך וועל נישט זען מיט מיינע אייגענע אויגן, וועל איך דיר נישט גלויבן; נישט מחמת איך האַלט דיך, חלילה, פאַר אַ ליגנער, נאָר דערפאַר ווייל אַלצדינג וואָס די יעהופּעצער פּיינע מענטשלעך דערציילן דיר, מיינסטו, אַז ס'איז תורת לאָקש".

און אַזוי גייט כסדר אין יעדן בריוו פון מנחם מענדלען צו שיינע שיינדלען און פון שיינע שיינדלען צו מנחם מענדלען אַ „מיינונגס-אויס-

טויש" וועגן יעהופּעץ און די יעהופּעצער. עס איז דער געראַנגל פון שטאָט און שטעטל, דער געראַנגל פון דער נייער צייט, וואָס רוקט אַרויס אינעם ייִדישן לעבן פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע מאָמענטן. דער געשפּיל נעמט אָן ביי שלום-עליכם'ן אַ גראָטעסק-פאָרם און ער גייט אָפּט אַריבער אין קאָמעדיע, אין פּראַגי-קאָמעדיע. און ביי שלום-עליכם'ן זענען ביידע געֶרעכט, — דער יעהופּעצער מנחם מענדל מיט זיין התפּעלות און די קאַסרילעווקער שיינע שיינדל מיט איר פאַראַכטונג; ביידע זענען גערעכט, ביידע דריקן אויס זייערע אויפריכטיקע געפילן.

מנחם מענדל טענהט צו שיינע שיינדלען: „און וואָס דו ביסט אַזוי אויפגעטראָגן אויף יעהופּעץ, איז נאָר דערפאַר, ווייל דו קענסט נאָך נישט די שטאָט מיט די היגע מענטשן; מילא די שטאָט אַליין, שמועסט מען נישט — ס'איז אַ צאַצקעלע, און די מענטשן די היגע זענען ממש גאָלד און זילבער; ווייס איך, ווי קומט דאָס צו אָדעם?"

אָבער אינגיכן הייבט זיך אָן פאַר מנחם מענדלען אַ שווערע צייט, פון די חלומות הייבט זיך אָן אויסלאָזן אַ טייך. לכתחילה פאַרלירט ער נאָך נישט דעם בטחון: „ס'איז ביטער און פינצטער אַרום... נאַרישקייטן! דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עס וועט נאָך זיין וואָס צו טאָן, גאָט לעבט, און יעהופּעץ איז אַ שטאָט; אַז נישט דאָס, איז דאָס..." שיינע שיינדל הייבט אָן נקמה צו נעמען אין מנחם מענדלען: „צי האָב איך דיר נישט געזאָגט פריער, אַז עס וועט אַזוי זיין דער סוף?... אַנטלויף, זאָג איך, מענדל, ווי פאַר פייער!... פאָלגט ער מיך נישט! עס האָט אים צוגעקאָוועט צו יעהופּעץ!".

און עס הייבן אָן צו גיין איכה-בריוולעך פון מנחם מענדלען: „עס איז געוואָרן אַ תל פון יעהופּעץ, אַן איבערקערעניש אויף דער בערזע, חושך אין אַלע ווינקעלעך..." מנחם מענדל ניכטערט זיך אויס און איז זיך מודה: „ביי אונדז אין יעהופּעץ שפּילט דאָס געלט די גרעסטע ראָלע! דער מענטש אַליין איז בלאָטע"..

און עס קומט אַ נייע סעריע בריוולעך „מיליאָנען". מנחם מענדל איז געוואָרן אַ מעקלער און עס גייט אַ נייער בריוו-שפּיל צווישן מאַן און ווייב; ער פליט, שוועבט אין די הימלען, און זי שלעפּט אים אויף דער ערד. פון געלט-מעקלעריי גייט מנחם מענדל איבער צו הייזער-מעקלעריי: „דו קערסט אַוודאי מיינען — שרייבט מנחם מענדל צו שיינע שיינדל — אַז אין יעהופּעץ קויפט מען אַ שטוב אַזוי ווי ביי אייך אין קאַסרילעווקע? האָסטו אַ טעות!"

מנחם מענדל טיילט זיך אָפּט מיט שיינע שיינדלען מיט פאַרשידענע פּרטים פונעם שטייגער־לעבן און פון די פּירעכצן אין יעהופּעץ. אָט גיט ער איר איבער, אַז אין יעהופּעץ „טרעפט זיך אָפטמאָל, אַז אַ מאַן וואַרפט אַוועק אַ ווייב און פאַרליבט זיך אין יענעמס ווייב, אָדער אַ ווייב וואַרפט אַוועק איר מאַן און פאַרליבט זיך אין יענערס מאַן, און דאָס ווייב פון יענעם מאַן פאַרליבט זיך אין יענערס ווייבס מאַנס ווייב, איך מיין, אין יענעמס ווייבס מאַן — מען פאַרבייט זיך מיט די יוצרות, שלי שלך ושלך שלי... ס'איז נישט קאַסרילעווקע, ס'איז יעהופּעץ...“ גיט צו מנחם מענדל.

און אָט קומט אויף דער יידישער וועלט ציוניזם, און מערקווירדיק, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ די באַוועגונג אַזוי, בדרך אגב, אין די בריוו פון מנחם מענדל און שיינע שיינדל. שיינע שיינדל שרייבט־צו אין אירן אַ בריוו צו מנחם מענדלען: „יאָ, זאָג נאָר, מענדל, וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס, וואָס מע דערציילט ביי אונדז? מע זאָגט, אַז דאָרט, אין יעהופּעץ, פאַרשרייבט מען זיך שוין קיין ארץ ישראל? ווער עס פאַרשרייבט זיך פערציק קאָפּיקעס, דער פאָרט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין? ביי אונדז האָט מען שטאַרק אָנגעהויבן דערפון צו שמועסן; יונגעלייט קלייבן זיך צונויף אַלע נאַכט ביי יאָסל משה־יאָסים און מע רעדט פון ארץ ישראל. — הכלל, עס טוט זיך חושך, ווי זאָגט די מאַמע: „שוין לאַנג שטיל געווען!“... און מנחם מענדל אין זיין נאָענטן בריוו, נאָך דעם ווי ער דערציילט איר וועגן זיינע נייע גליקן און אומגליקן, גיט ער צו אין דעם „עיקר שכחתי“: „וואָס דו פרעגסט זיך נאָך אויף „ארץ ישראל“, קערסטו אוודאי מיינען „ציוניזם“? דאָס איז זייער אַ הויכער ענין, כאָטש אין יעהופּעץ אויף דער בערזע האַלט מען נישט דערפון. איך בין געווען אַ פּאָר מאָל ביי די היגע „ציניסטן“ אויף די „זאַסעדאַניעס“ און האָב געוואָלט וויסן, וואָס דאָס איז, האָט מען אָבער אַלץ גערעדט אויף רוסיש, און דווקא א סך גערעדט. דאַכט זיך, וואָס וואָלט זיי געאַרט, זיי זאָלן זיך דורכרעדן מיט יידן אויף יידיש?... איך האָב אַ פּאָר מאָל אַ רעד געטאָן מיט מיינע חברה־לייט אויף דער בערזע וועגן דעם. האָבן זיי מיך אויסגעלאַכט: „ווייס איך וואָס? ציניזם! דאָקטאָר הערצל! אויך מיר אַ געשעפט!...“

עס קומט מעשה־דרייפוס, און פאַרשידן נעמט עס אויף קאַסרילעווקע און יעהופּעץ אאוו. ביז לסוף מנחם מענדל, וואָס האָט „איבערגעדינט כל העבודה־זרות“ , נעמט זיך צו שרייבערײ. פאַרשטייט זיך, אַז ער נעמט זיך קודם כל צו קיעוו־יעהופּעץ.

שלום=עליכם זאָגט אַרויס דורך זיין מנחם מענדל: „זיי ווייסן, אַז איך האָב שוין אויסגעשריבן צוויי פלעשלעך טינט, איך האַלט שוין ביים דריטן. אַ קליינקייט — באַשרייבן אַזאַ שטאָט ווי יעהופּעץ!...“

דאָס האָט אַרויסגערעדט שלום=עליכם, — עפּעס אַ קליינקייט אַזאַ שטאָט ווי יעהופּעץ! וויפל שטאָף עס האָט אים געגעבן אין משך פון זיין גאַנץ לעבן.

שלום=עליכם איז געווען שטאַרק אריינגעוואַקסן אין דעם יידישן לעבן פון קיעוו, ער האָט עס אויפגענומען מיט אַלע שפּליטערלעך, זיך באַגעגנט מיט פיל מענטשן און אָפּגעמאָלט זיי דערנאָך ווי זיי שטייען און גייען.

איך געדענק פון מיינע יונגע יאָרן, ווי מען פלעגט אין קיעוו טייטלען אויף פאַרשיידענע יידן, וואָס זענען באַשריבן און אָפּגעמאָלט געוואָרן דורך שלום=עליכם'ן אין זיינע ווערק. איך האָב נישט איינמאָל געטראָפן אין באָיאַרקע דעם פּראָטאָטיפּ פון טביהן: אַ ברייט=בייניקער ייד, אַ נידעריקער, מיט אַ קליג בארעדעוודיק געזיכט, מיט אַ פּאָר שווערע שטיוול. אין 1911—1912 איז ער ארומגעגאַנגען איבער די באָיאַרקער דאַטשעס און מהנה געווען די יעהופּעצער יידן מיט מילך. ער איז דערביי געווען שטאָלץ, וואָס ער איז אַדאַנק שלום=עליכם'ן געוואָרן אַ שם=דבר. איך האָב געקענט נאָך יידן, וואָס זענען דורך שלום=עליכם'ן אַרויסגעפירט געוואָרן אין זיינע ווערק, אין די קלענערע און גרעסערע. און באַזונדערס — אין „דער מבול“ און אין „דער בלוטיקער שפּאַס“. איינער אַ ייד אַ מעקלער, מיט אַ פּליישיקער נאָז, בריכים, — ביי שלום=עליכם'ן הייסט ער בעלעריביצע, — האָט געשאָטן פעך און שוועבל אויף שלום=עליכם'ן און געדראָט זיך אָפּצורעכענען מיט אים. אין באָיאַרקע, געדענק איך, פלעגט שלום=עליכם זומער=צייט ליגן אויף זיין האַמאַק, וואָס איז געווען אָנגעבונדן צווישן צוויי פעסטע סאָסנע=ביימער, אָפּטמאָל מיט אַ גרויסן ווייסן שערם איבער זיין קאָפּ, און שטענדיק מיט אַ קליין נאָטיץ=ביכעלע און מיט אַ דינער בלייפעדער אין האַנט, ארום זענען געזעסן און גערעדט ווייבער, געפילט זיך מיט שלום=עליכם'ן היימישלעך, גערעדט און שלום=עליכם האָט איינגעזאַפּט זייערע רייד, און גערן געווען אויפצוכאַפּן אַן אייגנאַרטיקן אויסדרוק, אַ צונעמעניש, אַ ספּעציפישע קללה, וואָס ער האָט דערנאָך אריינגעפלאָכטן אויף אַ קונציקן אופן אין איינער פון זיינע נאָענטע מעשיות. דערנאָך האָט דער עולם געלייענט געשמאַק אַ פרישע שלום=עליכם=מעשה אין „דעם יוד“ אָדער אין „דעם פריינד“ און מען איז געווען צופרידן צו דערקענען אַ היימיש וואָרט, אַן אייגענעם אויסדרוק.

לאָמיר דאָ ברענגען עטלעכע פּערזן פון א. קושניראָוום ליד „באָיאַר־קער זומער“ („געקליבענע ווערק“, 1947, ז״ז 62—63), ווו עס ווערט דיכטעריש געמאָלט וואָס ש״ע איז געווען פאַר באָיאַרקע און פאַר די דאָרטיקע יידן, עלטערע און קינדער.

„— —

אין באָיאַרקע אין וואַלדישער אלייע
שפּאַנט אום אַ מענטש מיט נישט געאײַלטע טריט.

די סאָסנעס קוקן שטיל אויף זיין פאַרבייגיין,
זיי שושקען זיך נאָר איבער אין געהיים,
און קינדער אים באַגלייטן דאָרט מיט נייגיר, —
די קינדערלעך פון באָיאַרקע מיין היים.

אויף נייגיר קינדערשער ער ענטפערט מיט אַ שמייכל,
דורך ברילן שיינט אַזאַ מין מילדער בליק,
און קינדער ריידן אוים: „שלום־עליכם“,
און טוען פאַרכטיק זיך אַ כאַפּ צוריק.

די שושקעריי פון סאָסנעס ווערט נאָך הייסער,
ביים מענטש דער בליק נאָך היימלעכער צעהעלט,
ער זאָגט צו אונדז: „אי, יינגלעך, אי קונדסים!
איך זע, איר זייט צופרידן מיט דער וועלט!“

דער דיכטער רופט ארוים אין זיין זכרון אַ טאָג, וואָס ער „האָט אים אין הארצן פאַרהיט“, ער „זעט אַ ליכטיק, לעבעדיק געשטאַלט“, פון יענעם, וואָס מע רופט שלום־עליכם אויף סטעזשקע וואַלדישער, באַגאַסענער מיט שיין! דעם טאָג „לייענט ער ארוים צווישן די שורות אין „טביהן“ און אין „מאָטל פּייסים“...

אַזאַ מין ווייטע, ליכטיקע דערינערונג איז אויך ביי מיר, ווען איך לעב אויף ש״עס געשטאַלט, ווי געזען אים אין די גאָר יונגע יאָרן, זומער־צייט אין באָיאַרקע.

שלום עליכם האָט געהאַט אַ גוטן פריינד אין קיעוו, סאַמואיל מאַר־קאָוויטש קאָמפּאַניעיעץ, דער אַרויסגעבער פון „וויעכ יוגאָ־זאַפּאַדני קראַי“ (גאַנץ דרום־מערב געגנט) אין רוסישן. אָט דער קאָמפּאַניעיעץ,

אַ קלוגער ייִד, האָט געהאַט מעשיות אויף מעשיות פון זיין היימשטאָט. איז אַמאָל ביי אַ גלעזל טיי, פרילינג־צייט, האָט אזוי בדרך אגב דערציילט קאָמפּאָניִיעץ אַ מעשה מיט אַ ייִדן אַ מלמד פון זיין שטעטל, וועלכער פלעגט באַלד נאָך פסח זאָגן, אַז עס בענקט זיך אים שטאַרק נאָך דעם גלעזל קאַווע, וואָס ער וועט איבגיכן טרינקען שבועות צו דער מילכיקער סעודה. איז שלום־עליכם אָנגעצונדן געוואָרן פון אָט דער מעשה, און דער־פון איז אויסגעוואַקסן די פּרעכטיקע שבועותדיקע געשיכטע „מילכיקס".

בשעת עס האָט זיך אין קיעוו פאַנאַנדערגעוויקלט דער ביילים־פּראָ־צעס, דער בלום־בלבול מיט יושטשינסקי ביי די זייצעווס אין ציגל־פאַב־ריק, האָט שלום־עליכם געוווינט אין אויסלאַנד. אָבער ער האָט נאָכגע־פאָלגט זייער ליידנשאַפטלעך די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דעם בלבול און דערנאָך דעם פּראָצעס גופא. ער האָט געשריבן אינטערעסאַנטע לאַנגע בריוו צום קיעווער רב שלמה הכהן אראָנסאָן און זיך אַלץ נאָכגעפרעגט מער פּרטים. דערנאָך האָט ער דעם רבס שטוב, דעם רב און די רביצין אריינגעפלאָכטן אין דעם ראָמאַן...

און אויף אזא מערקווירדיקן אופן האָט שלום־עליכם איבערגעלעבט אין קיעוו אָקטאָבער 1905, דעם טאָג, ווען „מען האָט געשענקט די קאָנ־סטיטוציע" און דערנאָך איז ער שטאַרק אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דעם מוראדיקן פּאָגראָם, וואָס די צאַרישע מאַכט האָט מזכה געווען די קיעווער ייִדן. אין שלום־עליכם'ס בוך (ז"ז 66 און ווייטער) זענען געבראַכט עטלע־כע בריוו פון שלום־עליכם'ן צו זיין טאָכטער און (ז"ז 207 און ווייטער) צו זיין פריינד ד"ר מ. פישבערג אין ניו־יאָרק. די בריוו, — אַ מוראדיקער דאָקומענט, — זענען געשריבן פון דעם קיעווער האָטעל „אימפּעריאַל". שלום־עליכם איז געווען אינגאַנצן אויפגעשיטערט. „אין יענע טעג און וואָכנלאַנג שפּעטער — שרייבט י. ד. בערקאָוויטש — איז ער געווען ווי אַ געריר־טער, אין זיינע בני בית האָבן מורא געהאַט, ער זאָל נישט קראַנק ווערן". צוזאַמען מיט די גרויזאַמע שילדערונגען פון דעם געשעע־נעם, שטעלט זיך שלום־עליכם אָפּ אויף אייניקע טראַגיקאָמישע עפּיזאָדן. און ווי ער שרייבט אַליין: „איבערגעלאָזט די טראַגישע זייט פאַר די קלאָג־מוטערס, גיי איך איבער צו די טראַגיקאָמישע עפּיזאָדן, וואָס דאָס איז מיין אָמפּלוא". ער שרייבט אויף דער הייסער מינוט, דעם 24 אָקטאָבער, צום ד"ר פישבערג: „מיין האַנט ציטערט, די פען פאָלגט נישט — איך קאָן מער נישט שרייבן! איך שיק אייך דאָ אַ בלאַט, וואָס איז אַ הונדערט חלק פון דעם, וואָס מיר לעבן דאָ איבער. און דאָס איז אייך נאָר אַ מוס־

מער פון קיעוו. היינט שטעלט אייך פאר, וואס ס'טוט זיך אין די איבעריקע הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך... פארניכטעט, רואינירט בין איך מיט מיין גאנצן פאלק צוזאמען, אויף דער גאס ארויסגעווארפן"...

אט אזוי האט שלום-עליכם זיך אפגעזעגנט מיט קיעוו. מיט זיין קיעוו, וואס ער האט אזוי ליב געהאט און וואס עס איז געווען אזוי איינגעבאקן אין זיין הארצן.

שפעטער, אין פארשידענע ציימן, ביי פארשידענע געלעגנהייטן דער-מאנט שלום-עליכם קיעוו מיט א ספעציעלער ליבע אין ציטער. שלום-עלי-כם באקומט דעצעמבער 1908 אין נערווי א בריוו-אדרעס פון מ. נ. סירקין פון קיעוו, ווו מ'האט געפייערט שלום-עליכם'ס יובילייי, און שלום-עליכם ענטפערט צווישן אנדערן אין א בריוו: „...דער אדרעס האט מיך גערירט ביז טרערן. ס'איז דאך קיעוו. **און קיעוו איז דאך מיין שטאט**... אומע-טום זיין אויף מיין יום-טוב איז דאך א נארישקייט. נאר דאס, וואס איך האב נישט געקאנט זיין אין קיעוו — דאס מאכט מיך טרויעריק! און וואס דעם אָוונט גופא אמבאלאנגט — דארף איך אייך דעם אמת זאגן, אז איך האב דאס בשום אופן נישט דערוואַרט, אפילו קיין האלב נישט. איך גופא רעכן דאס פאר אן אומגעהויערן דערפאלג. וואס וואלט שוין געווען, ווען מ'גיט אייך דארט א ביסל מער פרייהייט! ווען מ'לאזט אייך, למשל, דברן אויפן פאדאל און אויף דער דעמיעוווקע (טיילן פון קיעוו מיט א געדיכ-טער יידישער מאסן-באפעלקערונג — נ. מ.) און דעם מר. ליקומאַוויטש, אז ער זאל מיך לייענען אויף יידיש-זשארגאן! נאר לאמיר נישט רעדן פון אזעלכע טרויעריקע זאכן. ווארט צו א קאפל — ס'וועט נאך אמאל אויפגיין די זון אויף אונדזער געסל אויך..." (זע שלום-עליכם-בוך, ז' 225).

און אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן, ווען שלום-עליכם האט זיך פונסנייי פארנומען אויסצוזינגען דעם שיר-השירים פון זיין גאנג איבער דער וועלט און געשריבן דאס ווערק פון אלע זיינע ווערק, זיין „פונעם יאריד", מאלט ער ציטערדיק אין הארציק זיינע ערשטע סענטימענטאלע געפילן און איבערלעבענישן אין דער גרויסער שטאט יעהופעץ-קיעוו. מיר שיקן אפ דעם לייענער צו די קאפיטלען 17, 18, 19 — „דער ערשטער ארויספאר", „פראצענטניקעס", „קופערניק" — אינעם צווייטן טייל „פו-נעם יאריד" (ז"ז 227—250). דא ווילן מיר ברענגען נאר א פאר אויסצוגן, ווו שלום-עליכם מאלט קיעוו ווי עס האט זיך געוויזן אין די אויגן פון דעם יונגן בחור'ל שלום ראבינאַוויטש:

„וווהין פארט א בחור'ל, וואס האט נישט קיין היים און וויל עפעס

דערגרייכן? — אין דער גרויסער שטאָט אַריין... די גרויסע שטאָט אין יענעם געגנט, וווּ אונדזער העלד (שלום־עליכם שרייבט וועגן זיך אין דער דריטער פּערזאָן — נ. מ.) האָט זיך געפֿונען, איז די הייליקע שטאָט קיעוו. אַהין האָט ער געשטרעבט און אַהין איז ער געקומען. צו וואָס האָט ער אײַנגעפֿלעכט געשטרעבט? און וואָס האָט ער געזוכט? דאָס לאָזט זיך נישט זאָגן פּאַר קלאָר, וואָרום קאָנקרעט האָט ער נאָך אַליין נישט געוווּסט נאָך וואָס עס לעכצט זײַן נשמה. עס האָט אים געצויגן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, ווי עס ציט אַ קינד צו דער שיין פֿון לבנה"... שלום־עליכם שילדערט די ערשטע נאַכט אויף דער אכסניא אין דעם אונטערשטן טייל פֿון דער שטאָט, אויף פּאָדאָל. ער דערציילט מיט איראָניע און סאַרקאַזם ווי ייִדן גיבן זיך אַן עצה אין קיעוו כדי צו באַקעמפֿן די גזרות. „דער מחבר פֿון די דאָזיקע באַשרײַבונגען — זאָגט שלום־עליכם — האָט אויף זײַן ערשטן ארויספֿאָר אין דער גרויסער הייליקער שטאָט קיעוו געהאַט די ערע אין דאָס פֿאַרגעניגן צו ליגן נאָך מיט אַ פּאָר ייִדן ביי רב אַלטער קאַניעווער אויף דער סטאַנציע אויף אַ בוידעם אין כאַפּן אַ צימער. געווען איז דאָס אין אַ ווינטערדיקער פֿינצטערער נאַכט". עס איז געווען די מורא פֿאַר דער טרויעריק־באַרימטער „אַבלאַווע", ווען מען האָט זיך געלאָזט אין מיטן נאַכט זוכן ייִדן אָן „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ"... דערציילנדיק וועגן די ווײַ־טערדיקע פּאַסירונגען זײַנע אין די ערשטע טעג פֿון זײַן פֿאַרברענגען אין קיעוו, זאָגט שלום־עליכם: „אַ פֿרעמדער מענטש אין אַ גרויסער שטאָט איז אין אַ וואַלד. אין ערגעץ פֿילט איר זיך נישט אַזוי עלנט ווי אין אַ וואַלד. קיינמאָל אין ערגעץ נישט האָט זיך דער העלד פֿון די דאָזיקע באַ־שרײַבונגען נישט געפֿילט אַזוי עלנט, ווי ער האָט זיך געפֿילט אין יענער צייט אין קיעוו".

אָבער דאָס איז געווען בלויז אין דער ערשטער צייט. ווען אָבער ער איז געקומען מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער קיין קיעוו, איז ער שוין געווען גאָר אַן אַנדערער, ער איז שוין געווען אַ שרײַבער, און די „הייליקע שטאָט" קיעוו איז דורך זײַן מייסטערישער פֿעדער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ייִדי־שן יעהופּעץ, וואָס ער האָט אַזוי קונציק און אַזוי מייסטעריש געמאָלט אין זײַנע וווּנדערלעכע ווערק.

די רוסלענדישע רעוואָלוציע, די פּאָגראָמען אין 1905 און שלום־עליכם

1.

צווישן די עלטערע און ייִנגערע שרייבער, וואָס זענען געווען שאַפֿעריש=טעטיק אין דער ייִדישער ליטעראַטור אָנהייב הײַנטיקן, 20=טן יאָרהונדערט, האָט שלום=עליכם אַממערסטן זיך אָפּגערופֿן אין זײַנע פֿאַרשיידנסטע ווערק אויף די געשעענישן, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין יענער צײַט, אָנהייב דעם צוואָנציקסטן יאָרהונדערט, אינעם צאַרישן רוסלאַנד. זיין אויג, אויער און האַרץ זענען געווען וואַך צו אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט מיטן ייִדישן מענטש און מיטן ייִדישן פֿאָלק, און דאָס געזעענע, געהערטע און אַדורכגעלעבטע האָט שלום=עליכם גלייך פֿאַרפֿיקסירט, געמאָלט און אויסדערציילט אין זײַנע קלענערע און גרעסערע שאַפֿונגען, וואָס זענען אַזוי אַרום געווען דירעקטע אָפּקלאַנגען און אָפּשילדערונגען פֿון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט.

אויך די ערשטע רוסלענדישע רעוואָלוציע און די קאָנסטיטוציע, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין אָקטאָבער 1905 און די מוראדיקע פּאָגראָמען, וואָס זענען גלייך געקומען נאָך איר, — דאָס אַלץ איז דורך שלום=עליכם'ן אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דער הייסער מינוט אין זײַנע בריוו, קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס ער האָט בשעת=מעשה, ווי אין אַ הויכן פֿיבער, געשריבן, ווי אויך — אין זײַנע פֿאַרשידנאַרטיקע ווערק, וואָס ער האָט געשאַפֿן אין יענער אומרואיקער און שטורמישער צײַט.

דעם 18=טן אָקטאָבער 1905, אין דער פֿרי, שיקט ש"ע אַ טעלעגראַמע פֿון קיעוו צו זײַן טאָכטער ערנעסטינע, וואָס געפֿינט זיך דאַן אין מאָהילעוו=פּאָדאָלסק: „מיר גראַטולירן מיט דער געשענקטער קאָנסטיטוציע". י. ד. בערקאָוויטש דערציילט, אַז ש"ע „איז געווען אַזוי עקזאַלטירט,

אַז ער איז אַרומגעלאָפֿן אין קיעוו פֿון איין פֿריינד צום אַנדערן, געקלונגען אין אַלע טירן און אָנגעזאָגט די גוטע בשורה" (ש"ע-בוך, ז' 65). אין דעם זעלבן אָוונט איז אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם אין קיעוו, גלייך נאָך דעם, ווי פּאָליציי און מיליטער זענען באַפֿאַלן די דעמאָנסטראַנטן אויפֿן דומע-פּלאַץ, געשאָסן אין המון, מערדערלעך געשלאָגן די אַנטלויפֿנדיקע פֿרייד-לעכע בירגער און געטייט אַלט און יונג, פֿרוי און מאַן.

איך בין אויך געווען איינער פֿון די, וואָס זענען געווען אויפֿן דומע-פּלאַץ, זיך געפֿרייט מיט דעם המון, און דערנאָך ווי אַלע געלאָפֿן אין פּאַניק אונטער די קוילן פֿון די צאַרישע זעלנער און פּאָליציי.

שלום-עליכם מיט זיין פֿאַמיליע, וועלכע האָבן געוווינט אויף באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ 35, האָבן זיך אין די שרעקלעכע פּאָגראָם-טעג אויסבאַהאַלטן אין דעם אימפּעריאַל-האָטעל (נאָענט צו זייער דירה, אויף דער זעלבער גאַס), פֿון וואַנעט ער שיקט דעם 21-טן אָקטאָבער אַ לענגערן בריוו צו זיין טאָכטער עח-עסטינע, וווּ ער טיילט איר מיט צווישן אַנדערן: „...ביי אונדז איז געווען אַ פּאָגראָם פֿונעם 18-טן אָוונט ביז צו היינטיקער נאַכט. אַדאַנק עפּעס אַ מין גביאישן געפֿיל, האָבן מיר באַציייטנס מיט סכנות-נפֿשות זיך געראַטעוועט אין האָטעל אימפּעריאַל. וואָס ס'איז געוואָרן מיט אונדזער וווינונג — ווייסן מיר נאָך נישט. נאָענט אַרום אונדז האָט מען געמאַכט אַ חורבן. דאָס קליימל ביי אונדז אונטן האָט מען צעטראָגן. די נאָכבאַרשאַפֿט (די גימנאַזיע) האָט מען אַרום-געשאָסן. נאָר אַ כּפּרה די וווינונג. וויכטיק איז דאָס, וואָס מיר אַלע לעבן און זענען נישט צעשלאָגן, אויף וואָס עס זענען עדות די אונטערשריפֿטן".

ש"ע דערציילט ווייטער אינעם בריוו: „מע האָט צעקלאַפּט אַלע אונדזערע מיליאָנערן, — די בראָדסקים, די זייצעווס, דעם באַראָן (גינז-בורג — בראָדסקים אַן איידעם), ראָזענבערגן און די איבעריקע. עס זענען פֿאַראַן געהרגעטע (דאַכט זיך, נישט פֿיל) און אַ סך פֿאַרוווּנדעטע. דעם סטודענט בראָדסקי (אַלעקסאַנדערס זון) האָט דער מאָב (המון) שווער און בעסטיאַליש פֿאַרוווּנדעט (מען זאָגט, דערהרגעט). די בראָדסקים האָבן געזוכט צו באַהאַלטן זיך ביי גוטע קריסטן, אַ סך אַנדערע האָבן אָנגע-ווענדט אָט דעם מיטל, נאָר די גוטע קריסטן, מיט זייער זעלטענע אויס-נאַמען, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון גאַספּריינדלעכקייט... אַן אַלגעמיינע פּאַ-ניק, וואָס לאָזט זיך נישט באַשרייבן. דאָס לעבן פֿון פּערציק—פֿופֿציק טויזנט יידן איז געהאָנגען אויף אַ האָר. געשמדטע יידן און יידענעם האָבן גענעכטיקט אין יידישע קעלערס..." (דאָרט, ז' 66).

אין אַ צווייטן בריוו (פונעם 22־טן אָקטאָבער 1905) שרייבט ש"ע צו זיין טאָכטער: „...דער פּאָגראָם האָט זיך אָפיציעל געענדיקט דאָנער־שטיק ביינאַכט. נאָר די פּאַניק איז נאָך נישט אַריבער. מענטשן קריכן ביסלעכווייז אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן. די דערציילונגען און באַריכטן וועגן דעם דאָזיקן גוט־אָרגאַניזירטן רויבער־אָנפאַל זענען פּשוט פאַנטאַסטיש". און ש"ע כאַפּט זיך גלייך: „איבערגעלאָזט די טראַגישע זייט פאַר די קלאָג־מוטערס, גיי איך איבער צו די טראַגיקאָמישע עפּי־זאָדן... דעם אַלטן (יונה) זייצעווס ווייב האָט פאַרבראַכט אַ נאַכט אין שטאַל, אין דער געזעלשאַפט פון זייערע טייערע פערד. די באַראָנעסע גינזבורג האָט אויסגעהאַלטן אַ באַלאַגערונג אויפן בוידעם פון איר אייגענעם, אויף שטויב צעשטערטן פּאַלאַץ. לעוו בראָדסקי מיט די ייִנגערע טעכטער האָבן בשלום אַריבערגעקלעטערט דעם פּאַרקאַן, צוגעקומען צום „אינסטיטוט פון ווילגעבוירענע מיידן", וועלכער האָט די אַנטרונענע אָפּגעזאָגט אין גאַסט־פריינדלעכקייט. סאַראַ (לאַזאַר בראָדסקיס פרוי) און מאַרגאַריטאַ בראָדסקי האָבן אומזיסט געקלאַפּט אין טיר צום דירעקטאָר פון דער מלוכה־באַנק. די פּוטער־שניידערס פון דעם געשמדטן ייִדן טויבא האָבן אים געצוווּנגען צו זאָגן דריי מאָל „אָטשע נאַש". דיין חברטע קלאַראַ בראָדסקי־פּאָליאַקאָוו האָט אומזיסט געזוכט שוץ ביים גובערנאַטאָר (דעם געוועזענעם). אונדזער ווינונג האָט געראַטעוועט די קריסטלעכע קעכין מיט דער הילף פון איקאָנעס און צלם־צייכנס. עפּשטיינס קאַנטאָר האָט מען צעקלאַפּט פאַר גלחים אין די אויגן. אָן אַ שיער קוריאָזן, פון וועלכע די רוסישע געזעלשאַפט דאַרף רויט ווערן. און זי וועט נאָך רויט ווערן. לאַנג, לאַנג!... איך שיק דיר אַ נומער „קיעווליאַנין" (אַן אַנטיסעמיטישע טאָג־צייטונג). הער פּיכנאָ (איר רעדאַקטאָר), איינער פון די, וואָס האָבן אָרגאַניזירט דעם פּאָגראָם, גיסט אַצינד קראָקאָדיל־טרערן אויפן אומגליק־לעכן ייִדנטום, וואָס וועט אין אומגליק באַזיגן אי אים, אי די וואָס זענען מיט אים. אמן"... (דאָרט, ז' 66).

אינעם דריטן בריוו (פון 26־טן אָקטאָבער) בעט ש"ע זיין טאָכטער זי זאָל אומבאַדינגט קומען, צוזאַמען מיט י. ד. בערקאָוויטש, אַהיים, קיין קיעוו: „...אויב שטאַרבן, זאָל שוין זיין אינײנעם. אויב אַוועקפאָרן פון רוסלאַנד — איז אינײנעם. ביי דער ערשטער מעגלעכקייט וואָלטן מיר צוזאַמען עמיגרירט קיין אַמעריקע. אונדז האָט מען דאָך רואינירט מער פון אַלעמען, וואָרום עס איז רואינירט דאָס גאַנצע רוסישע ייִדנ־טום. — — — און זענען מיר דען באַוואָרנט פונעם מאָרגנדיקן טאָג?

מיר זענען דאָך נאָר דורך אַ נס אַלע גאַנץ געבליבן, שטעל דיר פֿאָר, דאָס רעדט צו דיר אַ מענטש, וואָס איז אָפּטימיסטיש געשטימט. וואָס זשע װעלן שוין זאָגן די סקעפּטיקער?... (דאָרט, ז' 67).

ש"ע האָט אין יענע „שוואַרצע טעג", ווי ער שרייבט אַליין, פֿאַרפֿאַסט דעם באַוווּסטן טעקסט, דעם „אויפֿשריפֿט אויף דער מצבה פֿון מיין קבר", אין פֿין אונטן צוגעגעבן: „אינעם יאָר פֿון קאָנסטיטוציע און פּאָגראָמען (1905)".

2.

װען די גרויליקע פּאַסירונגען אין דער צייט פֿון מתן־קאָנסטיטוציע און די יידישע פּאָגראָמען, וואָס שלום־עליכם האָט איבערגעלעבט אין יענע טעג, ווייסן מיר אויך פֿון די בריוו, וואָס ש"ע האָט געשריבן צו ד"ר מאָרים פֿישבערג קיין ניו־יאָרק, וועמען ער האָט באַפֿולמעכטיקט צו פֿירן פֿאַר אים אונטערהאַנדלונגען מיטן אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער און מיט דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע. ש"ע שרייבט (דעם 24־טן אָקטאָבער 1905): „...אייער בריוו האָט מען מיר געבראַכט אַהער (אין האָטעל אימפּעריאַל, (נומ. 25), ווו מיר ליגן דאָ אַ סך פֿאַמיליעס, אויך איך מיט מיין ווייב און קינדער, אונטער אייזערנע קוילן, וואָס מען שיסט איבער אונדזערע קעפּ, בכדי מיר זאָלן זיין הילפֿלאָז, געגנצלעך פּאַראַליזירט. צו באַשרייבן אייך וואָס מען האָט מיט אונדז געטאָן — איז אַן אַרבעט אויף אַ סך נעכט. אין צוויי ווערטער וועל איך אייך נאָר זאָגן, אַז דעם 17־טן אָקטאָבער האָט מען אונדז „געשענקט" די קאָנסטיטוציע, פֿאַר וועלכע אונדזערע ברידער האָבן געגאָסן בלוט ווי וואַסער, און דעם זעלבן טאָג, זייגער זעקס פֿאַרנאַכט, איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מען הייסט שלאָגן יידן — און מען האָט זיך גענומען זיי שלאָגן פֿון אַלע זייטן! קודם כל האָט מען אַרויסגעלאָזט אַ באַפֿעל, אַז מען זאָל נישט שיסן פֿון די פֿענצטער און נישט וואַרפֿן קיין שטיינער, ובאם מען וועט דאָס טאָן, וועלן די סאָלדאַטן שיסן צוריק, חרוב מאַכן די הייזער. דערזען סאָלדאַטן אויף דער גאַס מיט קאָזאַקלעך, האָבן מיר זיך מחיה געווען: זיי וועלן אונדז מסתמא העלפֿן, און זיי האָבן טאַקע געהאָלפֿן, נאָר נישט אונדז; זיי האָבן געהאָלפֿן ראַבעווען, שלאָגן, גזלנען, גנבענען. פֿאַר אונדזערע אויגן אין פֿאַר די אויגן פֿון דער גאַנצער וועלט האָבן זיי געהאָלפֿן צעשלאָגן פֿענצטער, טירן, שלעסער, און לייגן אין די קעשענעס. פֿאַר די אויגן פֿון אונדזערע

קינדער האָבן זיי געהרגעט, געשלאָגן יידן, ווייבער און קינדער און געשריגן: געלט! גיט אָפּ אייער געלט! פאַר אונדזערע אויגן זענען געפלויגן ווייבער פון די פענצטער, קינדער אויף דער שטראַסע...“

„ניין! — שרייבט ווייטער ש“ע, — מיין האַנט ציטערט, די פען פאָלגט נישט — איך קאָן מער נישט שרייבן! איך שיק אייך דאָ אַ בלאַט, וואָס איז אַ הונדערטער חלק פון דעם, וואָס מיר לעבן דאָ איבער. און דאָס איז אייך נאָר אַ מוסטער פון קיעוו. היינט שטעלט אייך פאָר, וואָס עס טוט זיך אין די איבעריקע הינדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך. צו טייער וועט אונדז קאָסטן אונדזער פרייהייט!... דאָס שווערד שאַרפט זיך נאָך, דעם קאַנטשיק וויל פאָניע נישט אַרויסלאָזן — בימער!“... (דאָרט, ז׳ 209).

מיט צוויי טעג שפּעטער, דעם 26־טן אָקטאָבער, שרייבט ווידער ש“ע צו ד“ר מ. פישבערג: „...איך קאָן אייך מער איצט נישט שרייבן. איך בין קראַנק. אונדזער לעבן דאָ אַצינד איז ווערט אַ העלער. אַלע מינוט שטייען מיר אונטער דער ביקס פונעם דראַגונער, אונטערן קאַנטשיק פונעם קאָזאַק, אונטער דער דובינקע פונעם „כוליגאַן“. איטלעכער פון אונדז זאָגט אַלע טאָג ווידוי. איין האָפענונג און איין בימע איז ביי אונדז פאַראַן אַלע. אונדזערע קינדער כאָטש, אונדזערע קינדער זאָלן בלייבן לעבן...“ (דאָרט, ז׳ 210).

ש“ע האָט דאַן געשריבן בריוו פון קיעוו „פּאָגראָם־בילדער“, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין ניו־יאָרקער „טאָגבלאַט“ רעגולמעסיק (42 בריוו־שילדערונגען אין דעצעמבער 1905 און יאַנואַר 1906).

ש“ע האָט אין יענע גרויליקע פּאָגראָם־טעג אָנגעשריבן אַ דראַמע, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט קיין ניו־יאָרק דעם 23־טן נאָוועמבער 1905, — אַ קנאַפּע פינף וואָכן נאָך דעם אויסברוך פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. ש“ע האָט געשיקט אַ רוסישן בריוו צו ד“ר מ. פישבערג (פאַרעפנטלעכט אין אַ יידישער איבערזעצונג אין „ש“ע־בוך“), ווו ער האָט געשריבן: „האָט קיין פאַריבל נישט, וואָס איך דערלויב מיר צו שרייבן אייך היינט אויף דער שפּראַך פון יענעם פאָלק, וואָס האָט אַזוי אוממענטשלעך, אַזוי אומברחמנותדיק זיך אָפּגערעכנט מיטן יידישן פאָלק דערהפאַר, וואָס ער, אַזאַ קליין נישטיק פעלקל, האָט געהאַט די העזה צו געבן אים, דעם הערקולעס, אַ קאָנסטיטוציע. נאָר די רוסישע שפּראַך, כ׳לעבן, איז דאָ גאָט די נשמה שולדיק“.

ש"ע טײלט מיט װײטער אינעם בריװ, אַז ער שיקט אַרױס צו אים די „נאָר־װאָס אָנגעשריבענע דראַמע, װאָס איז אױף מיר אָנגעהױכט געװאָרן פֿון די דאָזיקע בלוטיקע געשעענישן. איך האָב דער דראַמע געגעבן צװײ נעמען: „דער לעצטער קרבן", אָדער „די בלוטיקע טעג"... די דראַמע באַשטײט פֿון פֿינף אַקטן... פֿאַראַן אַ ראָל אַ טראַגיקאָמישע מיט זײער אַ טראַגישן סוף... דאָס איז די ראָל פֿונעם פֿרײלעכן שנײדערל ייִדל קטנתי. פֿאַראַן אַ ראָל פֿאַר אַ גוטער אַקטריסע, אַ ראָל פֿון אַ פֿרױ אַ העל־דין. דאָס איז ראָזע זיסערמאַן. פֿאַראַן נאָך אַ קאַרדינאַלע ראָל — פֿונעם יונגן שוסטער, דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט יואליק דראַטװע — זײער אַ דאַנקבאַרע פֿאַר אַ גוטן טראַגיקער. הכּלל, מען האָט באַװאָרנט (נישט איך, נאָר דאָס לעבן גופֿא) אַלעמען. װאָס ס'איז שײך דער סצענישקײט פֿון דער פּיעסע, איז בײ אַ פּינקטלעכער אױפֿפֿירונג און מיט רײכע דעקאָ־ראַציעס װעט זי מאַכן אַ פֿוראָר... אַ שאָד, װאָס איך װעל נישט זײַן אין ניו־יאָרק אױף דער פּרעמיערע פֿון דער דאָזיקער צײטלעכער פּיעסע. איך װאָלט אײַך אױסגעשטעלט די סצענע פֿון דעם פּאָגראָם און די סצענע פֿון די מאַניפֿעסטאַציעס אין זײער גאַנצער רעאַלקײט! נאָר װאָס זאָל מען טאָן? איך פֿאַרלאָז מיך אױף אײערע אַרטיסטן, אַז זײ װעלן זיך באַמיען אַװעקצושטעלן אַלצדינג װי עס באַהאָרף צו זײַן, כּדי עס זאָל זיך באַקו־מען אַזאַ אילוזיע, אַז יעדער אײנער פֿון די צושױער, זיצנדיק אין ניו־יאָרק, זאָל האָבן דאָס רעכט צו זאָגן: „איך בין געװען אין רוסלאַנד אין די דאָזיקע בלוטיקע טעג"... (דאָרט, ז"ז 210—211).

אָט אַזױ איז ש"ע די גאַנצע צײט געװען אױפֿגערודערט, אױפֿגע־טרײסלט פֿון די בלוטיקע געשעענישן, באַמיט זיך זײ אַרױסצוברענגען אין זײַנע װערק און געװאָלט, אַז דער ברײטער עולם זאָל װעגן זײ זיך דער־װיסן און זײ אױך אַדורכלעבן אין גאָר זײער גרױלקײט און טראַגישקײט.

3.

װעגן דעם װי ש"ע האָט זיך געפֿילט און זיך געהאַלטן אין די קאָנ־סטיטוציע־ און פּאָגראָם־טעג דערצײלט אונדז אשר בײלין אין זײַן דער־מאָנטן ביכל „שלום־עליכם" (העברעיש, 1945).

אשר בײלין דערצײלט, װי, נאָך אַן איבעררײס פֿון עטלעכע חדשים, איז ער זומער 1905 צוריקגעקומען קײן קיעװ, ערב „מתן־קאָנסטיטוציע".

„עס איז געווען די צייט פון גרויסע געשעענישן און פון אומגעריכטע פּאַ־סירונגען, איך בין מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם. דער לאַנג־דערוואַר־טעטער טאָג איז ענדלעך געקומען. אין אַ שיינעם האַרבסט־פרימאָרגן איז פאַנאַנדערגעשפּרייט געוואָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד די בשורה — קאָנסטיטוציע! די שטאָט קיעוו, ווי אַלע אַנדערע שטעט, איז געוואָרן יום־טובדיק. די גאַסן זענען פול געוואָרן מיט פרייִלעכע, שיינענדיקע מענטשן. מען איז זיך געפאַלן איינער דעם אַנדערן אויפן האַלדז, זיך געקושט און מיט טרערן פון פרייד האָט מען געמאַכט אַ „שהחיינו". עס זענען פאַר־געקומען דעמאָנסטראַציעס און מאַניפעסטאַציעס. מיט רויטע פענער און מיט געזאַנג האָבן צענער טויזנטער מענטשן געשטראָמט פון אַלע טיילן שטאָט צום צענטער, צו דעם דומע־פּלאַץ".

„ווען איך בין שפּעטער אַדורכגעגאַנגען שלום־עליכם'ס הויז, — דער־ציילט א. ביילין, — בין איך אויף אַ ווײַלע אַרויף צו אים אין שטוב, אָפּצוגעבן אים מזל־טוב. ש"עס געמיט־צושטאַנד איז נישט געווען שטאַרק דערהויבן. זיינע אויגן האָבן מיט זאָרג געבלאָנדזשעט פון איין קינד צום צווייטן.

— סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש, — האָב איך צו אים געזאָגט, — עפּעס זענט איר צו וואָכעדיק!

— כאַפּ זיך נישט אַזוי מיט דיין פרייד, — האָט ער מיר געענט־פערט.

ווען איך בין אַוועק, האָט ער מיר געזאָגט:

— פאָלג מיך, גיי נישט צו דער דעמאָנסטראַציע. צו וואָס זיך איינ־שטעלן דאָס לעבן?

איך געדענק, אַז איך בין אַראָפּ פון די טרעפּ, האָט ש"ע געעפנט די טיר און מיך געוואָרנט:

— פאָלג אַן עלטערן מענטשן און קריך נישט אין פייער!

איך האָב אים נישט געפאָלגט. די רויטע פענער האָבן געלאָקט און געצויגן, און איך בין מיטגעריסן געוואָרן פון זיי. איך האָב זיך צונויפגעמישט מיט דער מאַסע, וואָס האָט פייערלעך דעמאָנסטרירט. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן קאָזאַקן זיך אַ לאָז געטאָן אויפן המון, וואָס האָט אָנגע־פילט דעם דומע־פּלאַץ, און אַן שום וואָרענונג גענומען שיסן אויף די פאַר־זאַמלטע. ס'איז געוואָרן אַ געטימל און אַ פּאַניק. איך האָבן גענומען לויפן און זיך אָנגעשלאָגן אויף טויטע און פאַרוואונדעטע מענטשן. צווישן די נע־

פּאַלענע זענען אויך געווען מײַנע צוויי חברים. געשרייען, געוואַלדן, קווי־טשערייען האָבן פאַרהילכט דעם קאַמף־פּלאַץ. איך בין געפאַלן, זיך אויפגעשטעלט און נעלאָפן ווי וויט מײַנע פיס האָבן מיך געטראָגן. שלום־עליכם האָט ריכטיק עפּעס פאָרויסגעפילט! — — —"

„...נאָכן פּאָגראָם, וואָס האָט געדויערט דריי טעג, בין איך אַריינגעקומען צו שלום־עליכם'ן. ער איז פאַר די פּאָר טעג ווי קלענער געוואָרן, און זיין געזיכט איז געל און גרין געוואָרן.

— ער לעבט! ער לעבט! — האָט ש"ע מיט אַ פריידיק קול מיך באַגעגנט, — ברוך מחיה מתים!

אין דער רשימה פון די פאַרוואונדעטע דורך די קאָזאַקישע שיסערייען איז אויך געווען מיין נאָמען, — האָט ער געמיינט, אַז איך ליג ערגעץ אַ פאַרוואונדעטער.

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? דו האָסט געוואָלט אַ קאָנסטיטו־ציע (אַזוי האָבן פּשוטע גויים אַרויסגעבראַכט דאָס וואָרט קאָנסטיטוציע) — האָסטו זי!

ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער הין און צוריק, דערשלאָגן און יערדריקט. יעדעס מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט:

— הא? דו האָסט עפּעס געזאָגט?

איך האָב גאָרנישט נישט געזאָגט. די ליפּן זענען געווען פאַר־שטשעמעט.

אין אַ צוויי טעג אַרום האָב איך באַקומען פון אים אַ טעלעגראַמע, איך זאָל גלייך קומען. ס'איז געווען אין אָוונט. ער איז געזעסן ביי זיין שרייבטיש און געשריבן.

— איך האָב צו דיר אַ בקשה, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר, — איך בעט דיך איבערצונעכטיקן ביי אונדז, טאַקע דאָ אין צימער. מיר וועלן דאָ פאַר דיר מאַכן אַ נעלעגער. אַ שווערער שטיין דריקט אויפן האַרצן. אַלע אין שטוב זענען דערשראָקן און פול מיט מורא.

איך האָב איבערגענעכטיקט ביי אים.

די שטאָט האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַרואיקט. יעדע שטימע, יעדער קלאַפּ האָט דענערווירט. ס'איז געווען אַ געפאַר פאַר יידן אַרויס פון שטוב. ס'איז דערקלערט געוואָרן אין קיעוו קריגס־צושטאַנד, און קיין שום מענטש האָט זיך נישט באַוויזן אין גאַס. סיידן אונטערוועלט־מענטשן.

איצט איז געווען זייער צייט. זיי האָבן געשלאָגן, געראַבעוועט. די זענען עס געווען די „עכטע רוסן“, די אויסדערווייַלטע פון דער צאַרישער רעגירונג. זיי האָבן איצט געפייערט זייער שוואַרצן זיג. קולות פון די דאָזיקע שיכורע כוליגאַנעס האָבן געהילכט ביז שפּעט ביינאַכט, פאַרסמט דאָס געמיט און דערמאָנט אין די פרייהייט־טרוימען און גאולה־האָפענונגען, וואָס זענען צעטראָטן געוואָרן דורך די כוליגאַנישע שטיוול“.

„א שווערער יאוש, — דערציילט ווייטער א. ביילין, — האָט געדריקט דאָס האַרץ, פאַראומערט דאָס געמיט. אָ, אָט די דריקנדיקע, גרויליקע נעכט!

— וואָס לויפסטו אַרום איבערן צימער הין און צוריק ווי אַ משוגענער? עמעץ יאָגט דיך נאָך, קאָנסט נישט שפּאַצירן רואיק, פּאַמעלער? — הער איך ש“עס שטימע.

איך זעץ זיך אַוועק.

— מיין גאָט! וואָס קוקסטו אויף מיר מיט אַזעלכע גלעזערנע אויגן?

איך וואַך אויף.

— איך האָב דיך פאַרבעטן, דו זאָלסט אַ ביסל צעשטרייען אונדזער שווער געמיט, און דו מאַכסט נאָך שווערער די שטימונג בעסער לייג זיך שלאָפן!

איך לייג, און ער זיצט און שרייבט אַלץ.

אין עטלעכע טעג אַרום איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע דראַמע, אַ פּאָגראָם־דראַמע. דער גורל פון דער פּיעסע איז מיר ביז היינט נישט באַקאַנט. — — —“ (א. ביילין, ז“ז 59—62).

דאָס איז „דער לעצטער קרבן“, וואָס ש“ע האָט איבערגעשיקט קיין אַמעריקע צו ד“ר מ. פישבערג פאַר יעקב פּ. אַדלער. י. ד. בערקאָוויטש שרייבט, אַז „דער לעצטער קרבן“ איז אין ערגעץ נישט אויפגעפירט געוואָרן און נישט געדרוקט געוואָרן. דער מאַנוסקריפּט האָט זיך פאַרוואַלגערט אין יעקב אַדלערס אַרכיוו און דערווייל (אין 1926) איז פון דעם קיין שפּור נישטאָ“ (ש“ע־בוך, ז' 210). אייניקע געשטאַלטן פון דער דראַמע זענען דערנאָך אַריינגעבראַכט געוואָרן אין זיין „דער מבול“ (שפּעטער אָנגערופן „אין שטורעם“, אָנגעשריבן אין אַמעריקע אין 1907).

א. ביילין דערציילט ווייטער, אין זיין העברעיש ביכל, אַז „צו שלשים נאָכן פּאָגראָם האָט מען אויסגערופן אַ תענית. מיר זענען ביידע אַרומגעגאַנגען פון איין שול אין דער אַנדערער. ס'האָבן געברענט גרויסע ליכט.

דער עולם האָט געזאָגט „סליחות“, זיך געשלאָגן אויפֿן האַרצן „אשמנו“ און געזונגען „הנותן תשועה“. אַ גאַנצן פֿרימאָרגן האָבן מיר אַזוי אַרומ־געשלעפּט זיך איבער די געפּאַקטע שילן. ש"ע האָט געקוקט אויף די ווי־נענדיקע יידן און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— זיי שלאָגן זיך נאָך אין די הערצער און זאָגן „אשמנו!“ זיי זענען עס די שולדיקע, די זינדיקע! (א. ביילין, ז' 63).

4.

שלום־עליכם האָט אַלע יאָרן, פֿון די ערשטע ווערק זיינע, טריי גע־שילדערט דאָס אומנאָרמאַלע לעבן פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אין צאַרישן רוסלאַנד, וועלכע האָבע געליטן טאָפּלט — סיי ווי בירגער און סיי ווי יידן. מיט אַ באַזונדער שאַרפֿקייט האָט ער באַטאָנט די טראַגי־קאָמישע סיטואַציעס, וועלכע האָבן געשאַפֿן אין יידישן לעבן די אומגע־לומפּערטע אַנטי־יידישע געזעצן. געלעבט לאַנגע יאָרן אין קיעוו, אין אָט דער „הייליקער“ שטאָט, וואָס איז געשטאַנען אין צענטער פֿון יידישן תחום און דאָך זיך שטאַרק אויסגעטיילט מיט די פֿאַרשידענע ווילדע ספּעציפֿישע „קראָמיע יעוורעיעוו“־פֿאַראָרדענונגען, האָט ש"ע כסדר אַרויסגעבראַכט אין זיינע מאָנאָלאָגן און דערציילונגען די טראַגישע און קאָמישע פּאַסירונגען, וואָס דער בשוטער יידישער פֿאָלקס־מענטש האָט געהאַט אויסצושטיין ביי זיין קאַמף פֿאַר לעבן און עקזיסטענץ. דורך זיינע באַרעדעוודיקע פֿאָלקס־מענטשן האָט ש"ע אַרויסגעזאָגט זיין שנאה און פֿאַראַכטונג צו דער צאַרישער מאַכט און צו אירע אוממענטשלעכע „פּאָזשאָנדקעס“. ער האָט אויך בימער און סאַרקאַסטיש אויסגעלאַכט און אָפּגעשפּאָט פֿון דער לאַ־יוצלהדיקער צאַרישער רעגירונג.

אין זיין באַרימטער דערציילונג „דער פֿעטער פּיניע און די מומע רייזע“, — אַ סאַטירע אויף דעם קריג, וואָס דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט געפֿירט מיט יאַפּאַן, און, צוליב דער צעפֿוילטער מלוכה־אָרדענונג, געליטן אַ מיאוסע מפּלה, באַראַקטעריזירט אַזוי ש"ע רוסלאַנד: „די מומע רייזע איז געווען פֿרום און גאַטספּאָרכטיק — געגלויבט אין בישוף און שדים... זיך באַגאַנגען מיט מענטשן גראָב, די דינסטן געשלעפּט פֿאַר די צעפּ, געשלאָגן מכות רצח, נישט געווען ביי איר קיין רחמנות אויף אַ לעבעדי־קער זאַך“...

אין דער אַלעגאָריע „דאָס ניי־געבוירענע" רעדט ש"ע מיט אַ ספּעציעלן סאַרקאַזם וועגן דער צאַרישער רעגירונג: „...די מאַמע ראָסל האַלט אַלעמען און אַלץ אין דער גרעסטער מורא. עמעצער זאָל אויסרעדן ביים טיש אַ הויך וואָרט, אַ לאַך טאָן, גיין נישט אַהין ווו מ'דאַרף, רעדן נישט מיט דעם וואָס מ'דאַרף, מישן זיך אין שטוב־זאַכן, אַריינקוקן אין באַלעבאַטישקייט, אַריינשמעקן אין קיך אַריין — חיות נישט זיכער"... די „מאַמע ראָסל" האָט באַזונדערס אויסגעלאָזט איר ביטער האַרץ צום יונגוואַרג, „פאַר אַן איבעריק וואָרט האָט מען אונדז אויסגעריסן, געשלאָגן, געממיתט... האָט עמעצער אָנגעשריבן אַ בריוול, האָט זי געגעבן קלעפּ, האָט עמעצער געזונגען אַ לידל, האָט זי געקאַטעוועט ביז טויט".

אין איינעם פון זיינע בריוו צום דערמאָנטן ד"ר מ. פרישבערג (פון 13־טן סעפּטעמבער 1905) טיילט מיט ש"ע „נייעס פון דער היים", ווי ער שרייבט אַזוי וועגן די אומרועו, וואָס קומען פאָר אין רוסלאַנד: „...דאָ שלאָגט מען זיך נאָך פאַר „שלישי" און פאַר „מפטיר" אויף טויט. און דער עיקר — מען וויל נישט דעם חזן... די רעכטע פּעטש אין בית־המדרש וועלן ערשט זיין, אַז דער עולם וועט זיך צונויפקומען ראש השנה צו „שחרית"... „מוסף" וועט מען נישט דערלעבן... ווייטער פון „המלך" וועט מען נישט גיין... די גבאים דערווייל טוען זייערס: זיי דינגען שמשים מיט גומע בעזעמער, לאָזן נישט רעדן אַ וואָרט, לאָזן נישט אויסהענגען אַ מודעה אויף דער וואַנט. אַ באַלעבאָס האָט ביי אונדז היינט קיין שום ווערט נישט. אינגאַנצן זענען די גבאים מיט די שמשים. זיי ווילן דווקא דעם אַלטן חזן, כאָטש גיב זיי אַ קרענק. גבאי ראשון זיצט אין דער היים, האָט מורא אַרויסצוגיין: שקוצים וואַרפן קאַרטאָפּליעס. בקיצור, ס'איז פריילעך אין שטעטל!..." (ש"ע־בוך, ז' 208).

פאַרשטייט זיך, אַז דער חזן איז דער קייסער, די גבאים — די מיניסטאָרן, די שמשים — פּאָליציי און זעלנער, און שקוצים וואַרפן קאַרטאָפּליעס — דאָס זענען די רעוואָלוציאָנערן, וואָס וואַרפן באָמבעס...

ש"ע האָט אַרויסגעוויזן אַ גאָר באַזונדערן אינטערעס צו די פאַרשיידענע יידישע רעוואָלוציאָנערן, אַגיטאַטאָרן און קעמפער, וואָס זענען אַרויסגערוקט געוואָרן פון די פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן אין קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשערישער אָרדענונג.

עס איז אינטערעסאַנט די געשיכטע „יוסף", וואָס ש"ע גיט זי איבער דורך דער „דערציילונג פון אַ דזשענטעלמען" געשריבן אין יאָר 1905).

אַליין איז ער דער דזשענטעלמען, ווי ער אַטעסטירט זיך, געווען „אַ יונגערמאַן אַ סוחר, אַ שיינער פאַרדינער, און אַ קערבל איז (ביי אים) בלאָטע, אי טאָמו פּאָדאָבנו“. צוליב אַ מעשה מיט אַ שיין מיידל, וואָס געפעלט אים, ווערט ער אַריינגעצויגן, ווי ער זאָגט, צווישן די „יענקעלעך“, וואָס טראָגן לאַנגע האָר, גייען אָנגעטאָן אין שוואַרצע העמדלעך און די מיידלעך — אין בלוזקעס. איין מאָל האָט דער דזשענטעלמען זיך געלאָזט מיטגיין „אין וואַלד אַריין, העט־ווייט הינטער דער שטאָט אַרוים“, ווו ער האָט „דערזען פאַר זיך אַ שוואַרצע מחנה קעפּ... איך האָב מורא, אויב ניט אַ הריי טויזנט שטיק“... און ש"ע דערציילט דורך דעם „דזשענטעלמען“: „צוגעשפּאַרט צו אַ בוים איז געשטאַנען אַ קליינס, אַ בלייכס, אַן אויסגעדאַרטס, אַן אויסגעטריקנטס, מיט אַ שמאָל האַרץ, מיט ווייסע בלאַסע איינגעפאַלענע בעקלעך... נאָר אַ שטערן אַ הויכער, אַ ווייסער, אַ ברייטער, אין אויגן אַ פּאָר גרויע, ווי ביי אַ קאַץ, נאָר ברענענדיקע, און אַ מויל — און סע רעדט!... עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַלע מאָל, אַז אָט־אָט הייבט זיך אויף אָט דער קליינער נפש... און טוט אַ פלי אַוועק אינגאַנצן מיט די ווערטער אהינצו, ערגעץ אַרויף“...

און אַ גאָר נאָענטער צו דעם רעוואָלוציאָנער יוסף איז אונדזער טייערער פּעפּערל, פּערטשיק (פון „האָדל“ און „טביה דער מילכיקער“). טביה דערציילט אויף זיין לשון וועגן איינעם פון דער „חברה“, וואָס „האָט זיך פאַרהאַקט אין אונדזער ווינקל, עפּעס אַ שלימזל... איך האָב געקענט דעם טאַטן זיינעם, ער איז געווען אַ פּאַפּיראָסניק און אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס... ער האָט געהאַט אַ גוט קעפּל, פּעפּערל, — זאָגט טביה, — ער זעט טאַקע אוים ווי אַ פּעפּערל... אַ וועוועריקל, אַ קליינס, אַ שוואַרצס, אַ פּאַרזעעניש, נאָר ס'איז פול, מלא וגדוש, און אַ מויל — אַש להבה, שוועבל און פּעך“... (ז' 97). טביה כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „...בטבע איז ער דווקא נישקשה פון אַ מענטשל, אַ פּשוטער, אַ פּראָסטער חי וקים, הייסט דאָס, שלי שלך, שלך שלי, מיינס דיינס — הפקר ציבעלעס“... און „אַ פּיסק — נישט געדאַכט זאָל ער ווערן!... מיט פּלאַנען אַלץ אַזעלכע ווילדע, קרומע, משוגענע געננ, עפּעס אַלצדינג לאַקירדע, פּאָפּעריק, מיט די פּיס אַרויף. למשל, אַ נגיד, קומט אוים נאָך זיין משוגענעם, פּאַרקערטן שכל, איז אָפּגעפּרעגט, און אַ קבצן איז, פּאַרקערט, אַ גאַנצער צימעס, און ווער שמועסט אַ באַלמעלאָכע — דער איז גאָר דאָס אויבערשטע פון שטויסל, טייערער פון חרוסת, מחמת יגיע כפיו, זאָגט ער, איז דער עיקר“ (ז' 101).

שלום־עליכם האָט מיטגעמאַכט, מיטגעליטן, מיטגעפיבערט מיט די יידישע פאָלקס־מאַסן אין צאַרישן רוסלאַנד. און כדי צו זיין וואָס־נאָטיר־לעכער, רעאַלער און אויטענטישער, האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם גע־פלאָגטן און געליטענעם און אים געלאָזט רעדן, זיך אויסרעדן און אַראָפּ־רעדן פון הארצן. זאָגט ביי אים טביה אין דער טביה־מעשה „והלקלקות": „...טביה האָט ליב צו דערציילן אַ זאַך, וואָס טאַקע בעיני ראיתי — ער אַליין האָט דאָס דורכגעמאַכט, מיט אים אַליין האָט זיך דאָס טביהן גע־טראָפן".

און דאָס איז דאָך אינגאַנצן אָנגעמאָסטן אויף שלום־עליכם'ן גופא.

טביה הייבט אָן אַמאָל מיט זיין לשון: „בקיצור, דאָס איז געווען שוין לאַנג, גאָר לאַנג, איך האָב מורא, אויב נישט אין דער סאַמע היץ פון בימים ההם — פון פאָניעס רעוואָלוציעס מיט קאָנסטיטוציעס, בעת ברוקעלע האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף יידישע שטעט און שטעטלעך... און גענומען מאַכן אַ תכלית פון יידישן האָב און גוטס, ככתוב, ווי אין סידור שטייט געשריבן: שובר אויבים ומכניע זדים — געבראָכן פענצטער און געריסן בעטגעוואַנט"... (ז' 225).

איך „לך־לך", ווען עס דערגייט אים שוין ביזן האַלדז, טוט טביה אַ זאָג: „אָך מי, רבונו של עולם, גאָטעניו! וואָס האָסטו זיך עפּעס צוגע־טשעפּעט צו טביהן גראָד? פאַרוואָס זאָלסטו בעסער נישט אַ שפּיל טאָן זיך אַמאָל אויף אַ טשעקאַוועס, למשל, מיט אַ בראָדסקי, אָדער מיט אַ רויטשילד? פאַרוואָס לערנט מען מיט זיי נישט די סדרה לך־לך? זיי וואָלט, דאַכט, מיר, בעסער אָנגעשטאַנען" (ז' 212).

6.

שלום־עליכם האָט מיט זיין שאַרפן חוש דערשפּירט דעם האַסטיקן איבערברוך, וואָס איז פאָרגעקומען ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע. ער האָט געזען דעם נייעם יונגן מענטש, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דעם לעבן נייע אידעען, נייע געדאַנקען און בעיקר — די אומצופרידנקייט, דעם בונט קעגן דער איינגעשטעלטער פּאָליטישער און סאָציאַלער אָרדענונג. לכתחילה פאַר־גאַפט און דערשראָקן פון די געוואַגטע ווערטער, פון דעם נישט־געדאַכטן פּראָטעסט קעגן די אַרומיקע פירעכצן, הייבט אָן דערנאָך דער מאַסע־

מענטש באַגרייפֿן דעם אמת פֿון די נייע געדאַנקען און ער גיט זיין הסכם, זיין גוטזאָגונג די נייע איינשטעלונגען.

אין אַ צאָל דערציילונגען ברענגט ש"ע אַרויס אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער אָט דעם האַסטיקן פּראָצעס, וואָס עס האָבן ראַשיק אַדורכגעמאַכט די יידן אין די שטעט און שטעטלעך, און ער רוקט כּסדר אַרויס די טרעגער פֿון אָט די נייע געזאַנגען און פֿון די נייע אידעען. ס'איז אַ זייער דאַנקבאַרע פֿאָרשונגס־אַרבעט נאָכצוגיין כּסדר נאָך אַלע שלום־עליכם'ס ווערק פֿון יענע יאָרן און אַרויסשיילן און אַרויסטיילן פֿון זיי אָט דאָס נייע רעוואָלוציאָנערע, בונטאַרישע, וואָס די נייע מענטשן ברענגען מיט זיך. ליידער, זענען נישט אַלע ש"ע־שאַפֿונגען דערשינען אין בוכפֿאָרם, אויך זענען נאָך עד היום נישט פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע פּיליצאָליקע בריוו, וואָס ער האָט אין יענער צייט געשריבן.

אין זיין „די גרויסע בהלה פֿון די קליינע מענטשעלעך“ (1904) זאָגט ש"ע: „...אַלע מאָל, ווען עס טרעפֿט זיך דאָ ביי אונדז עפּעס אַן אויסנאַם, אַ צרה, אַ בראָך, אַן אומגליק, טראַכט איך מיר בשעת מעשה: וואָס טוט זיך אַציינד דאָרטן, אין מיין פֿאָטערלאַנד?... קאַסרילעווקע, דאַרפֿט איר וויסן, ווי קליין און אָרעם און עלנט און פֿאַרוואָרפֿן דאָס זאָל נישט זיין, איז דאָך געבונדן מיט דער גאַנצער איבעריקער וועלט, ווי מיט אַ דראָט אַזעלכן, וואָס אַז מען גיט אַ קלאַפּ אין איין עק, גיט זיך עס אָפּ באַלד אינעם אַנדערן עק!...“ (ז' 159).

זיין „אַ פּסחדיקע עקספּראָפּריאַציע“ (1908) הייבט אָן ש"ע אַזוי: „קאַסרילעווקע האָט פֿון תּמיד אָן נאָכגעטאַנצט אָדעס; נאָר פֿון זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן די בהלות, טרעט קאַסרילעווקע נישט אָפּ פֿון אַדעס אויף קיין האָר: אין אָדעס א סטרייק, אין קאַסרילעווקע — אַ סטרייק; אין אָדעס — קאָנסטיטוציע, אין קאַסרילעווקע — קאָנסטיטוציע; אין אָדעס — אַ פּאָגראָם, אין קאַסרילעווקע — אַ פּאָגראָם“ (ז' 193).

אינטערעסאַנט איז די דערציילונג „חרוסת“ (1909), ווו ש"ע פֿירט אַרויס דאָס דינסטמיידל ליזאַ (לאָה די מויד, ווי די שלאַק, די באַלעבאָסטע, די „פּערעוואַריכע“ — רופֿט זי), וואָס באַקענט זיך מיט איינעם אַ בחור פֿון „יענער חברה“, מיט מאַקסן, וועלכער עפֿנט איר די אויגן. „אַ רעכטער יאַט — אָט דער מאַקס, — ערשט היינטיקן פֿאַר־פּסח האָט זי זיך מיט אים באַקענט גייענדיק פֿון פּאָדריאַד איין מאָל פֿאַרנאַכט אַהיים. דעם גאַנצן וועג האָט ער מיט איר גערעדט פֿון אַזעלכע זאַכן, וואָס זי האָט זיי קיינמאָל נישט געהערט, נאָר באַלד געכאַפּט מיטן שכל. פֿון באַלעבאַ-

טים האָט ער מיט איר גערעדט און פון אַרבעטער. ביז אַהער האָבן גע־וועלטיקט זיי, די באַלעבאַטים; אָט באַלד וועלן אָנהייבן געוועלטיקן מיר, אַרבעטער".

ליזאַ דערציילט אים וועגן די מעשה־ביכלעך, וואָס זי נעמט אַלע פרייַ־טיק ביים פּאַקנטרעגער ר' אַלטער. „מאַקס הערט זי אויס מיט אַ האַלבן שמייכל: „נישט די ביכלעך דאַרף מען לייענען. אָט וועל איך אייך געבן אַ ביכל, וועט איר וויסן „פּאָקראַנימיר"..." און ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, ציט ארויס פון דער כאַליעווע פון די שטיוול אַ קליין פאַר־שמאַלצעוועט ביכעלע און גיט דאָס איבער איר, ווי עפּעס אַ הייליקע זאַך, בעט, זי זאָל דאָס נישט האַלטן אויבן אויף... ליזאַ האָט דאָס ביכל ביי אים צוגענומען מיט דעם אייגענעם רעספּעקט, ווי ער האָט דאָס איר גע־געבן... און אַז אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט זי ארויסגעדרייט דאָס לעמפּל און האָט זיך אַוועקגעזעצט לייענען דאָס ביכל, וואָס מאַקס האָט איר געגעבן. אויפן ערשטן בלעטל, גאַנץ אויבנאָן איז געשטאַנען מיט גרויסע אותיות: **אַרבעטער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!**" (ז' 205).

ליזאַ מיט מאַקסן טרעפן זיך אָפט, און ש"ע זאָגט, אַז „אַלץ וואָס ער רעדט איז צוקער־זיס. אַ נייע וועלט האָט ער פאַר איר אויפגעעפנט מיט זיינע רייד"... אָבער „ליזאַ האָט נישט חתונה געהאַט מיט מאַקסן, ווייל ער איז געפאַלן ווי אַ סנאָפּ אינעם ערשטן גרויסן סטרייק נאָכן ערשטן גרויסן שאָס..." און זי, ליזאַ, איז אַוועק קיין אַמעריקע, „זי אַרבעט דאָרטן אין אַ „שאָפּ" און זי גייט אויף אַלע „מיטינגען"..." (ז' 221).

אָט אַזוי ווייזט ש"ע, ווי די אומצופרידנקייט מיט דער הערשנדיקער אָרדענונג און דער רעוואָלט קעגן איר האַלט אין וואַקסן און דרינגט אַריין אין די אַלע ווינקעלעך פונעם יידישן לעבן.

אין דער דערציילונג „שמואליק" (1905) רעדט שמואליק צו די פּוי־ערים אַזעלכע דיבורים: „וועסנע צייט, ווען די נאַטור שטייט אויף, דערמלט, ווען די ערד וואַכט אויף, וואַרפט אַראָפּ פון זיך די ווייסע קאָלדרע, בעט זיך מען זאָל זי באַאַרבעטן — דערמלט לאָזן די פּריצים זיך מטריח זיין די ערד אַליין באַאַרבעטן, אַליין אַרוים אין פעלד אַריין, אַליין גראָבן, זייען, אַקערן, בינדן, פירן אין די שייערן, דרעשן, מאָלן, קנעטן, באַקן פּוטער־ברויט, — אַליין, אַליין, אַליין!"

דער קרושניקער ייד, וואָס דערציילט אין די „מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט" (אויף דער שיף, וואָס גייט פון קאָפּענהאַגען קיין ניו־יאָרק,

1915) וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט זיין פאַמיליע אין צאַרישן רוסלאַנד בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, זאָגט: „...וואָרום פאַר וועמען, איך בעט אייך, זאָל טאַקע יאַנקל יונעווערס זון גיין שלאָגן זיך מיט זיינע אייגענע ברידער פון קראָקע מיט לעמבערג? פאַר פאָניעז, וואָס מאַכט אויף אים פּאָגראָמען?“ (ז' 1947).

און שמואל־משה (אין דער זעלבער דערציילונג „מעשיות פון טויזנט איין נאַכט“) דערציילט וועגן זיין העלדישן זון, וואָס האָט באַקומען צוויי מעדאַלן: „...וואָס זאָגט איר צו דער גדולה — צוויי געאָרגים! פרעגט אים, וואָס ט'ער טאָן מיט זיי? אנו, לאָז ער פּרוּוון קומען מיט זיי, למשל, אין פּייטערבאַרג אָדער מאָסקווע — צי וועט מען אים נישט אַרויסוואַרפן מיט די געאָרגים“ (ז' 224).

ש"ע מאַכט אין איין אָרט חוזק וועגן דער פרייהייט, מ'שטיינס גע־זאָגט, וואָס מ'האָט געגעבן, און ער מאַכט דערביי אַזאַ מין אויסטייטשונג פון אָט דער „פרייהייט“: „אַז איינער האָט נישט פון וואַנען צו לעבן, איז ער פריי צו שטאַרבן פון הונגער.

„אַז איינער זיצט אָן אַרבעט און האָט נישט וואָס צו טאָן, איז ער פריי צו שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט.

„אַז איינער איז געגאַנגען און האָט זיך אויסגעבראָכן אַ פוס, איז ער פריי צו גיין אויף קוליעס.

„אַז איינער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ווייב און האָט נישט מיט וואָס זי מפרנס צו זיין, איז ער פריי צו גיין איבער די הייזער מיט איר אינאיינעם.

„אַז איינער האָט געלעבט און איז געשטאָרבן, איז ער פריי צו באַ־גראָבן ווערן „בכל תפוצות ישראל“ („די רעוואָלוציע אויף יענער זייט סמבטיון“).

הקיצור, ווי מיר זעען האָט ש"ע אין זיינע פאַרשידענע שאַפונגען פון יענע יאָרן געהאַלטן אין איין אַרויסאַנטפּלעקן ביי זיינע פאַרשידענע גע־שטאַלטן די שנאה, האַס און סאַרקאַזם צו דעם פאַרפוילטן צאַרישן רע־זשים און צו דער אומגערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג.

אין 1905, אַנטערן איינדרוק פון די פּאָגראָמען, אָרגאַניזירט דורך דער צאַרישער מאַכט, האָט שלום־עליכם אויך אָנגעשריבן זיין סאַטיריש ליד: „שלאָף, אַלעקסעי...“ (פאַרפאַסט אויף דעם שטייגער פון מ. לערמאָנ־טאָווס „ספּי, מלאַדעניעץ, מאָי פּרעקראַסני...“). שפּעטער, אין 1908, האָט

ש״ע דאָס ליד קאָרעגירט (ש״ע־בוך, ז״ז 61—62). ס׳איז אַ סאַטירע אויף צאַר ניקאָלאַי II, מיט זיין זון אַלעקסעי און אויף די שוואַרצמאהניקעס. דאָ האָבן מיר אַזעלכע פערזן:

„אין זשאַנדאַרמען מיט קאָזאַקן,
שומרים ביי דער טיר,
די וואָס קאָנען בראָקן, האַקן,
שמייסן אָן אַ שיעור.

לאָזן פּלאַפּלען סאָציאַליסטן,
מיינען, סט׳עפּעס זיין,
לאָזן שיסן אַנאַרכיסטן
וויפל ס׳עט אריין.

לאָזן האַווקען די גאַזעטן,
שרייען אויף די ציין,
פּובליציסטן און פּאָעטן
לאָזן זינגען שיין.

לאָזן באָמבעס דאָרט זיך רייסן,
ס׳איז שוין נישט קיין נייס;
מ׳עט זיי כאַפּן, מ׳עט זיי שמייסן,
הענגען איינציקווייז.

— — — — — — — — — — — — - -

שלאָף, אַלעקסיע, ס׳איך ניקאָלאַי,
ס׳לידל נעמט אַ סוף.

7.

אויף אַ גאָר ברייטן אופן שילדערט ש״ע די רוסלענדישע רעוואָלוציע, די קאָנסטיטוציע־טעג און די שרעקלעכע יידישע פּאָגראָמען, וואָס זענען געקומען אינאיינעם מיט דער קאָנסטיטוציע, אין זיין ראָמאַן „דער מבול“, וואָס ער האָט געשריבן אין ניו־יאָרק אין 1907, און וואָס ער האָט אים דערנאָך אָנגערופן מיטן נאָמען „אין שטורם“ (אַ ראָמאַן אין צוויי טיילן).

דער ראָמאַן „אין שטורם“ באַשטייט פון 2 טיילן, 24 קאַפּיטלען. די באַקאַנטע מאָטאָ, וואָס ש"ע האָט געגעבן צו זיין בוך „פונעם יאַריד“ „צו וואָס ראָמאַנען, ווען דאָס לעבן איז אַ ראָמאַן“, וואָלט מען געקאָנט, אין אַ געוויסן זינען, אויך געבן צום ראָמאַן „אין שטורם“. אין אָט דעם ווערק האָט ש"ע אַריינגעוועבט רעאַלע פּאַסירונגען פון דער שטורעמדיקער רעוואָלוציע= און פּאָגראָם=צייט און אַריינגעפלאָכטן רעאַלע, ממשלעבעדיקע געשטאַלטן פון פּעטערבורג און פון קיעוו. שוין די ערשטע שורות פינעם ווערק זאָגן עדות וועגן דער רעאַלקייט פון דער האַנדלונג אין בוך: „דריי פאַרשידענע פּסחן האָט מען צוגעגרייט אינעם הויז נומער 13, וואָס אויף וואַסילטשיקאָווער גאַס“ (די באַקאַנטע גאַס אין קיעוו, ווו ש"ע האָט געלעבט לענגערע יאָרן מיט זיין פאַמיליע — גרויס וואַסילקאָווסקע — נ. מ.) ...און ש"ע גיט צו: „דער פּסח איז איינער“, „נאָר די אָרט צוגרייטן, דאָס פאַרברייטן, דאָס רעכטן זיך איז נישט אומעטום גלייך... ווייל די מענטשן זענען פאַרשידענע מענטשן מיט פאַרשידענע כאַראַקטערן, מיט פאַרשידענע מיינונגען“.

און בעיקר — וועלן מיר צוגעבן, ווייל זיי געהערן צו פאַרשידענע שטאַנדן, זיי זענען פון פאַרשידענע קלאַסן. און אָט די קלאַסן=דיפערענציִרונג איז אַן עיקר אין בוך, און אין דער שטאַרק=געשפּאַנטער, מיט פולער=אָנגעלאָדענער צייט רוקט זיך באַזונדער אַרויס אָט די קלאַסן=דיפערענצירונג און פאַרנעמט דעם אויבנאָן. ש"ע באַטאָנט כסדר די שאַרפע ווידערשפּרוכן, די שטאַרקע סתירות פון די דריי יידישע פאַמיליעס סיי אינעם געוויינלעכן וואָכעדיקן לעבן, סיי אין די יום=טוב=טעג, ווי אויך די טיפע חילוקי=דעות ביים אויפנעמען און רעאַגירן אויף די גרויסע, דערהויבענע און גרויליקע, טראַגישע געשעענישן, וואָס קומען פאָר אין די היסטאָרישע טעג.

די לופט, די סביבה, יעדע שטוב, די גאַס — אַלץ איז איצט פאַרכאַפּט מיט די אומגעריכטע, ביזאַהער נישט=געדאַכטע פּאַסירונגען, וואָס קומען פאָר אין דעם אַרומיקן לעבן, — אינעם אַלגעמיינעם און אינעם יידישן לעבן. עס איז אַ הייסע צייט און איין געשעעניש יאָגט אָן אַ צווייטע. אין די געשעענישן רוקן אַרויס אויסטערלישע געשטאַלטן, וואָס מאַכן אַהורך פאַרשידענע אומגלויבלעכע איבערוואַנדלונגען. עס טויכט אויף פלוצים ביים אָרעמען סדר פון נחמיה דעם שוסטער „דער אורח, דער באַוואָקסענער האָריקער נפש מישא ניידיטש“, וואָס איז „שוין געלאָפן נישט פון איין טורמע אין שוין געלאָפן פון סיביר אויך“. די מערקוויר=

דיקע אויפֿברויזנדיקע צייט מיט אירע אומגעריכטע ליכטיקע און טונקעלע פּאַסירונגען דערוואַרטעטע אייגענע און דערנענטערטע פרעמדע. און וויפל אומזיניקע קרבנות! וויפל אַכזריותדיקע מאָרדן! ש״ע מישט כסדר אין זיין ראָמאַן דאָס ליכט מיטן שאָטן, דעם פרילינג מיט די שחיטות. ש״ע האָט בכיוון איינגעטיילט יעדער משפּחה קינדער, וואָס זאָלן שאַרפער און ליידנשאַפטלעכער אַרויסברענגען די טיפע אונטערשידן און שטאַרקער מאַכן די קאַמפן אין צוזאַמענשטויסן. ש״ע, אויף זיין הומאָרפולן אין סאַטירישן שטייגער, „האָט די ערע פאַרצושטעלן פּאַר זיינע לעזער" „די דריי רוסישע יידן" און פאַרוויקלט זיי אין זיין צאַפּלדיקן ווערק, זיי מיט זייערע ווייבער און קינדער, און ברענגט זיי אינעם געווירבל פון די געשעענישן, אין דעם רוסלענדישן קאַטאַקליזם פון יענער צייט.

ש״ע טוט זיך אַ זאָג: „און מערקווירדיק, ווי גאָט פירט די וועלט! באַדאַרף זיך טרעפן אַזוי, אַז דווקא ביי דעם אַפּטייקער, דעם געוועזענעם קאַלבאַסניק אין איצטיקן אַנטי־ציוניסט, שפּרינגט אַרויס אַ זון סאַשאַ, אַ הייסער פייערדיקער נאַציאָנאַליסט! און ביי דעם בורזשואַזנעם איציקל שאָסטעפּאַל, וואָס האָט מורא פּאַר אַ סאָציאַליסט ערגער ווי פּאַר אַ רוסישן זשאַנדאַרם, וואַקסט אויס אַ מעכטערל טעמע אָדער טאַמאַראַ, אַ פאַרברענטע, אַ פאַרקאַכטע סאָציאַליסטקע!" (ז׳ 12).

און ווי אומגעריכט גאָט פירט די וועלט און ווי שלעכט ער האָט פאַנאַנדערגעטיילט אַלץ וואָס איז דאָ אויף דער וועלט — דאָס זעען מיר און הערן, ווען מיר באַקענען זיך מיטן „דריטן פאַרשוין, וואָס וווינט אינעם זעלבן הויז נומער 13", מיט נחמיה דעם שוסטער, מיט זיין ווייב זיסל, מיט זיינע צוויי זין חיים און בעני, וואָס „זיצן ביים ווערקשטאַט מיט די האַמערס אין די הענט און קלאַפּן פּלעקלעך אין די פּאָדעשוועס אריין" (ז׳ 15), און מיט זייער פריינד דעם שניידער יידל קטונתי. חיים, איינער פון די „צוויי הויכע, געזונטע, געפּאַקטע בלאָפּאַקעס", איינער פון די צוויי בגים פון נחמיה און זיסל, טוט זיך אַ זאָג: „זיי (די גבירים) האָבן אונדז איינגעטיילט די הגדה, בכדי מיר זאָלן האָבן וואָס צו זאָגן, און זיי וועלן דערווייל עסן די פּאַלירטשיקעס מיט די ברעמזלעך..." און זיסל, די מאַמע, שטעלט אַריין דערווייל אַ קללה: „אויסקרענקען זאָלן זיי, רבונו של עולם!" און אַז איר מאַן, נחמיה דער שוסטער, פרעגט ביי איר: „פאַרוואָס קומט זיי שעלטן? וואָס זענען זיי, חכמה מיינע, שולדיק אין דעם, וואָס מיר האָבן נישט אויף פּסח?" — גיט אים זיין ווייב זיסל צו פאַרשטיין: „אָט מיט דעם, וואָס זיי האָבן און מיר נישט, זענען זיי

שולדיק!... זאָלסט נישט זיין קיין שלימזל, וואָלסטו אַליין פאַרשטאַנען, אַז זיי זאָלן האָבן ווינציקער, וואָלטן מיר געהאַט מער, דעמלט וואָלטן מיר זיך אַלע אויסגעגלייכט".

„— די מאַמע איז אַ מאַרקסיסטקע! — באַמערקט חיים צו בעניז, און בעני ענטפערט אים: — מען וואָלט זי באַדאַרפט נעמען אַמאָל אויף אַ דיסקוסיע..." (ז' 16).

און אַז דערנאָך, נאָך אַ לענגערן שמועס און קריג, פרעגט נחמיה זיין ווייב זיסל: — „צי ווען האָסטו מענות?" רייסט זי אים איבער: — „נישט צו דיר, שלימזל, צו גאָט האָב איך טענות..." מישט זיך אַריין דער עלטערער זון חיים: — „נישט צו גאָט, צו מענטשן דאַרפסטו טענהן. גאָט אַליין האָט באַשאַפן די וועלט פאַר אַלעמען גלייך, נאָר די מענטשן האָבן זיך מיט איר שלעכט איינגעטיילט..." — איינעם גאָר, דעם אַנדערן גאָרנישט... לייגט צו דער יינגערער בעני. און די מאַמע זיסל פאַרטראַכט זיך און טוט אַ פרעג ביי די קינדער גאַנץ ערנסט:

— „וואָס זשע טוט מען דערצו?" — „עקספּראָפּריאַציע! — ענטפערט איר חיים, און בעני חזרט איבער: „עקספּראָפּריאַציע!"...

און כדי צו שילדערן וואָס געגויער און פולער די געשעענישן, וואָס וואַקסן ראַשיק, ברענגט ש"ע אַרויס די פּרעכטיקע געשטאַלט פון ליפּאַ באַשעוויטש מיט זיין טאָכטער מאשא, וואָס זיצט אין פּעטערבורגער תפיסה. וואָס „זיצט חלילה נישט פאַר קיין גנבה, זי איז אַ „פּאָליטישעס-קע"... (ז' 21), ליפּאַ באַשעוויטש און מאשא, זיין טאָכטער, זענען רעאַלע געשטאַלטן, זיי זענען גענומען פונעם ווירקלעכן לעבן אין קיעוו פון יענער צייט. איך האָב גוט געקענט דער ייד ליפּאַ באַשעוויטש.

עס איז אַריינגעבראַכט אינעם ראָמאַן דער קריסטלעכער „געוועזע-נער סטודענט" ראָמאַנענקאָ, אַ זון פון אַן אַנטיסעמיטישן גימנאַזיע-לערער, — „איינעם פון די בעסטע קינדער פונעם לאַנד, וואָס האָבן אַ וואַ-רעם ליבענדעם האַרץ, מיט אַ ריינעם געוויסן, מיט אַ הויכן אידעאַל, מיט אַ גוטן ווילן צו טאָן עטוואָס גוטס, נוצלעכס פאַרן אומגליקלעכן הונגעריקן פאָלק..." אין-ס'איז אויך דאָ אַ ייִדישער „שפּיק", יאַשקע וואָראָנאַ, וואָס האָט הינטער זיך אַ טרויעריקע לעבנס-געשיכטע און וואָס שפּירט נאָך און שטעלט צו נייטיקע אינפאָרמאַציע דער אָכראַנקע און העלפט מיט מיט זיינע פּראָוואָקאַציעס צו פירן מענטשן צו תפיסה און צו תליה. און כדי צו דערגאַנצן דאָס בילד פון יענער צייט איז דורך ש"ע פּרעכטיק אַרויסגעבראַכט „די קליינע קאָמונע", משה מאַלקינס אכסניא אין פּע-

טערבורג, מיט אַלע אירע קוואַרטיראַנטן — טיפן איינס אין איינס, מיט מאַלקינס דריי עלטערע בנים, ווי אויך דאָס הויז פונעם נישט=אָנערקענטן רוסיש=יידישן דיכטער אבראם מאַרקאָוויטש, זיין פרוי און זיין וווּנדערלעך קינד זיוזיא מיט זיינע „הימל=בלויע אייגעלעך און אויסגעטאָקטע ליפּעלעך“, וואָס ווערט אומזיניק דערשאָסן בעת דער אַרבעטער=דעמאָנסטראַציע אין פּעטערבורג.

דאָס איז דער הינטערגרונט פון די געשעענישן און דאָס זענען איינציקע פון די הויפּט=געשטאַלטן, וואָס זענען טעטיק בעת דעם מוראדיקן מבול, וואָס האָט פאַרפלייצט די יידישע שטעט און שטעטלעך מיט פּעך און שוועבל, מיט שיסערייען אין מאָרדן, מיט פּאָגראָמען און שחיטות אין די טעג, וואָכן און חדשים פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע, פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס די צאַרישע רעגירונג איז געצוווּנגען געווען צו געבן און וואָס זי גופא האָט באַלד פאַרטרונקען מיט יידישע און אַרבעטער=בלוט אָקטאָבער 1905. אין די צוויי טיילן פונעם בוך „אין שטורם“, וואָס ש“ע האָט געשריבן מיט אַ יאָר=אָנדערהאַלבן נאָך די טרויעריקע און גרויליקע פּאַסירונגען, האָט ער דאָס אַלץ אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ עכטקייט און קראַפט, וואָס נאָר אַ גרויסער קינסטלער, וועלכער האָט אַלץ אַליין איבערגעלעבט און אַדורכגעפיבערט אין רוסלאַנד, איז מסוגל צו טאָן עס.

שלום=עליכם’ס „אין שטורם“, ווי זיינע אַלע איבעריקע שאַפונגען, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין יענעם דערהויבן=גרויזאַמען פעריאָד, זענען לעבעדיקע קינסטלערישע דאָקומענטן און וויכטיקע מאָנומענטן פון דער שטורעמדיקער צייט פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, קאָנסטיטוציע און יידישע פּאָגראָמען, וואָס יידן האָבן איבערגעלעבט מיט 54 יאָר צוריק, אין האַרבסט 1905...

„דער פאַרכישופֿטער שניידער" — די אויסטערלישע שלום-עליכם-מעשה

„דער פאַרכישופֿטער שניידער" איז איינע פֿון די פּרעכטיקסטע שלום-עליכם-מעשיות, זי פֿאַרנעמט אַ גאָר באַזונדער אָרט אין ש"עס שאַפֿן. זי טיילט זיך אויס מיט איר אינהאַלט און פֿאָרם, זי איז געשריבן אין אַ גאָר אַנדערן, נישט געוויינלעכן ש"ע-סטיל. אין אויך דער מקור אירער שטאַמט ווי פֿון עפּעס אַן אַנדער וועלט, פֿון אַ נישט-דאָיקער, פֿאַנטאַסטישער, וואָס איז גאָרנישט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר שלום-עליכם'ן.

די מעשה איז אָנגעשריבן אין יאָר 1900. עס איז געווען די צייט, ווען אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט און צווישן די יידישע קינסטלערישע קרייזן האָט זיך געשטאַרקט דער אינטערעס צום יידישן פֿאָלקלאָר, צו דער יידישער מעשה, צום יידישן פֿאָלקס-ליד. אין אונדזער בוך „י. ל. פּרץ, זיין לעבן און שאַפֿן" (ניו-יאָרק, 1945), אינעם קאַפּיטל „ביי די קוואַלן פֿונעם פֿאָלקס-שאַפֿן", האָבן מיר ברייט אַרומגערעדט יענע צייט, ווען אין פֿאַרשידענע ערטער, אין פּעטערבורג, וואַרשע, ווין, ניו-יאָרק, האָט מען אָנגעהויבן צו זאַמלען יידישן פֿאָלקלאָר: עס איז אַרויס אין 1901 די באַרימטע זאַמלונג „יידישע פֿאָלקס-לידער פֿון פּ. מאַרעק און ש. גינזבורג (דער אויפֿרוף צו זאַמלען לידער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1898). אין 1897 האָט פּרץ אָנגעהויבן זאַמלען פֿאָלקס-לידער און וועגן דעם זיך געווענדט אין פֿאַרשידענע שטעט (צווישן אַנדערן, צו אברהם רייזען און י. י. פּראָפּוס אין קאָוונע). אין וואַרשע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַרום פּרץ'ן אַ גרופּע יונגעלייט, וואָס האָבן געקליבן לידער און מעשיות. מען האָט אויך גענומען פֿאַרעפֿנטלעכן פֿאָלקס-מעשיות: י. ל. פּרץ (שפּעטער שלום אש און י. מ. וויסענבערג) האָט געדרוקט אין „יוד" און אין אַנדערע צייטשריפֿטן פֿאָלקס-מעשיות. קאָן

זיין, אַז אויך שלום־עליכם איז געווען אָנגערעגט צו נעמען זיך צו אַ יידישער פֿאָלקס־מעשה. און דער רעזולטאַט איז געווען די ווונדערלעכע געשיכטע „דער פֿאַרכישופֿטער שניידער", וואָס האָט אַ גאָר ספּעציעלן, ספּעציפֿישן כאַראַקטער, — אַ פּרעכטיקער געמיש פֿון רעאַליזם און פֿאַנטאַזיע, פֿון שטיקער ווירקלעכקייט, וואָס זענען באַהויכט מיט אַ שיין פֿון פֿאַנטאַסטישע קאָלירן, און איסטערלישע שילדערונגען.

שלום־עליכם האָט צוגעגעבן אַן אונטערקעפּל צו דעם נאָמען „דער פֿאַרכישופֿטער שניידער" — א ר ו י ס ג ע נ ו מ ע ן פֿ ו ן אַ ן אַ ל ט ן פּ נ ק ס א ו ן ב אַ פּ ו צ ט".

אָט דאָס אונטערקעפּל איז פֿאַר אונדז זייער וויכטיק. ווי באַוווּסט האָט שלום־עליכם בכלל גענומען זיינע דערציילונגען, מאָנאָלאָגן, סצענעס דירעקט פֿונעם לעבן. ער האָט „געכאַפּט" אַ ייד, אַ יידענע מיט אַלע פּיטשעווקעס און זיי גלייך אַרויסגעבראַכט אויף דעם פּאַפּיר, אָפּטמאָל געלאָזט זיי רעדן, אויסרעדן זיך וויפֿל זייער האַרץ האָט געגלוסט...

און דאָ פּלוצעם אַ מעשה „פֿון אַן אַלטן פּנקס".

און טאַקע דערפֿאַר איז די גאַנצע געשיכטע דערציילט אין אַזאַ ספּעציפֿישן, אייגנאַרטיקן און נייעם סטיל, אַ געמיש פֿון ביבל און פֿאָלקס־מעשיות. יעדעם קאַפּיטל, יעדער נייער אָפּזאַץ הייבט זיך אָן אָט ווי אַזוי:

„איש היה בזלאָדאָיעווקי — אַ מענטש איז געווען אין זלאָדייעווקע... ושמו שמעון אליהו — און זיין נאָמען איז געווען שמעון אלי... והיה האיש חייט — און געווען איז דער מענטש... ויהי לו בנים ובנות — און ער איז געווען אַ מטופּל מיט קינדער... ושם אשתו — און זיין ווייב האָט געהייסן..." און אַזוי גייט עס קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל. די גאַנצע געשיכטע באַקומט אַ ספּעציפֿיש יידישלעכן כאַראַקטער, מיט אַלע הנען אין פֿאָלקס־טימלעכע באַצירונגען. ווירקלעכקייט און פֿאַנטאַסטיק, רעאַלקייט און לעגענדע.

שמעון־אלי „שמע־קולני" — ווי מען האָט אים גערופֿן, איז אַ האַרציקער, וווילער ייד. ער פֿאַרמאָגט די ספּעציפֿישע שלום־עליכם'שע שטיפֿערישקייט און קינדישקייט. שמעון־אלי איז פֿון דער „משפּחה" טביה דער מילכיקער, — אַ האָרעפּאַשניק, וואָס פֿאַרזיסט דאָס שווערע לעבן מיט פּסוקים, ער איז אויך אַ נאָענטער קרוב פֿון שימעלע סאָראָקער פֿונעם „גרויסן געווינס" (200.000) און פֿון דעם פֿריילעכן שוסטער אין

„מבול“, ווי אויך פון די פייערע, האַרציקע יידן אין אַנדערע ווערק, ווו שלום־עליכם פירט אַרויס אַ לוסטיקן מענטשן, וואָס האָט זיך זיין אייגע־נעם אוצר פון ווערטער און ווערטלעך. און אַז עס איז ווייניק — פאַר־בראָקט ער מיט אייגענע פסוקים, וואָס זענען נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן, ווי אויך מיט אייגענע אויסטייטשונגען פון אמתע פסוקים...

עס זענען קענגעשטעלט אין „פאַרכישופטן שניידער“ צוויי וועלטן— זלאָדייעווקע מיט קאָזאָדאָיעווקע, מיט זייערע אייגענע פאַרשויגענע און אייגענע פירעכצן און אויך די צוויי וועלטן — די חשובע באַלעבאַטים, יוויל־לערנער מיט די פּראָסטע מענטשן, „שער און אייזן. עמך“...

ווו איז דער קוואַל, דער מקור פון אָט דער אויסטערלישער מעשה מיט דער ציג? דערויף איז שווער צו ענטפערן. געווים זענען דאָ ענלעכע מעשיות אינעם פאָלקס־שאַפן, ווי אויך ביי אַנדערע פעלקער.

ס'איז אינטערעסאַנט: אין אַלכסנדר האַרקאַווים „ענגלישער הויז־לערער“ (צווייטע אויפלאַגע, אין 1929 *) האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַן ענלעכער געשיכטע מיט דער ציג, וואָס דאָרט, דעם שניידערס קרוב, פאַר־ביים אים אויף אַ צאַפּ. די געשיכטע הייסט ביי האַרקאַווין „דער גלגול פון אַ האָז“. עס ווערט דערציילט אַ געשיכטע מיט אַן איירישמאַן, וואָס איז באַאויפטראַגט געוואָרן פון זיין באַלעבאָס אין העמסטעד (אַרום לאָנ־דאָן) אָפּצוטראָגן אַ לעבעדיקן האָז אַ מתנה צום באַלעבאָס פריינד אין לאָנדאָן. דער האָז איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין אַ זאַק, און דער שליח איז אַוועק. אויפן וועג האָט דער איירישמאַן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קרע־טשמע זיך אויסצורוען און צו טרינקען אַ גלעזל ביר. אייניקע לצים, וואָס האָבן דאָרט געבאַפּט אַ טרונק, האָבן אויסגעפונען וואָס דער איירישמאַן האָט אין זאַק, האָבן זיי באַשלאָסן אים אָפּטאָן אַ שפּיצל. זיי האָבן פאַר־פירט מיט אים אַ שמועס, און איינער פון דער חברה האָט דערווייל אַרויס־גענומען דעם האָז און אַריינגעלייגט אַהין אַ לעבעדיקע קאַץ. דער איריש־מאַן איז אַוועק קיין לאָנדאָן און געבראַכט די מתנה צו דעם פריינד פון זיין באַלעבאָס: „אָט האָסטו אַ לעבעדיקן האָז, אַ מתנה פון מיין באַלע־באָס“. דער פריינד האָט געעפנט דעם זאַק און צו זיין פאַרוואונדערונג האָט ער דאָרט אַנשטאָט אַ האָז געפונען אַ קאַץ. דער איירישמאַן איז געווען

* ערשטע אויפלאַגע איז אַרויס אין 1891.

דערשטוינט: „ס׳טייטש, אין העמסטער איז עס דאָך געווען אַ האָז!“ דער איירישמאַן האָט גענומען דעם זאַק און אַוועק צוריק אַהיים. אויפן וועג האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט אין דער זעלביקער קרעטשמע. ער האָט פאַר דער פריילעכער חברה דערציילט די געשיכטע ווי פון אַ האָז איז געוואָרן אַ קאַץ. ווי-זיי האָבן אַזוי געשמועסט, האָט איינער אַרויסגענומען די קאַץ און צוריק אַרייַנגעלייגט דעם האָז. אָנגעקומען צוריק צו זיין באַלעבאָס, האָט דער איירישמאַן דערציילט אים, אַז עס איז אין לאָנדאָן געווען נישט קיין האָז, נאָר אַ קאַץ. דער באַלעבאָס האָט זיך געחידושט, ער האָט געעפנט דעם זאַק, איז אַרויסגעשפרונגען אַ האָז. דער איירישמאַן האָט נישט געגלייבט זיינע אויגן. ער האָט אויסגעשריגן פון שרעק: „גאָט מיינער, אין העמסטער איז עס אַ האָז, און אין לאָנדאָן — אַ קאַץ!“ זיין באַלעבאָס האָט געוואָלט צוריקשיקן זיין דינער קיין לאָנדאָן, אָבער יענער האָט מיט שרעק אויסגערופן: „ווען די פאַרהאָרבענע לייט פון לאָנדאָן קאָן מאַכן פון אַ האָז אַ קאַץ, קאָן זי גאָר מאַכן פון מיר אַן אייזל!“

איך האָב געהאַט געפרעגט ביי א. האַרקאַווי, פון וואַנען ער האָט גענומען די געשיכטע, האָט ער נישט געדענקט גענוי דעם מקור. עס איז אינטערעסאַנט טאַקע צו וויסן די קוועלע.

איך האָב אויך געפרעגט ביי פרוי אַננאַ ראַבינאָוויטש, צי זי געדענקט נישט ווו שלום-עליכם האָט גענומען די מעשה מיט דער ציג אינעם „פאַרכישופטן שניידער“, וואָס ער האָט זי „באַפּוצט“ אין אַזעלכע וווּנדערלעכע באַפּוצעכצן. — האָט זי אויך נישט געוווּסט. בלייבט עס אַ זאַך פאַר פאָרשער אויסצוגעפינען דעם מקור.

בידוע, האָט פּרץ גענומען שטאָף פאַר זיינע יידישלעכע פאָלקסטימלעכע געשיכטן אויך פון פרעמדן פאָלקלאָר. שטאַמט די ש״ע-מעשה ערגעץ פון אַנדערע נישט-יידישע קוועלן-קוואַלן? ווער ווייסט? עס איז זייער וויכטיק צו דערגיין דעם אמתן אורקוואַל פון „דעם פאַרכישופטן שניידער“.

ווי עס זאָל נישט זיין — איז „דער פאַרכישופטער שניידער“ באמת אַ פערל צווישן שלום-עליכם׳ס רייכע אוצרות. די געשיכטע איז פול מיט פאַנטאַזיע און דערביי פאַרמאָגט יעדער פאַרשוין, יעדע סצענע, יעדער עפּיזאָד פיל רעאַלע לעבנס-שטריכן.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס ש״ע האָט אין דער מעשה אַריינגעבראַכט אויך אַ פאָלקס-ליד, וואָס „ווערט געזונגען דורך ווייבלעך און מיידלעך עד-היום:

„די לבנה האָט געשײַנט,
האַלב נאַכט איז געווען —
און האָדעלע זיצט ביי דער טיר...“

און ווייטער:

„איך האָב דיך ליב, דושינקע,
גאָר אָן אַן עק,
איך קאָן אַזש ניט לעבן אָן דיר!“

„דער פאַרכישופטער שניידער“ האָט פּאַראינטערעסירט פאַרשידענע באַוווסטע שרייבער און שוישפּילער. דער באַקאַנטער יידישער דיכטער פון רומעניע יעקב שטערנבערג האָט עס מיט אַ 30 יאָר צוריק וווּנדערלעך סצעניזירט און אויך רעזשיסירט. עס איז געווען אַ פּראַכטיקע פאָרשטעלונג, וואָס האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג.

הערנאָך האָט דער יונגער אַרטיסט־רעזשיסער דוד ליכט אויפגעפירט „דער פאַרכישופטער שניידער“ אין וואַרשע לויט דער רעזשי פון יעקב שטערנבערג. אויך דוד בערגעלסאָן האָט געהאָלפן דערנאָך איבערצואַרבעטן אייניקע סצענעס פאַר אַ פּאַריזער אויפפירונג אין דעם דאָרטיקן אַרבעטער־טעאַטער מיט 20 יאָר צוריק.

„דער פאַרכישופטער שניידער“ איז געגעבן געוואָרן סעפּטעמבער 1937 אין פּאַריז דורכן פּאַריזער „פּיאַט“ פאַר די דעלעגאַטן פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, רעזשי — דוד ליכט. די אויפפירונג האָט אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג ביי די הונדערטער דעלעגאַטן און געסט פון די עטלעכע צוואַנציק לענדער, וואָס זענען פאַרטראָטן אויפן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז.

אין 1941, צום 25־טן יאָרצייט פון שלום־עליכם, האָט דער באַוווסטער רעזשיסער יעקב ראָטבוים אויפגעפירט אין ניו־יאָרק „דעם פאַרכישופטן שניידער“ מיטן „אַרטעף“־קאָלעקטיוו אין אַ נייער באַאַרבעטונג.

און, ווי באַקאַנט, האָט איצט אַ סאָוועטיש־יידישער קינסטלער, תנחום קאַפּלאַן, אַרויסגעגעבן אין לענינגראַד פּרעכטיקע בילדער צו דער וווּנדערלעכער שלום־עליכם־מעשה מיט פיל פּשטות, באַהאַרציקייט און שיין באַצירט זי מיט די אַלטע יידיש־טראַדיציאָנעלע לייבן, פייגל, מיט די אַלע

ייִדישלעכע אָרנאַמענטישע באַפּוצונגען, וואָס זענען פּונקט ווי די מעשה— ייִדישלעך, פֿאָלקסטימלעך, שפּילעוודיק, ערנסט און האַלב־פֿאַנטאַסטיש.

און ווידער אַמאָל דערוועקט זיך ביי אונדז די פֿראַגע, פֿון וואַנען שטאַמט אָט די טייערע, באַהאַרצטע ייִדישע מעשה, וואָס שלום־עליכם האָט זי אַזוי הנעוודיק און אַזוי גוטמוטיק „באַפּוצט" און פֿון וועלכער ער געזעגנט זיך, ווי ער אַליין שרייבט אין סוף פֿון דער געשיכטע, „מתוך שחוק, לאַכנדיק", און דער פֿאַרפֿאַסער „ווינטשט אייך, אַז ייִדן, און גלאַט מענטשן אויף דער וועלט זאָלן מער לאַכן ווי וויינען". און דערביי קומט דאָס באַרימטע שלום־עליכם־וואָרט: לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן..."

שלום־עליכם און די רוסישע שרייבער גאָגאָל, טאָלסטאָי, טשעכאָוו...

עס איז נאָך ווייניק געטאָן געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג אויסצוגעפינען די השפּעות פון דער וועלט־ליטעראַטור אויפן שאַפן פון שלום־עליכם. דאָ און דאָרטן זענען דאָ אייניקע באַמערקונגען און אַרויסזאָגונגען וועגן דעם.

מ. וויינער, וואָס איז געשטאָרבן אַזוי יונג, און פון וועמען מיר האָבן געהאַט פיל צו דערוואַרטן, זאָגט, פאַרבייגייענדיק, וועגן שלום־עליכם אין זיין בוך „צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19־טן י״ה: „דיקענס האָט געווירקט אויף שלום־עליכמ'ן, כאָטש ש״עס הומאָר איז ניי און אייגנאַרטיק, נאָר עפּעס אַנדערש און אינגאַנצן פאַרשידן ווי ביי דיקענסן" (ב' 2, ז' 346).

מער ווייסן מיר וועגן דער השפּעה פון די רוסישע שרייבער אויף שלום־עליכמ'ן. ש״ע גופא און זיינע נאָענטע דערציילן אונדז אין פאַרשידענע ערטער, אגב אורחא, וועגן דעם.

מיר האָבן גאַנץ קאָנקרעטע אָנווייזונגען וועגן דער ספּעציעלער נאָענטקייט פון שלום־עליכם צו נ. וו. גאָגאָל (1809—1852), דעם גרויסן רוסישן שרייבער, וואָס איז געבוירן געוואָרן גענוי 50 יאָר פאַר אונדזער שלום־עליכם און געשטאָרבן אַכט יאָר, איידער ש״ע איז געבוירן געוואָרן. ביידע זענען זיי געבוירן געוואָרן און געוואָקסן אין אוקראַינע, אין דער זעלבער פּאָלטאַווער גובערניע און זיכער האָט שלום־עליכם געפילט צו גאָגאָלן אַ טיפע קרובהשאַפט.

שלום־עליכם האָט עס אָפט באַטאָנט. למשל, אין 1894 שרייבט דער יונגער ש״ע אַ בריוו צו הלל מאַלאַכאָווסקי (אַרויסגעבער פון דער צייטונג „די טויב" אין פּיטסבורג), ווו ער פרעגט, אגב, אָז, צי אין פּיטסבורג איז

דאָ אַ יידיש טעאַטער און צי איז נישט מעגלעך אויפצופירן דאָרט זיינע אַ פיעסע, ווייל, ווי ער שרייבט, האָט ער „פּאַרטיק אַ קאָמעדיע אַלאַ „רע־וויזאָר“ פון גאָגאָל“. עס איז געמיינט די באַוווסטע קאָמעדיע „יקנהז“ אָדער דאָס גרויסע בערזע־שפיל“ (אַ סאַטירע אויף די קיעווער־יעהופּעצער בערזע־סוחרים). אין דער קאָמעדיע קומען צום סוף אַזעלכע וואָרענונגס־ווערטער, וואָס זענען פּאַראַפראַזירט פון גאָגאָלס רייד. גאָגאָל זאָגט: „אויף דער בינע אַרויסברענגען זיי! זאָל דאָס גאַנצע פאָלק זיי זען! אָ, לאַכן איז אַ גרויסע זאַך!“... „פאַר קיין זאַך האָט אַ מענטש אַזוי קיין מורא נישט ווי פאַר לאַכן!“ און שלום־עליכם זאָגט דורך זיין העלד מאַרקוס: „אויף טעאַטער וועט מען אייך אַרויסשטעלן! מען וועט קוקן אויף אייך, מען וועט טייטן מיט די פינגער און מען וועט לאַכן!...“

אין זיין אָפּהאַנדלונג „מיט דער משפּחה פון שריפטשטעלער“, אין נעם ש“ע־בוך, שרייבט י. ד. בערקאָוויטש: „מיט גאָגאָלן האָט שלום־עליכם זיך געפילט פאַרוואַנדט. צווישן ש“עס „פערזענלעכע פאַפּירן“ האָט ער אין אַ באַזונדערן קאָנווערט אָפּגעהיט, ווי אַ מין קמיע, גאָגאָלס ווערטער (פון די „טויטע נפשות“, ערשטער טייל, זיבעטער קאַפּיטל), וועלכע ער האָט פאַרצייכנט אויף אַ בלעטל פּאַפּיר אין זייער רוסישן טעקסט און דער־ביי צוגעגעבן זיין אייגענע פרייע יידישע איבערזעצונג: „...און לאַנג נאָך, אַפּנים, איז מיר באַשערט מיט יענעם וווּנדערלעכן כוח צו גיין האַנט ביי האַנט מיט מיינע מאָדנע פאַרשווינדלעך, און צו באַטראַכטן דאָס גרויסע טומלדיקע לעבן דורך אַן אָפענעם געלעכטער און דורך פאַרשטעלטע, פאַר־באָרגענע טרערן“ (ז“ז 88—89).

אין אַ בריוו פון (1913) צו יחזקאל קאָטיק, דעם מחבר פון „מיינע זכרונות“, זאָגט ש“ע, אַז זיין האַרץ זאָגט אים, אַז די „זכרונות“ געהערן צו יענעם מין ביכער, וועגן וועלכע גאָגאָל האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט, אַז יעדער מענטש זאָל נאָר וועלן ערנסט און ערלעך אויפשרייבן זיין ביאָ־גראַפיע, וואָלטן מיר געהאַט אַ סך גוטע ביכער“ (ש“ע־בוך, ז' 244).

נאָך אין אַ גאָר־פריאיקער רעצענזיע (פון יאָר 1884) רעדט ש“ע וועגן הומאָר און סאַטירע און ער שרייבט: „דער הומאָריסטישער גייסט, די סאַטירע, באַשיינט יעדע ליטעראַטור און גיט איר צו אַ געשמאַק... שרייבן הומאָריסטיש — דאָס איז אַ באַזונדערער טאַלאַנט, אַ מתנה פון גאָט, און נישט יעדער גערימטער שרייבער קאָן שטאָלצירן מיט דעם“... אין ש“ע פירט אויס, אַז „אין דער רוסישער ליטעראַטור וועלן גאָגאָל און טורגעניעוו קיינמאָל נישט שטאַרבן, ווייל דער ערשטער איז געווען סאַ־

ליריק און דער צווייטער — אַ הומאָריסט, אויסער דעם וואָס זיי זענען געווען גרויסע פּאָעטן" (ש"ע-בוך, ז' 326).

אשר ביילין, באַוווסטער העברעיש-יידישער שרייבער, וואָס איז געווען איינציקע יאָר ש"עס סעקרעטאַר און אַן אָפטער באַזוכער ביי ש"ע אין הויז, שרייבט (אין זיין העברעיש ביכל „שלום-עליכם", תל-אביב): „...שלום-עליכם איז אין יענע יאָרן (1901 — 1905) באַערט געוואָרן מיטן נאָמען „דער צווייטער גאָגאָל" (ווי מ'האָט אים דערנאָך, ביי זיין קומען קיין אַמעריקע גערופן „דער צווייטער מאַרק טווען"). ער (ש"ע) איז, ווייזט אויס, געווען צופרידן פון דעם נאָמען און מ'האָט עס געקאָנט באַמערקן אויף פאַרשידענע אופנים: גאָגאָלס ווערק אין שיינע בענד האָבן אַרויסגעקוקט פון זיין ביכער-שאַנק. גאָגאָלס ווערק אין אַ קליינעם פאָרמאַט זענען געלעגן אויף זיין שרייבטיש. גאָגאָלס בילד איז געהאָנגען ביי אים אויף דער וואַנט (פון די יידישע שרייבער איז געהאָנגען ביי אים בלויז מענדעלעס בילד, פון אונטן אַן אונטערשריפט — דער זיידע). דאָס הילצערן, פיין-געמאַכט קעסטל, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין שרייבטיש אָדער שטענדער, ביי וועלכן ער האָט געשריבן, האָט געהאַט אויף זיך אַן אויסגעקריצטן נאָמען „גאָגאָל" און דאָרט האָט ער געהאַלטן זיינע נאָך נישט באַאַרבעטע מאַנוסקריפּטן. אויך אין זיין אויסזען איז געווען עפּעס „גאָגאָלישעס", און זיינע האָר פון קאָפּ זענען געווען פאַרקעמט אַלאַ-גאָגאָל"... (ז' 16). ביי א. ביילין האָט זיך אויפגעהיט אַ העברעיש פּאָסטקאַרטל פון ש"ע פונעם 6-טן מערץ 1903, וווּ ס'איז געשריבן: „זייט אַזוי גוט און קומט צו גיין, איר וועט געפינען אַרבעט אינעם קעסטל, וואָס שטייט רעכטס אויפן טיש, מיטן נאָמען „גאָגאָל"....

אָנווייזנדיק ווייטער, אַז ש"ע איז „געווען אַ קינסטלער נישט נאָר אין זיין שרייבן, נאָר אויך אין לעבן", שרייבט א. ביילין, אַז ש"ע האָט געקאָנט נאָכמאַכן, נאָכקרימען באַוועגונגען פון מענטשן, זייער גאַנג, זייער אופן פון רעדן. „דעריבער האָט ער געקאָנט זיך מאַכן אויסזען ווי גאָגאָל און אין אַ צייט שפּעטער — ווי גאָרקי" (ז' 43).

אשר ביילין דערציילט, ווי ער האָט פאַרלאָזט אין 1903 רוסלאַנד און ווען ער איז, אין 1904, צוריקגעקומען קיין קיעוו, האָט ער געטראָפן „אַ שטאַרקע ענדערונג אין ש"עס לעבן. זיין אַרבעטס-צימער איז אָפּגעפרישט געוואָרן און באַקומען אַן אַנדערן אויסזען. ס'איז קיין זכר נישט געבליבן פונעם גרויסן איקראַינישן שרייבער. ס'איז פאַרשוווּנדן פון דער וואַנט גאָגאָלס בילד, פונעם טיש איז אויך פאַרשוווּנדן זיין באַליבט „גאָ-

גאָל-קעסטל" און אָנשטאָט די „טויטע נפשות", האָב איך געפונען ביכער פון דער מאָדערנער רוסישער ליטעראַטור און באַזונדערס — פון מאַקסים גאָרקי. שלום-עליכם'ס איסזון איז ווי באַנייט געוואָרן. ער איז געוואָרן פיל יינגער, מער-דעמאָקראַטישער. ס'איז פאַרשוונדן דער גאָגאָל-אויסזען און ס'האָט זיך באַוויזן די גאָרקי-געשטאַלט..." (ז' 55).

אין זיין אַרטיקל „ביכער-וועלט" (וואַרשע, 1922) האָט א. ליטוואַק געשריבן וועגן יידישע איבערזעצונגען פון גאָגאָלס ווערק, און ער זאָגט:

„אונדזערע יידן האָבן גאַנצע דורות געלעבט אין דער נאָענטסטער שכנות מיטן רוסישן פאָלק; אונדזער לעבן איז געווען צונויפגעפלאָכטן מיט זיינעם; דער רוסישער לעבנס-שטייגער איז אונדז נישט אזוי פרעמד, און גאָגאָל איז דעם יידישן לעזער, אפילו דעם, וואָס פאַרשטייט קיין רוסיש נישט, א סך נעענטער און היימישער, ווי דעם דייטשן אָדער דעם פראַנצויזישן לעזער"... און ווייטער: „גאָגאָל האָט געהאַט א שטאַרקן איינפלוס אויף אונדזער מענדעלען און באַזונדערס — אויף שלום-עליכם'ן (אגב, ווייל איך דאָ אָנווייזן, אז די מצנע מיטן לייענען דעם בריוו אין לעצטן אַקט פון שלום-עליכם'ס „יקנה"ז", איז קאָפּירט פון לעצטן אַקט „רעוויזאָר")..." (ז"ז 162—163).

מען וואָלט געקאָנט ברענגען ענלעכע אָדער נאָענטע שטריכן און מאָטיוון ביי דיביידע שרייבער, און קודם-כל — די אָדעס צו דער אוקראַינישער נאַטור, צו דער לאַנדשאַפט און צו דעם הניעפּר, וואָס ביידע אוקראַינער האָבן אזוי ליב געהאַט.

גאָר פון אַן אַנדער מין און כאַראַקטער איז די באַציונג פון שלום-עליכם'ן צו ל. נ. טאָלסטאָי (1828 — 1910). ש"ע האָט ממש פאַרגעטערט דעם גרויסן רוסישן שרייבער, אָבער פון וועלכן ער האָט אויך געפאָדערט און פאַרלאַנגט מער פאַרשטענדעניש און אינטערעס פאַר דעם פיל-געפּלאָגטן יידישן פאָלק אין רוסלאַנד, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען.

די געלעגנהייט, אַז ש"ע זאָל זיך אַרויסזאָגן וועגן ל. נ. טאָלסטאָי איז געווען, ווען ד"ר פּערפּער, דער רעדאַקטאָר פונעם רוסישן וועגעטאַרישן זשורנאַל „וועגעטאַריאַנסקאָיע אָבאָזרעניע" (וווּ עס זענען געווען געדרוקט אייניקע שלום-עליכם-מעשיות, וואָס האָבן צו טאָן מיט „צער-בעלי-חיים"), האָט זיך געווענדט צו שלום-עליכם'ן מיט אַ בקשה, ער זאָל עפּעס אָנשרייבן וועגן טאָלסטאָיען נאָך זיין טויט אין 1910. אויף דער איינלאַדונג האָט שלום-עליכם אים געענטפערט א לאַנגן בריוו, וווּ צווישן אַנדערן זאָגט ער: „...איר ווילט דאָך, איך זאָל אייך עפּעס שרייבן וועגן

מאָלסטאָיען. אַך, מיין גאָט! איך זאָל שרייבן וועגן אַזאַ עוג מלך הבשן פון דער ליטעראַטור? איך זאָל שרייבן וועגן אַזאַ שמשון הגבור פון דער מענטשהייט?... עס פליט אַ פליגעלע און רייסט זיך צו דער שיין פון דער זון. שטעלט איר עס אָפּ: „זאָג מיר, פליגעלע, וואָס דענקסטו וועגן דער זון?"... — — — איך האָב מיך כל ימי (מיין גאַנץ לעבן!) געריסן צו דער האַזיקער שיינענדיקער, לייכטענדיקער און וואַרעמענדיקער זון, וואָס האָט געהייסן „טאָלסטאָי". איך האָב מיר אַמאָל געהאַט דאָס וואָרט גע-געבן: איך וועל נישט שטאַרבן, ביז איך וועל נישט זיין אין יאַסנע פּאָ-ליאַנע און זען טאָלסטאָיען". און ש"ע גיט צו: „מיין וועלן זען טאָלסטאָיען איז נישט געווען בלויז אַ פּוסטע נייגעריקייט און ציקאַוועסט אָנקוקן דעם נביא פון אונדזער צייט. מיך האָט געצויגן אַן אַנדער זאַך. איך האָב מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער גרעסטער מענטש פון אונדזער יאָרהונדערט זאָל קאָנען צוזען די גרעסטע אומרעכט, די שרעקלעכסטע אכזריות, וואָס ווערן באַגאַנגען אין זיין לאַנד מיט עטלעכע מיליאָנען אומ-גליקלעכסטע באַשעפענישן פון מיינע אומגליקלעכע ברידער, — און ער זאָל נישט אַרויסטרעטן מיט זיין מעכטיק וואָרט, וואָס זאָל אָפּקלינגען מסוף העולם ועד סופו (פון איין עק וועלט צום צווייטן)..." דערנאָך קומען ש"עס בימערע ווערטער אויפן אַדרעס פון גרויסע וועלט-שרייבער, וואָס מאָלן אומסימפּאַטישע געשטאַלטן פון יידן. און אַגב, גיט ש"ע אַ זאָג אַ וואָרט, וואָס האָט אַ שייכות צו דער טעמע, וואָס מיר באַהאַנדלען ז', וועגן אַנאַלאָגיעס און השפּעות מיט וועלט-שרייבער: „דיקענס, דער גרוי-סער הומאָריסט טשאַרלז דיקענס, צו וועלכן די רוסישע קריטיק האָט מיך פאַלש פאַרגליכט"... (און אויך אונדזער מ. ווינער — נ. מ.)...

און אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער עוולה, וואָס באַוווסטע שרייבער באַ-גייען לגבי יידן, וואָס זיי מאָלן לחלוטין נעגאַטיווע יידישע געשטאַלטן, שרייבט ווייטער ש"ע: „אָט האָס זענען געווען די געדאַנקען, וואָס האָבן מיך געשטויסן צום גרויסן אַפּאָסטאָל פון יאַסנע פּאָליאַנע. איך רייד שוין נישט פון דעם, וואָס איך בין גלאַט געווען זיינער אַ חסיד פון זיין אומגעהויער גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט און אַן אָנהענגער פון זיין תורה. איך האָב געהאַלטן, אַז זיין תורה איז אונדזער יידישע תורה. אויף אַ סך, אַ סך פּינקטן איז ער, נאָך מיין מיינונג, זיך צונויפגעגאַנגען מיט אונדזערע יידישע חכמים און צדיקים. זיין אייביקע מלחמה מיטן יצר הרע, מיטן שטן המקטרג. זיין אָפּזאָגן זיך פון הבר מן החי. זיינע סיגופים. זיין אָנווייזן אַלע מאָל אויף צער-בעלי-חיים. אויך זיין אַוועקלאָזן זיך אין

דער וועלט אריין, און זיין וועלן אוועקגיין פון זיך אליין, און זיין טויט, און אפילו די קבורה זיינע — אלעס, אלעס איז יידיש... איך האָב געגלויבט באמונה שלימה, אז ביי א פערזענלעכער געלעגנהייט וועט מיר גרינגער זיין צו איבערצייגן דעם גרויסן קינסטלער און דענקער, אז אין דער גרויסער מענגע פון מיליאָנען מענטשן, וואָס זענען אלע אומגליקלעך יעדער אויף זיין אופן, געפינען זיך עטלעכע מיליאָן אומגליקלעכסטע פון די אומגליקלעכסטע, געטריבטע פון יעדעם מענטשנרעכט, וואָס קוקן ארויס אויף זיין מעכטיק וואָרט, ווי אויף משיחן...“

ש״ע גיט צו: „מיר איז נישט אָפגעגאָלטן צו זיין אין יאסנע פּאָליאנע... ניין! איך האָב נישט זוכה געווען צו קענען טאָלסטאָיען פערזענלעך — און דאָס וועט מיר באַנג טאָן ביז מיין לעצטן טאָג אויף דער ערד. אפשר, ס׳איז באַשערט, אז מיר זאָלן זיך שוין טרעפן ערגעץ דאָרט — אויף יענער זייט לעבן. דאָרט, ווו — לאָמיר האָפן — ס׳איז נישטאָ קיין שום „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי“ און נישט קיין שום „יעווריעיסקי וואָפּראָס“. זאָל עס נאָר נישט זיין אזוי גיך. עס ווילט זיך נאָך א ביסל אָנמוטשן אויף דער וועלט און זען, וואָס וועט זיין ווייטער...“ (ש״ע-בוך, ז״ז 234—236).

אָט די פאָדערונג און פאחערלעכונגס-געפילן צו ל. נ. טאָלסטאָי האָט ש״ע אויך אויסגעדריקט ביי אנדערע געלעגנהייטן.

י. ד. בערקאָוויטש דערציילט אין ש״ע-בוך, ווי ער האָט אין 1905 געפירט א שמועס מיט ש״ע, און מען האָט גענומען רעדן וועגן י. ל. פרץ, צו וועמען ש״ע האָט אין יענער צייט געהאַט געוויסע טענות. ש״ע האָט באַרירט דעם ענין, וואָס פרץ האָט חסידים, וואָס לאָזן זיך פון אים מיטפירן. ווי בערקאָוויטש דערציילט, האָט דאַן ש״ע צו אים געזאָגט, אז ער איז נישט צופרידן מיט דעם, וואָס פרץ איז געוואָרן אַ וועגווייזער. „א וועגווייזער — האָט ער געזאָגט — מעג זיין אזא ווי טאָלסטאָי, אזא ווי טשעכאָוו, וואָס מאַכן נישט קיין אָנשטעלן, שרעקן נישט דעם עולם מיט זייער טיפער חכמה, וואָס מע דאַרף האָבן א באַזונדערע זכיה זי צו פארשטיין — זיי זענען אזוי עכט און אזוי אויפריכטיק, אז א ל ע פארשטייען זיי. אָט ביי וועמען מיר דאַרפן לערנען, ווי אזוי צו שרייבן!“ (ש״ע-בוך, ז׳ 158).

באַלד נאָך דעם, אין 1906, איז ש״ע געפאָרן קיין אמעריקע און געפירט א מין טאָגבוך פאר די קינדער פון זיין רייזע אויף דער שיף. איינמאָל פרייטיק האָט ער זיך אויפגעכאַפּט 7 גאַנצפרי און פאַרצייכנט די

מערקווירדיקע שורות: „...וואָס פאַר א חלומות! עס האָט זיך מיר גע־חלומט גראַף טאָלסטאָי. ער האָט מיך פּאָטערלעך געבענטשט“.

עס איז באַוווּסט ווי ש״ע איז געשטאַנען אין 1903 אין פאַרבינדונג מיט ל. נ. טאָלסטאָי, ביי וועמען ער האָט געבעטן, ער זאָל זיך באַטייליקן אין דעם זאַמלבוך „הילף“ לטובת די געליטענע פונעם קעשעניעווער פּאָג־ראָם. טאָלסטאָי האָט דאַן צוגעשיקט דריי מעשיות, וואָס ש״ע אַליין האָט זיי איבערגעזעצט אין יידיש.

ש״ע האָט אַמאָל זיך אפילו געוויצלט אין א בריוו (צו א יידישן שריי־בער קיין אמעריקע, דעצעמבער 1910) וועגן דעם, ווי מ׳האָט איז רוס־לאַנד אַרויסגעגעבן אויף רוסיש זיינס אַ בוך, „און די רוסישע קריטיק — פון די גרעסטע דענקער פון די פיינסטע זשורנאַלן — כאַפּט עס אונטער און הייבט אויף דעם אייטאָר אזוי הויך, אז כ׳לעבן, עס דרייט זיך מיר נאָך איצטער דער קאָפּ! צו גאַנאַלן, צו דיקענסן מיך פאַרגלייכן... טאָלסטאָי איז געשטאָרבן — שרייבט מען צו מיר, איך זאָל זאָגן מיין מיינונג איבער אים...“ (ש״ע־בוך, ז׳ 296).

אין זיין לעצטן בריוו, וואָס ש״ע האָט געשריבן פון ניו־יאָרק צו זיין טאָכטער און איידעם, צו די קויפּמאַנס, אַ דריי וואָכן פאַר זיין טויט, ווערט דערמאָנט טאָלסטאָי שוין ביי א גאָר אנדערער געלעגנהייט. ש״ע דער־ציילט זיי (דעם 17־טן אַפּריל 1916) וועגן א „יידישן באַזאַר“ לטובת די געליטענע פון דער מלחמה, וו מען האָט אויך געפּלעט ש״עס זאַכן וואָס ער האָט געשענקט. דערציילט ער, אז „פאַר א בריוו פון לעוו טאָל־סטאָי צו אים האָט איינער ש. (א מיליאָנער) באַצאָלט 300 רובל...“ (ש״ע־בוך, ז׳ 133).

שלום־עליכם, דער גרויסער פּשטן אין דער ליטעראַטור, דער עכ־טער לירישער רעאַליסט האָט געהאַט, ווי מיר האָבן געזען, א זייער גוטע באַציונג און א הויכע מיינונג וועגן א. פּ. טשעכאָוו (1860—1904), וואָס איז געווען כמעט אין איין עלטער מיט אים און וועלכער האָט אָנגעהויבן כמעט אין איין צייט מיט ש״ע צו פאַרעפנטלעכן זיינע זאַכן. ווי טשעכאָוו האָט אויך ש״ע געמאָלט טרויעריקע בילדער און סיטואַציעס פון דערווירקלעכקייט, געשמייכלט און דאָך שטאַרק געליטן פון די שוואַכקייטן פון זיינע מענטשן, ער האָט באַהויכט זיי מיט א ליבטיקער וואַרעמקייט און ליבשאַפט, און אויך מיט אן אייסבליק און האָפענונג אויף בעסערע, ליכטיקערע צייטן.

י. ד. בערקאָוויטש זאָגט, אז „מיט משעכאָוון האָט ער, ש"ע, זיך געקוויקט. אין די לעצטע יאָרן פון זיין קראַנק זיין, פלעגט ער ליידן פון שלאָפלאָזיקייט, און גאַנץ אָפט פלעגט זיין פרוי אָדער ווער פון זיינע קינדער פאָרלייענען פאַר אים אינמיטן דער נאַכט פון משעכאָווס שריפטן, וועלכע ער האָט געקאָנט הערן צום צענטן מאָל מיטן זעלבן פאַרגעניגן..." (דאָרט, ז' 189).

און דערביי איז אינטערעסאַנט א פרט, וואָס י. ד. בערקאָוויטש גיט איבער: „אין דער צייט, וואָס די יידיש-רוסישע אינטעליגענץ האָט זיך אָרומגעטראָגן מיט לעאָניד אנדרייעווס שווערקייטן, ווי מיט א הייליקער משא, האָט ש"ע אים געהאַלטן פאַר א ליטעראַרישן באָמבע-וואַרפער און פלעגט זאָגן, אז ס'איז א חילול-הקודש, וואָס מיט זיינע געוואַלדן פאַרהילכט ער דעם פיינעם נאָכקלאַנג, וואָס משעכאָוו האָט איבערגעלאָזט אין דער רוסישער ליטעראַטור (ש"ע-בוך, ז' 188).

אין דעם דערמאָנטן בריוו צו ד"ר פערפער, רופט ש"ע אים אָן „אזאַ ליבער מענטש ווי משעכאָוו", צו וועמען ער האָט טענות, פאַרוואָס ער האָט באַגאַנגען א פעלער ביים ארויסברענגען נישט קיין סימפּאַטישע יידן, און ער פירט אוים זיין פאָרוווּרף „לאָז ער מיר מוחל זיין אויף יענער וועלט".

אין וויכאַלד שלום-עליכם איז געווען אזוי געבונדן מיט דער הערלעכער טראַדיציע פון די רוסישע גרויסמייסטער, די קינסטלער גאָגאָל, טאָלסטאָי, משעכאָוו, איז פאַרשטענדלעך זיין טיפע פאַרהערלעכונג פאַר מאַקסים גאָרקי און די ספּעציעלע באַנטקייט צו אים, וואָס האָט רעדפירט צו טיפער קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג און ליבשאַפט, ווי מיר וועלן ווייטער זען.

א גאָר נאָענטע באַקאַנטשאַפט, וואָס איז א געוויסע צייט אריבער אין א פריינדשאַפט, האָט געהערשט צווישן שלום-עליכם און מאַקסים גאָרקי (1868—1936). זי איז אפילו פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א טיפער קעגנזייטיקער פאַרערונג.

עס ווייזט זיך ארויס, אז נאָך אין די יאָרן 1900—1901, ווען מ. גאָרקי האָט געוווינט אין ניזשני-נאָווגאָראָד און איז געווען רעדאַקטאָר פון דער לאָקאַלער צייטונג „ניזשעגאָראָדזקי ליסטאָק", האָט ער זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט די ווערק פון יידישע שרייבער, לויט די איבערזעצונגען, וואָס יידישע סטודענטן האָבן געבראַכט אין דער רעדאַקציע. גאָרקי האָט זיי געלייענט, געווען באַגייסטערט פון זיי און זיך באַ־

מיט, זיי זאָלן פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער צייטונג. מ. גאָרקיס א פריינד, ל. קוגין, גיט איבער, אז „באַזונדערס באַגייסטערט האָט זיך גאָרקי אָפּ־גערופן וועגן שלום־עליכם'ס דערציילונג „חנוכה־געלט“ (אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט אין „יוד“ אין 1900 — נ. מ.), וואָס איר וווּנדערלעכן הומאָר האָט ער אָפּגעשאַצט אין דער געהעריקער מאָס“. דאַן איז אים איינגעפאַלן ארויסצוגעבן א גרויס זאַמלבוך פון שאַפונגען פון יידישע שרייבער אין רוסישער איבערזעצונג. ער האָט זיך איבערגעגעבן אָט דער אידעע מיטן גאַנצן ברען, געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די יידישע סטו־דענטן. אין יאָר 1901 האָט ער געשריבן צום באַוווּסטן רוסישן שרייבער וו. פאָסמע: „איך גיב ארויס א זאמלבוך דערציילונגען פון יידישע בעלע־טריסטן. דאָס וועט זיין אן אינטערעסאַנטע זאך! סארא וווּנדערלעכע טאַטן עס זענען פאַראַן צווישן די יידישע שרייבער“. ליידער, איז פון דעם פלאַן גאָרנישט געוואָרן, ווייל פרילינג 1901 איז גאָרקי געוואָרן ארעס־טירט און ארייגעזעצט אין דער ניזשני־נאָווגאָראָדער טורמע און דער־נאָך ארויסגעשיקט געוואָרן.

אין 1902, אין אויגוסט־חודש, האָט גאָרקי געמאַכט א פאָרשלאַג שלום־עליכם'ן אין נאָמען פון דעם פארלאג „זנאַניע“ צוצוגרייטן א באנד דערציילונגען אין דער רוסישער שפראך, און מ. גאָרקי האָט געזאָלט זיין דער רעדאקטאָר פון דעם בוך.

אָבער צוליב די קעשענעוועווער פאָגראָמען, האָט שלום־עליכם נישט געהאַט, ווייזט אויס, די שטימונג און דעם ווילן, זיך פארנעמען מיט דער צוגרייטונג פון א בוך דערציילונגען, און ער איז צוגעטראָטן ארויסצו־געבן א זאמלבוך „הילף“.

וועגן דער באַקאַנטשאַפט צווישן שלום־עליכם'ן און גאָרקין און וועגן דעם אינטערעס, וואָס זיי האָבן זיך קעגנזייטיק ארויסגעוויזן עפנטלעך, — וועגן דעם — באַדאַרף מען נאָך זוכן אין פאָרשן מאַטעריאלן.

דערווייל לאָמיר איבערגעבן בקיצור, וואָס עס איז אונדז מער־ווי־ניקער באַקאַנט.

אין די זכרונות פון וואָלף (וועוויק) ראַבינאָוויטש „מיין ברודער שלום־עליכם“ (קיעוו, 1939) האָבן מיר א גאַנצן קאַפּיטל „שלום־עליכם און מאַקסים גאָרקי“. וואָלף ראַבינאָוויטש שרייבט צווישן אַנדערן: „שלום־עליכם'ס אינטערעס צו די רוסישע סאַטיריקער און הומאָריסטן האָט זיך זעלבסטפאַרשטענדלעך געוואָרן דערפון, וואָס ער אַליין איז געווען א סאַטי־

ריקער און הומאָריסט. דערפֿאַר איז פֿאַר מיר לכתחילה, ווען מאַקסים גאָר־קים וועלן זענען מיר נאָך געווען כמעט איגנאָנצן אומבאַקאַנט, פֿאָרגע־קומען ווי אַ רעטעניש שלום־עליכם'ס זייער גרויסן אינטערעס צום יונגן שרייבער גאָרקי. אָבער גיך האָב איך דערזען, וויפֿל פֿעדעם עס ציען זיך צווישן שלום־עליכם און מאַקסים גאָרקי". וואָלף ראַבינאָוויטש דערציילט ווייטער, אַז ווען „שלום־עליכם האָט מיר אַנטדעקט גאָרקין, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גרויסער נייער שטערן, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפֿן פֿינצטערן רוסישן הימל. ער האָט פֿאַרגלייכט גאָרקין מיט מאַל־סטאָיען"...

שלום־עליכם — שרייבט וו. ראַבינאָוויטש — פֿלעגט „מיט גרויס באַגייסטערונג ציטירן שטעלן פֿון גאָרקיס דערציילונגען און פּיעסעס, ווו אַלץ גייט אינעם אמת, אַלץ גייט אין דעם מענטשן", וועגן וועמען גאָרקי האָט געשריבן „מיטן גרעסטן שטאָלץ". שוין אין אָנהייב־פּעריאָד פֿון גאָרקיס שאַפֿן „האָט שלום־עליכם הויך געשאַצט זיין מייסטערשאַפֿט, זיין רייכע שפּראַך און שיינעם סטיל און ווי ער פֿלעגט אַריין אין זיינע ווערק מעשיות און לעגענדעס פֿונעם רוסישן פֿאָלק" און „איבערהויפּט ווי גלענצנד ער מאָלט פּאָרטרעטן, אַז מ'זעט זיי פֿאַר די אויגן פּונקט ווי לעבעדיקע מענטשן".

„היפּשע יאָרן — גייט איבער וו. ראַבינאָוויטש — איבערהויפּט אין די יאָרן 1903—1905 האָט זיך שלום־עליכם אָפּט געקליידט זייער ענלעך צו גאָרקיס קליידן זיך: אין אַ לאַנגער, זייער פֿרייער שוואַרצער בלוזע מיט אַ פּראָסט־פֿאַרמאַכטן קאָלנער, געשפּיליעט אויף קליינע קנעפּלעך באַלד ביזן גאָרטל. די אַרבל פֿון דער בלוזע זענען געווען אינדערמיט היפּשלעך ברייט און ביי דער האַנט שטאַרק פֿאַרשמאָלט, אַזוי ווי מאַנ־זשעטן. די בלוזע איז געווען שטאַרק אַריבערגעצויגן אַריבער דעם קוטעם און צו דער בלוזע האָט ער געטראָגן אויך איינפֿאַכע גלאַטע שוואַרצע הויזן מיט גישט קיין שמייך־געפּרעסטע לוגן. אין דער איינפֿאַכער פֿרייער קליידונג האָט זיך שלום־עליכם געפֿילט זייער גוט און אויפֿגעלייגט. עס האָט געשטימט מיט זיין גאַנצער פֿירונג".

ווי דערמאָנט, האָט שלום־עליכם נאָכן קעשענעוו פּאָגראָם, אין 1903, באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך לטובת די געליטענע פֿונעם פּאָגראָם און וועלנדיק צוגעבן אים אַ וואָס ברייטערן פּאָליטיש־געזעל־שאַפֿטלעכן באַטייט, האָט שלום־עליכם זיך געווענדעט צו די אָנגעזעענע־סטע רוסישע ליבעראַלע שרייבער, און אין דער ערשטער ריי — צו מאַק־

סים גאָרקי, לעוו טאָלסטאָי און וולאַדימיר קאָראָלענקאָ. זייער מיטהילף און מיטאַרבעט אינעם זאַמלבוך האָט באַדאַרפט אויסדריקן דעם צער און צאָרן פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער קינסטלער־וועלט קעגן די צאַרישע פּאָגראָמען. מאַקסים גאָרקי איז געווען פון די ערשטע אָפּצורופן זיך מיט א ספּעציעל־אָנגעשריבענער דערציילונג פאַרן זאַמלבוך. פאַר דער קאָרעספּאָנדענץ מיט די־אָ גרויסע רוסישע שרייבער איז שלום־עליכם „באַשאָנקען“ געוואָרן מיט א ספּעציעלער „אויפמערקזאַמקייט“ מצד דער רוסישער „אָכראַנקע“, וואָס האָט אָנגעהויבן נאָכקוקן שלום־עליכם'ן, און אויך געהאַלטן אַן אויג אויף זיין בריוו־אויסטויש, ווי עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן פון דעם קיעווער „אָכראַנקע“־אַרכיוו, וואָס איז אויפגעדעקט געוואָרן נאָך דער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1917.

שלום־עליכם, שוין דאַן א באַרימטער שרייבער, האָט געטרוימט צו באַקענען זיך פּערזענלעך מיט מאַקסים גאָרקי, און אַזאַ געלעגנהייט איז גיך געקומען.

נאָוועמבער 1904 איז שלום־עליכם געווען אין פּעטערבורג. ער האָט דאַן באַזוכט מ. גאָרקין און זיך באַפריינדעט מיט אים. די באַגעגעניש האָט געמאַכט אויף שלום־עליכם'ן א שטאַרקן איינדרוק. ער איילט גלייך זיך צו טיילן מיט זיינע איינדרוקן אין א בריוו צו זיינע קינדער (זע ש"ע־בוך, ז' 59) און אָט וואָס ער שרייבט: ליבע קינדער! איך שרייב אייך אַלעמען אונטערן פרישן איינדרוק פון מיין ערשטן וויזיט ביים גרעסטן פון אונדזערע טעג, דעם באַהערשער פון די געדאַנקען — מאַקסים גאָרקי. ער האָט מיך אויפגענומען עכט־חבריש. גלייך נאָך די ערשטע ווערטער, נאָכדעם ווי ער האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, האָט ער מיך פאַרבעטן אין עסצימער אַריין צו טיי. און עס איז אַוועק ביי אונדז א גע־שפּרעך וועגן עניגים פון ליטעראַטור, פון דער אַלגעמיינער און יידישער, און כ'לעבן, איך האָב מיך נישט אַרומגעקוקט, ווי עס איז אַריבער א שעה (פון 11 ביז 12). ער האָט געבעטן אַריינצוקומען צו אים גאַנץ פשוט. אַליין געקומען אויף זיך צו באַקענען מיך מיט די בעסטע פאַרשטייער פון דער פּרעסע — הכלל, געווען פריינדלעך, גאָרנישט אויפן מאַקסימישן שטייגער... זיין אויסזען איז גאָרנישט דאָס, וואָס מיר האָבן זיך פאָרגע־שטעלט. אַן אינטערעסאַנטער גויעץ, א פּאָנקע אין פולן זין פון וואָרט, מיט א גוטן אָפּענעם רייגעם פּנים און מיט א ברייטער נאָז. אַליין א הויכער, א געזונטער (גאָרנישט קיין קראַנקער), א ווייכער, כאָטש א ביסל

אַ קאַנטיקער, אין אַ בלוזע, פאַרשטייט זיך, און אין הויכע שטיוול. (פאַר־זעצונג קומט)...״

דעם זעלבן טאָג שרייבט ש״ע וועגן דער באַגעגעניש צו אַ צווייטער טאָכטער, ערנעסטינע: „...היינט האָב איך אייך אַלעמען געשריבן וועגן מיין ערשטן וויזיט ביי מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט מיך אויפגענומען העכסט פריינדלעך, ריין־חבריש און האָט מיך באַצויבערט״...

דאָן, אָדער ביי אַ צווייטער באַגעגעניש האָט מאַקסים גאָרקי פאַר־בעטן שלום־עליכם׳ן צונויפצושטעלן אַ זאַמלבוך פון יידישע שרייבער, איבערגעזעצט אויף רוסיש, פאַרן באַרימטן פאַרלאַג „זנאַניע״, וואָס מ. גאָרקי איז געווען זיין רעדאַקטאָר. שלום־עליכם האָט אַ כּך צייט אָפּגע־געבן אויף אָט דעם געפּלאַנטן זאַמלבוך, וואָס איז אָבער מחמת פאַרשיי־דענע סיבות, לייַדער, נישט רעאַליזירט געוואָרן.

ווען שלום־עליכם האָט זיך מיט אַ צייט שפּעטער געטראָפן מיט זיין ברודער וואָלף ראַבינאָוויטש, האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב געהאַט מיט מאַקסים גאָרקי נישט גלאַט אַ באַגעגעניש, נאָר אַ שמועס „פּאָ דו־שאַם״ (פון האַרץ צו האַרץ — נ. מ.), וואָס איך וועל אויף מיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן״. „שלום־עליכם — דערציילט וו. ראַבינאָוויטש — האָט מיר אויסגעמאָלט גאָרקיס אויסזען און ווי אַזוי ער רעדט און שפּאַנט אַרום איבערן צימער, אָפּשטעלנדיק זיך אַלעמאָל אויף אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען. ער האָט אים כאַראַקטעריזירט אַלס אַ טייערן מענטשן, זייער צו העפלעכן און צוגעלאָזטן און אַ הויך־געבילדעטן, — כאָטש גאָרקי האָט נישט באַנוצט קיין „פּראָפעסאָרישע ווערטער״, נאָר ער האָט גערעדט זייער פּראָסט... מיט גרויס פאַרערונג האָט שלום־עליכם דערציילט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ גרויסע קענטעניש גאָרקי האָט אַרויסגעוויזן אין דער יידישער געשיכטע און ווי ער האָט עטלעכע מאָל ציטירט אויסנווייניק גאַנצע פראַזעס פון דעם יידישן פילאָזאָף ברוך שפּינאָזא און האָט גע־רעדט וועגן נאָך פיל יידישע דענקער״...

עס איז אינטערעסאַנט, ווי שלום־עליכם האָט אויף אַ קורציקן אופן אַרייַנגעפּלאָכטן מ. גאָרקין אין זיין בוך „טביה דער מילכיקער״ (אין דער געשיכטע „חוה״, געשריבן אין יאָר 1906). טביה דערציילט, ווי חוה, זיין טאָכטער, גיט אים איבער וועגן איר געליבטן כוועדקע. „ער איז אַ מענטש נישט קיין געוויינלעכער״ — זאָגט חוה. „דהיינו — זאָג איך, וואָס פאַר אַ מין סאָרט מענטש איז ער? לאָם איך הערן״... „איך וואָלט דיר, זאָגט זי, געזאָגט, וועסטו נישט פאַרשטיין. כוועדקע, זאָגט זי, דאָס איז דער

צווייטער גאָרקי"... „דער צווייטער גאָרקי? — זאָג איך. — ווער זשע איז געווען, זאָג איך, דער ערשטער גאָרקי?... „גאָרקי, זאָגט זי, דאָס איז היינט כמעט דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט"... „ווו זיצט ער, זאָג איך, דער תנא דיינער, וואָס איז זיין געשעפט און וואָס פאַר אַ דרשה האָט ער געדרשנט?"... מאַכט זי צו מיר: „דער גאָרקי — דאָס איז אַ באַרימטער שרייבער, אַ שריפטשטעלער, אַ מענטש, הייסט דאָס, וואָס מאַכט ביכער, און אַ טייערער, אַ זעלטענער, אַן ערלעכער מענטש, שטאַמט אייך פון פראָסטן שטאַנד, נישט געלערנט אין ערגעץ, נאָר פון זיך אַליין... אָט דאָס איז זיין בילד"... אַזוי מאַכט זי צו מיר, חוה הייסט עס, און נעמט אַרויס פון קעשענע אַ פאָרטרעטל און ווייזט דאָס מיר. „אָט דאָס איז ער, זאָג איך, דער צדיק דייגער רב גאָרקי? איך וואָלט געקאָנט שווערן, אַז איך האָב אים ערגעץ געזען, זאָג איך, אָדער ביי דער באַן טראָגן זעק, אָדער אין וואַלד שלעפן קלעצער"... „איז דאָס ביי דיר, זאָגט זי, אַ חסרון, זאָגט זי, אַז אַ מענטש האָרעוועט מיט זיינע אייגענע הענט? דו אַליין האָרעוועסט ניִשט? און מיר האָרעווען נישט?" „יאָ, יאָ, זאָג איך, ביסט גערעכט, זאָג איך, ס'איז אַ בפירושער פסוק"...

עס איז זייער אינטערעסאַנט דער שאַרפער אָפּשניט, וואָס עס כאַפּט ביי שלום-עליכם'ן (דורך זיין העלד פון דער מעשה „קבר אבות" — אין „די איינבאַן-געשיכטעס", געשריבן אין יאָר 1909). מ. אַרציבאַשעוו פאַר זיין באַרימטן ראָמאַן „סאַנין", וואָס האָט פאַרכאַפּט די מוחות און הערצער אין דער צייט פון דער רוסלענדישער רעאַקציע. — די גאַנצע דעמלטיקע „סאַנין"-ליטעראַטור איז געווען אַ מין קעגנזאַץ צו מאַקסים גאָרקים שאַפן און צו זיין „די מוטער", וואָס איז דאַן געווען פּראָקלאַמירט דורך פיינשמעקער ווי אַ נישטיק ווערק און עס איז דערקלערט געוואָרן ווי „אַ סוף פון גאָרקי".

דער ייד פון „קבר אבות" דערציילט די צרות, וואָס ער האָט אויסצושטיין פון זיין טאָכטער, וועלכע האָט זיך באַפריינדעט מיט אַ בחור אין מיידל און אינאיינעם לייענט מען באַהאַלטענערהייט עפּעס אַ ביכל. „איך קוק מיך איין, איך הער מיך צו — זאָגט דער ייד — עס געפעלט מיר נישט דאָס לייענען, וואָס מע לייענט זאַלבעדריט, אין דאָס שמועסן, וואָס מע שמועסט, און וואָס מע פלאַמט און וואָס מען היצט זיך"... פרעגט ער דער טאָכטער, זאָגט זי אים: „ס'איז אַ בוך, וואָס ער הייסט ס אַ נ י, אַ ראָמאַן פון אַרציבאַשעס". דער דערציילער, דער פאָטער, פאַקט דאָס בוך און גיט עס איבערלייענען זיינעם אַן אָנגעשטעלטן, און אָט וואָס

שלום-עליכם שרייבט: „...און מיין בערל הויבט מיר אָן דערציילן אַ מעשה — וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אַ וואָרט צו אַ וואָרט קלעפּט זיך נישט. אַט וועט איר הערן אַ משׂפּיכאַ: „עס איז געווען, זאָגט ער, אַ פּאָני, האָט ער געהייסן ס אַ נ י און האָט ליב געהאַט דעם טרונק און פאַרבייסן מיט אַ זויערער אוגערקע... און אַ שוועסטער האָט ער געהאַט, האָט זי געהייסן לידע, האָט זי גריילעך ליב געהאַט אַ דאָקטאָר, נאָר מעוברת איז זי געוואָרן פון אַן אָפיציר... און אַ סטודענט איז געווען, האָט ער געהייסן יוראָ, האָט ער מוראדיק ליב געהאַט אַ מיידל אַ לערערקע מיטן נאָמען קראַסאַוויצאַ. איז זי איין מאָל געפאָרן ביינאַכט אויף אַ שיפל, איר מיינט — מיט איר חתן? ניין! דווקא מיט אָט דעם שיכור פּאַני"... און אַזוי ווייטער און ווייטער גייט איבער שלום-עליכם דורך זיין יידן די געשיכטע פון „סאַנין" און ער ענדיקט: „טפו, זאָג איך, זאָלסטו ווערן. געגוג דיר, זאָג איך, מיטן שיכור"...

איך מ. גאָרקי האָט אַרויסבאַוויזן טיפע פאַרערונג פאַר שלום-עליכם'ן.

ווען עס איז דערשינען אין יאָר 1910 שלום-עליכם'ס „מאָטל פּייסי דעם חזנס" אין אַ רוסישער איבערזעצונג, האָט מאַקסים גאָרקי צוגעשיקט פון קאַפּרי, איטאַליע, פאָלגנדיקן בריוו צו שלום-עליכם:

„טייער-געערטער מיטברודער!

— אייער בוך האָב באַקומען, איבערגעלייענט, געלאַכט און געוויינט — פאַר אַ וואונדערלעך בוך! די איבערזעצונג איז, דאַכט מיר, געמאַכט ווי געהעריק און מיט ליבע צום אויטאָר, הגם ערטערווייז פילט זיך, אַז אין דער רוסישער שפּראַך איז שווער איבערצוגעבן דעם טרויעריקן און האַרציקן הומאָר פונעם אָריגינאַל. איך זאָג — עס פילט זיך. דאָס בוך געפעלט מיר שטאַרק — און איך זאָג אייך נאָך אַמאָל — אַן אויסערגעוויינלעך ביך! פון דעם גאַנצן בוך פינקלט אַרויס אַזאַ פרעכטיקע און קלוגע ליבשאַפט צום פאָלק, און אָט דאָס געפיל איז אַזוי זעלטן אין אונדזערע טעג. איך דריק אייער האַנט.

דעם 12-טן אַפּריל 1910, קאַפּרי".

מ.גאָרקי

און אַ משעקאַווער פּרט: דער באַקאַנטער זשורנאַליסט, דער רעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „היינט" א. גאָלדבערג איז, לויט שלום-עליכם'ס עצה, געפאָרן צו מאַקסים גאָרקי, צו הערן זיין מיינונג וועגן דעם ענין

ביילים, — עס איז געווען ערב דעם קיעווער פּראָצעס אויף דעם אומשולדיקן מענדל ביילים. ווי נאָר א. גאָלדבערג איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון מ. גאָרקים הויז, האָט גאָרקי גלייך געפרעגט ביי אים: „קאַק פּאָזשיוואַיעט גאָספּאָדין אַלייכעם? וואָס מאַכט הער אַלייכעם?) — מאַקסים גאָרקי האָט געמיינט, אַז „שלום“ איז דער נאָמען, און „אַלייכעם“ איז די פאַמיליע.

וואָלף ראַבינאָוויטש גיט איבער אין זיין בוך וועגן אַ שמועס, וואָס שלום-עליכם האָט געהאַט אין יאָר 1914 אין וואַרשע מיט יעקב דינעזאָן, אין וועלכן ער האָט דערמאָנט מאַקסים גאָרקין. שלום-עליכם האָט דאַן גערעדט מיט יעקב דינעזאָן וועגן זיין אַרט שרייבן, וועגן די טרערן, וואָס ער רופט אַרויס מיט זיינע געשיכטעס. „איר וויינט און ווייגט, — האָט שלום-עליכם געזאָגט — אַז ראָס האַרץ ווערט שיער נישט צעריסן. דערצו זענען אייערע טרערן צופיל געזאַלצן, סע שמאַרצט אַזש אין די אויגן. ס'איז פינצטער, ס'איז שווער אויפן האַרצן. איר האָט ביי מיר, אַ דאַנק גאָט, אויך טרערן, אָבער ביי מיר קומען די טרערן צוזאַמען מיטן געלעכטער. נאָר סאַטירע און הומאָר איז נישט אייער זאַך — איר לערנט זיך פון מאַקסים גאָרקי. גאָרקי באַשרייבט דעם ביטערן אמת, אָבער אַז מ'לייענט זיינע ווערק, גיסן זיך נישט קיין טרערן, נאָר, פאַרקערט, סע ווערט גאָר ליכטיק אין די אויגן“.

און נאָך קלאָרער האָט שלום-עליכם אויסגעדריקט אין אַ שמועס מיטן ברודער זיין פאַרהערלעכונג פאַר גאָרקיס שאַפן. ער האָט געהאַט געשענקט דעם ברודער אַ פּאָרטרעט פון מאַקסים גאָרקי, וואָס איז געווען געצייכנט מיט אותיות פון גאָרקיס ווערק. אין געבנדיק דעם ברודער דעם פּאָרטרעט, האָט שלום-עליכם גענומען רעדן וועגן דעם „מיט וואָס פאַר אַ מייסטערשאַפט גאָרקי מאָלט פּאָרטרעטן — מיט ווערטער, מ'מעג דערפון, אַנשטאָט אַ פענדזל, און ווי רין ער פירט אויס יעדן שטריך פון דעם מענטשנס אויסזען און כאַראַקטער. דערנאָך האָט שלום-עליכם פאַרשריבן אויף דער לינקער זייט פינעם פּאָרטרעט ווערטער זענען פאַרבן...“

אַ טרעפלעכער אויסדריק פאַר דער פאַרביקייט און קאָלירפולקייט פון שלום-עליכם'ס ווערטער און שפּראַך.

די פאַרערונג פאַר שלום-עליכם'ן האָט מאַקסים גאָרקי געטראָגן אין זיך יאָרן און יאָרן. אין זיין שלום-רעדע איבן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענ-

פאָר פון די סאָוועטישע שרייבער, האָט מ. גאָרקי גערעדט וועגן דער גרויסער אַחריות, וואָס עס ליגט אויף די סאָוועטישע שרייבער פון די אַלע פעלקערשאַפטן פון פססר און אירע אויטאָנאָמע געגנטן און ער האָט געזאָגט: דערלויבט מיר אייך צו דערמאָנען, אַז די כ מ ו ת פון פאָלק, קאָן בשום אופן נישט האָבן קיין ווירקונג אויף דער א י כ ו ת פון טאַלאַנט". און דערמאָנענדיק פאַרשידענע גרויסע קינסטלער פון קלענערע פעלקער, האָט ער צווישן אַנדערן זיך אָפּגעשטעלט אויף „דעם אויסערגעוויינלעכן טאַלענטירטן סאַטיריקער און הומאָריסט שלום־עליכם".

אין די לעצטע יאָרן האָט מ. גאָרקי ביי יעדער געלעגנהייט זיך דערמאָנט אין שלום־עליכם'ן. ער האָט נאָכגעפאָלגט מיט גרויס אינטערעס די נייע איבערזעצונגען פון שלום־עליכם'ן אין רוסיש, און געווען באַגייסטערט פון דעם גרויסן יידישן פאָלקס־שרייבער.

רעאַליסט און פאַנטאַסט

צוויי אין פלוג ווידערשפּרעכנדיקע, קעגנזעצלעכע עלעמענטן פון שלום-עליכם דעם מענטש און קינסטלער, צוויי קעגנזעצלעכע כוחות, וואָס זענען אין דער אמתן דער יסוד און דער סוד פון שלום-עליכם'ס גרויסקייט און אייגנאַרטיקייט.

פון איין זייט — פשטות, רעאַלקייט, זיין האַלטן זיך האַרט ביי דער ערד. מער ווי וואָסער ס'איז אַנדערער יידישער שרייבער, האָט שלום-עליכם געהאַט צו טאָן מיט רעאַלע מענטשן, וואָס ער האָט אַליין געזען, און מיט פּאַסירונגען, וואָס ער האָט אַליין דורכגעמאַכט. צווישן דער ווירקלעכקייט און דער שאַפונגס-וועלט פון שלום-עליכם איז, דוכט זיך, נישט געווען קיין דיסטאַנץ, קיין מחיצה. וואָס-געזען, וואָס-געהערט האָט ער גלייך אויפגעכאַפּט און עס קינסטלעריש פאַרגעשטאַלטיקט, און מיטן גאַנצן ציטער-צאַפּל, מיט גאָר דער וואָרהאַפטיקייט זייערער. דאָס רוב האָט שלום-עליכם געלאָזט רעדן די העלדן און געשטאַלטן גופא, מיט זייער אייגענעם לשון און מיט גאָר זייער באַרעדעוודיקייט. הערפאַר איז דער בריוו און דער מאָנאָלאָג אַזאַ עיקר אין זיין שרייבן. עס קומט אויס, נישט שלום-עליכם רעדט, נאָר די טיפּן רעדן גאָר צו אים. נישט שלום-עליכם שרייבט, נאָר זיינע מענטשן שרייבן. טביה רעדט צו שלום-עליכם'ן, מנחם מענדל און שיינע שיינדל שרייבן איינער צום אַנדערן בריוו מיט זייער שפּראַך, מיט זייערע אייגענע קנייטשן. שלום-עליכם, דוכט זיך, שטייט אין דער זייט און קוקט זיך איין, אָדער ריכטיקער — הערט זיך איין. (שלום-עליכם האָט געהאַט מער אויער, ווי אויג, מער — געהער ווי ראיה!).

און טאַקע דערפאַר איז שלום-עליכם פאַרוויגט געוואָרן ביי אַלעמען פאַר אַ „פּשוטן", פאַר אַ שיער-נישט וואָכעדיקן, שטאַרק-רעאַליסטישן

שרייבער, וואָס האָט פאַר זיך בלויז דאָס רעאַלע, אָרעמע לעבן, — „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגהלעך“.

עס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז שלום־עליכם האָט בלויז באַשריבן דאָס גרויע אָרעמע לעבן.

ווען מיר קוקן זיך איין טיפער אין דער רייכער שלום־עליכם־וועלט, ווען מיר באַטראַכטן בעסער זיינע געשטאַלטן, דאַן איבערצייגן מיר זיך, אַז שלום־עליכם איז ווייט־ווייט נישט געווען קיין „טרוקענער“ באַאָבאַכ־טער און אויסערלעכער שילדערער פון דער דערשלאָגענער קאַסרילעווקע אָדער מאַזעפּעווקע, אָדער פון דעם צעטראָגענעם, צעבראָכטענעם יעהופּעץ, — יעהופּעץ, די ווייטערדיקע פאַרזעצונג פון קאַסרילעווקע.

שלום־עליכם'ס צויבער (און עס איז דאָ אַ באַזונדערער צויבער אין זיין שרייבן!) איז די פריילעכקייט, וואָס איז פאַרבונדן ביי שלום־עליכם'ן מיט אַ פאַנטאַסטישקייט, מיט לאָזן זיך אין די „הימלען“ אַריין. און דאָס איז געווען אַ באַזונדערע גאָב, אַ באַזונדערע מתנה פון זיין „ליבן נאָמען“, צו דעם גרויסן יידישן פאָלקס־שרייבער, וואָס איז געווען אָפטמאָל ווי אַ קינד (נישט אומזיסט האָט שלום־עליכם געהאַט אַזאַ רירנדיקע ליבשאַפט צום יידישן קינד!), און סוף־כל־סוף איז יעדער „פאָזיטיווער“ פאַר־שוין ביי שלום־עליכם'ן אַ שטיק־קינד, ער פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל נאַיווקייט און באַהאַרצטקייט און „שוואַכקייטן“ פון אַ קינד.

און דאָס איז אויך דער תּיך, דער עיקר פון שלום־עליכם'ס שאַפן — עס איז אַ מין יום־טוב אינדערוואָכן. י. ל. פּרץ'ס געשטאַלטן האָבן אָפט מורא געהאַט פאַר דער „הבדלה“, וואָס מאַכט אויס מיטן שבת, מיט דער שבת־קודשדיקער נשמה־יתירה, אין שלום־עליכם'ס ייד קאָן זיך מאַכן יום־טוב פון אַ שטיקל דאַר ברויט, פון אַ גוטהאַרציק וואָרט, אפילו פון עפּעס אַ שלעכט־פאַרטייטשטן פּסוק...

שלום־עליכם האָט אַמאָל גלענצנדיק כאַראַקטעריזירט זיך אַליין. „מיין מוזע איז אַן אָרעמע און אַ פריילעכע“, און אַזוי אויך זענען זיינע פאַרשוינען. שלום־עליכם, — ער און זיינע געשטאַלטן, ער און זיין שרייבן — איז איינס, נישט צום אָפּטיילן. שלום־עליכם שטרייכט אונטער אין פיל פון זיינע ווערק דעם לאַנגוויל, די אָנגעצויגנקייט, די קאַלטקייט אין די גבירישע הייזער, און, פאַרקערט, — די שפּרודלדיקע פריילעכקייט, די צעטאַנצטקייט ביי די פּשוטע האָרעפּאַשניקעס, ביי די „עמך“־מענטשן.

לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען, ווי לעבעדיק און לוסטיק און שפּילעוודיק עס איז געווען ביי שימעלע סאָראָקער פון „גרויסן געווינס“, ווי האָרציק

אַלע האָבן זיך דאָרט געפֿילט, ווען מ'האָט געלייענט בוים און דחקות, און ווי לאַנגווייליק, שטייף, אָנגעצויגן מען פֿילט זיך אין שטוב, ווען שימעלע ווערט אַ רייכער ייִד, אַ גביר פֿון 200.000. — און ווען ס'לאָזט זיך אויס אַ פּייך פֿונעם גרויסן געווינס, ווערט אין שימעלעס שטוב ווידער „ליהו־דים“...

און אַזוי אויך אין פֿיל אַנדערע שלום־עליכם'שע מעשׂיות, און אַזוי אויך זענען זיינע קינדער אין די פּרעכטיקע קינדער־מעשׂיות. אָרעמקייט פּאָרט זיך מיט פֿרייִלעכקייט, רייכקייט מיט לאַנגווייל, מיט געצוימטקייט, מיט אָנגעבלאָזנקייט.

ווען מיר זוכן אַ שליסל צו אָט די קעגנזעצלעכע עלעמענטן און איינג־שאַפֿטן פֿון שלום־עליכם'ן, קאָנען מיר אים געפֿינען אין שלום־עליכם'ס כאַראַקטער, און אין דער סביבה, ווו ער איז פֿון די סאַמע קינדער־יאָרן געוואָקסן און אויפֿגעוואַקסן. שלום־עליכם האָט געהאַט גאָר שווערע, נישט קיין פֿרייִלעכע קינדער־יאָרן, און מיט אַ בייזער שטיפֿמאַמע דערצו. אָבער ס'אַרא רייכע איינדרוקן, און מיט וואָס פֿאַר אַ פֿריידיקע קאָלירן ער מאָלט זיין יוגנט! אין די אַלע מעשׂיות, וואָס טראָגן אַ בפֿירושן אויטאָביאָגראַ־פֿישן כאַראַקטער (זיין „מאָטל פּייסי דעם חזנס“ און די אַלע קינדער־מעשׂיות!) און בעיקר אין זיין „פֿונעם יאַריד“, וואָס איז זיין אייגענע לעבנס־געשיכטע, — טרעפֿן מיר נאָכאַנאַנד אַ פֿאַרענטפֿערונג און אַ באַ־שטעטיקונג פֿון דעם געמיש — פֿון דער רעאַלקייט און פֿאַנטאַסטיק — וואָס איז געקומען צו אַ ווונדערבאַרן סינטעז ביי שלום־עליכם'ן אין שרייבן.

אין די קורצע שטריכן צו זיין ביאָגראַפֿיע, וואָס שלום־עליכם האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1904, זאָגט ער טרעפֿלעכע ווערטער וועגן זיך: „די פֿ אַ נ ט אַ ז י ע איז ביי מיר געווען פֿון קינדוויייז אָן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הייזער האָבן ביי מיר אויסגעזען, ווי שטעט, הויפֿן — מדינות, ביימער — מענטשן, מיידלעך — בת־מלכהס, רייכע יונגעליט — פּרינצן, גראָז — חיל, שטעכלעקעס און קראָפּעווע — פּלישתים, אדום און מואב, און איך פֿלעג גיין אויף זיי מיט מלחמה“.

און ווען מיר גייען אַזוי פּאַמעלעך פֿון ווערק צו ווערק, פֿון געשטאַלט צו געשטאַלט אין דער רייכער שלום־עליכם־גאַלעריע, טרעפֿן מיר זיך אָן כסדר אויף די פּאַרשיידנאַרטיקע מענטשן, וואָס ווערן געטריבן דורך אַ מאָהנער, גרויסער און „צעהיצטער פֿאַנטאַזיע“, און מיר פֿאַרשטייען

גוט דעם מקור פֿון אָט דער פֿאַנטאַזיע. ווען דאָס לעבן איז גרוי און שווער, ווען דער הימל איז פֿול מיט כמאַרעס, דאַן אַרבעט שטאַרק די פֿאַנטאַזיע, דאַן ווילט זיך טרוימען, דאַן לאָזט מען זיך אַוועק פֿון דער ווירקלעכקייט, דאַן ווילט זיך פֿאַרוויגן אין חלומות.

און וואָס איז אין תוך מנחם-מענדל, אויב נישט קיין פֿאַנטאַסט, וואָס ווערט געטריבן דורך די שווערע אַרומיקע לעבנס-באַדינגונגען, דורך די צוימען, וואָס זענען געשטעלט געוואָרן פֿאַר דעם יידישן מענטש אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד? ער לאָזט זיך באין-ברירה אויפֿן וועג פֿון הדייען, פֿון שווינדלען, ער האָט צו טאָן מיט נישט-געשטויגענע און נישט-געפֿלויגענע געשעפֿטן. ער פֿליט *איבער* דער ערד, ווייל ער קאָן נישט גיין *האַרט ביי* דער ערד. די פֿאַנטאַזיע איז אַ פֿרוכט פֿון דער אויסגעוואָרצלטקייט. עס פֿעלט פֿעסטער באָדן אונטער די פֿיס.

שלום-עליכם ווערט אָפֿט אַליין מיטגעריסן מיט די נישט-געשטויגענע, נישט-געפֿלויגענע געשעפֿטן פֿון מנחם מענדל, ער גיט אים צו אַליין קוראַזש, ער צעוואַרעמט אים, אָבער באַלד בלייבט שלום-עליכם אין אַ זייט, ער קוקט און באַדויערט אים, זעט דעם הינטערגרונט, ער זעט די כוחות, וואָס טרייבן אים אין דער לופֿטן.

און נאָך קלאָרער האָט עס שלום-עליכם אַליין אונטערגעשטראָכן אין זיין אויטאָביאָגראַפֿישן ווערק, אין „פֿונעם יאַריד“ (געשריבן די לעצטע צוויי יאָר פֿון זיין לעבן, אין יאָר 1915—1916). מיר שיקן אָפּ דעם לייענער צו די ערשטע קאַפּיטלען פֿון דעם „ווערק פֿון אַלע ווערק“, ווי שלום-עליכם האָט אַליין אָנגערופֿן זיין „פֿונעם יאַריד“. שלום-עליכם דערציילט וועגן זיין חבר שמואליק, וואָס פֿון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער האָט זיך מיט אים באַקענט, איז ער „געוואָרן מיט אים חבר — אָבער וואָס הייסט חבר! נפֿש אחת — איין לייב, איין נשמה! פֿאַרוואָס? פֿאַר זיינע מעשיות... קיינער האָט נישט געהאַט אַזויפֿיל מעשיות אויף צו דערציילן וויפֿל שמואליק“. אָט דער שמואליק פֿלעגט דערציילן אויסטערלישע געשיכטן, און דער יונגער שלום (שלום-עליכם) פֿלעגט הערן. און אַז שמואליק פֿלעגט רעדן, האָבן זיך „די בעקלעך ביי אים צעפֿלאַמט“, און ער האָט אויך דעם חבר (דעם יונגן שלום-עליכם) „אָנגעוואַרעמט, צעהיצט, צעברענט און צעפֿלאַקערט“. שלום-עליכם גיט צו: „...איין זאַך איז געווים, זיין (שלום-עליכם'ס) פֿאַנטאַזיע האָט ער געמאַכט רייכער, ברייטער, און שמואליקס טרוימען וועגן אוצרות, וווּנדער-שטיינער און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן טראָגט ער ביי זיך טיף אין האַרצן נאָך עד-היום.

אפשר אין אַנדערע געשטאַלטן — נאָר ער טראָגט זיי, ער טראָגט זיי ביז צום היינטיקן טאָג."

אויך אין די אַלע אַנדערע ווערק פון שלום-עליכם האָבן מיר פיל שטריכן פון אָט דער „צעהיצטער פאַנטאַזיע". אַזוי איז שימעלע סאָראָקער פון „דאָס גרויסע געווינס" מיט זיין הלום-פאַנטאַזיע פון די צוויי הונדערט טויזנט, אַזוי איז די מעשה מיטן אוצר, וואָס האָט געדינט אַלס שטאָף פאַר דער גלענצנדיקער דראַמע „די גאָלד-גרעבער". שמעון-אלי איז אַ פראַכטפולע אויסטערלישע געשטאַלט, און פראַכטפול איז דערציילט די געשיכטע מיט דער ציג, וואָס די „צעהיצטע פאַנטאַזיע" פון שמעון-אלי פאַרוואַנדלט זי אַזש אין אַ גלגול...

עס איז געווען ביי ש"ע אַ מין אומטערבאַוווסטזיניקע כוונה, אַ מין תרופה, קעגן דעם אַרומיקן שווערן לעבן, דעם אייגענעם און דעם אַרומיקן, צו קאָנען אויסלאַכן, אָפּלאַכן פון יסורים, פון פאַרפאָלגונגען, פון צרות צרורות, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויפן יידישן יחיד און אויפן יידישן כלל. עס האָט זיכער געהאָלפן בייצוקומען די שלעכטע צייטן...

„איך האָב פיינט טרויעריקע מעשיות" — האָט אַמאָל ש"ע געשריבן. און טאַקע פרייד ער פאַרשאַפט אונדז שטענדיק, אפילו מיט זיינע טרויעריקע געשיכטן, וואָס שלאָגן מיט פאַטאָס, מיט יום-טובדיקייט, ווייל אין דעם רעאַלן לעבן פלעכט ער אַריין פאַנטאַזיע, אין דער וואָר — טרוים, — אָט די צוויי עלעמענטן, וואָס זענען דער יסוד און דער סוד פון שלום-עליכם'ס וווּנדערלעכן שאַפן, וואָס איז פיל מיט צויבער, מיט עפּעס, וואָס איז העכער פון דער ביטערער רעאַלער ווירקלעכקייט.

שלום־עליכם און דאָס יידישע טעאַטער

בײַם היינטיקן טאָג איז שלום־עליכם אייגער פון די באַליבסטע און פּאָפּולערסטע דראַמאַטורגן ביי יידן, סיי אינעם יידישן און סיי העברעישן טעאַטער. שלום־עליכם'ס דראַמאַטישע שאַפונגען און אויך די פאַרשידענע אינסצעניזירונגען פון שלום־עליכם'ס פּראָזאַישע ווערק זענען פון די אָפט־געשפּילטסטע זאַכן אויף דער יידישער סצענע, סיי אינעם פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער און סיי ביי די פאַרשידענע דראַמאַטישע קרייזלעך. שלום־עליכם'ס שאַפן איז אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פאַר דער סצענע. אין אַ באַריכט, וואָס די „הבימה" האָט אַרויסגעגעבן צו איר 40־טן יובל־יאָר, איז צו זען, אַז אין איר רעפּערטואַר זענען געווען אַכט דראַמאַטישע שאַפונגען פון שלום־עליכם און זיי זענען געשפּילט געוואָרן אין די הונדערטער מאָל. מען וואָלט געקאָנט מאַכן אַן אינטערעסאַנטע רשימה און אָנשרייבן אַ גרויסע און אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע אויף דער טעמע „שלום־עליכם אין יידישן טעאַטער" פאַר די לעצטע פערציק יאָר, און דערביי אויסרעכענען די שוישפּילער, רעזשיסערן און קינסטלער־מאָלער, וואָס האָבן זיך באַמיט אַרויסצוברענגען וואָס־טיפער און וואָס־אינטערעסאַנטער די פאַרשידענע שלום־עליכם־געשטאַלטן. און הלוואי טוט מען עס צו ש"ע 100־טן געבוירנטאָג.

אָבער דאָס אַלץ איז געשען ערשט שפּעטער, — עטלעכע יאָר נאָך שלום־עליכם'ס אַוועק פון דער וועלט. גאָר אַנדערש איז געווען ביי זיין לעבן; ביי זיין לעבן האָט שלום־עליכם קיין נחת פון יידישן טעאַטער נישט געהאַט, און אדרבא — ער האָט געהאַט בלויז קאָפּ־ווייטיק, זאָרגן, שפיכת־דמים און פאַרדרוס.

שלום־עליכם איז געוואָרן אַ דראַמאַטורג, ערשט עטלעכע יאָר נאָך זיין טויט. ער איז געוואָרן אַ באַליבטער און דערפאָלגרייכער דראַמאַטורג ערשט אין 1919, ווען מאָריס שוואַרץ האָט זיך גענומען צו שלום־עלי־

כּם'ס דראַמאַטורגישן שאַפֿן אין אויפֿגעפֿירט איין פּיעסע נאָך דער אַנדערער. גלייך נאָך דעם האָט מען זיך געכאַפּט צו שלום=עליכם'ס סצענישע ווערק מיט אַ באַזונדערן אייפֿער אין אַלע טיילן פֿון דער יידישער וועלט. מ'האָט ממש אַנטפּלעקט אַ נייעם דראַמאַטורגישן שאַפֿער.

ביי זיין לעבן אָבער האָט ש"ע זיך געריסן צו דער בינע, געפּרוווט געבן אַ סצענישן תּיקון זיינע ווערק פֿון פֿאַרשידענע צייטן, אָבער אָן קיין דערפֿאָלג. שלום=עליכם דער ש ר יי ב ע ר האָט געהאַט גרויס מזל ביים יידישן עולם, ער איז זייער גיך באַליבט געוואָרן ביי אַלע שיכטן פֿון יידישן פֿאָלק. ער איז געוואָרן דער צוזאַמערסטן געלייענטער און פּאָפּולערער שרייבער ביי יידן. שלום=עליכם איז גיך אַריינגעדרונגען אין אַלע הייזער, געוואָרן אַ היימישער און שטענדיק=אָנגעלייגטער גאַסט אויף שמחות, אויף צונויפֿקומענישן. מיט אַ „שטיקעלע" שלום=עליכם האָט מען מכבד געווען די געסט, מיט שלום=עליכם'ן האָט מען משמח געווען דעם עולם, סיי דעם פּראָסטן און סיי דעם אויפֿגעקלערטן. און אַזוי אויך אויף די גרויסע עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען און קאָנצערטן.

און ווי דאָס מזל האָט געשפּילט שלום=עליכם'ן דעם מ ע ש ה = ש ר יי ב ע ר, אַזוי שלים=שלימזל איז געגאַנגען שלום=עליכם'ן דעם ד ר אַ מ אַ ט ו ר ג. וויפֿל שלום=עליכם האָט נישט זיך באַמיט צו דערגרייכן צו דער יידישער בינע, האָט עס אים נישט געראָטן. אין יידישן טעאַטער איז אים שטענדיק געגאַנגען „מיט דער פּוטער אַראָפּ".

און שלום=עליכם האָט דאָך פֿאַרמאָגט אין זיינע ווערק פֿיל דראַמאַטורגישעס. זיינע טיפּן אין פֿאַרשיידענע צאַפּלען זיך און באַוועגן זיך און זיי בעטן זיך ממש סצעניש פֿאַרגעשטאַלטיקט צו ווערן דורך שוישפּילער. שלום=עליכם האָט עס גוט געפֿילט און אין די סאַמע ערשטע יאָרן פֿון זיין שאַפֿן האָט ער זיך גענומען שרייבן מאָנאָלאָגן — די פֿאָרם, דורך וועלכער דער מענטש רעדט און חלשט זיך אויסרעדן.

אַ פּאָר יאָר נאָך זיין אַריינטרעטן אין דער יידישער ליטעראַטור, מאַכט ש"ע זיין ערשטן פּרווו אָנצושרייבן אַ זאַך אין אַ דראַמאַטישער פֿאָרם. דאָס איז זיין איינאַקטער „דער דאָקטער", פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1887 (אין דער ערשטער אויסגאַבע האָט עס געהייסן „אַ חתן אַ דאָקטאָר"). אין יענער צייט האָט ש"ע באַצייכנט זיין דראַמאַטורגישן ערשטלינג „אַ שטוב=זאַך, אונטערגעהערט דורך שלום=עליכם'ן." מיט אַ 20 יאָר שפּעטער (אין 1908) האָט ש"ע אַזוי באַצייכנט אין אַ בריוו זיין

ערשטן דראַמאַטישן פּרוּוו „ויהי בימי ה׳„פאָלקס־בלאַט“ האָב איך אָנגע־דרוקט א וואָדעוויל־פּעליעטאָן מיטן נאָמען „א חתן א דאָקטאָר“...“

„ווי פּרימיטיוו דער איינאַקטער „אַ דאָקטאָר“ איז נישט געווען — זאָגט נ. אויסלענדער (אין ש״ע־אויסגאבע, כאַרקאָוו, 1932, ב. 19, ז׳ 229) — אין זײַער ערשטער אויסגאבע פון 1887, האָט ער דאָך געהאַט א היפּשן באַטײַט פאַר דער אויספורעמונג פון ש״עס דראַמאַטישן נוסח. דער איינ־אַקטער „אַ דאָקטאָר“ האָט צום ערשטן מאָל אָנגעמערקט יענעם קרײַז געשטאַלטן — ספּעציעל די סביבה פון אויפגעקומענע נגידים — וואָס מיט זיי האָט ש״ע נאָך דעם אין משך פון זײַן גאַנצן לעבן נישט אויפ־געהערט צו פאַרפולן זײַנע דראַמאַטישע ווערק“.

שלום־עליכם האָט דעם איינאַקטער „דער דאָקטאָר“ דערנאָך גרינט־לעך איבערגעאַרבעט, און פאַרעפנטלעכט אין 1907.

דער זעלבן יאָר, 1887, דרוקט אָפּ ש״ע נאָך אן איינאַקטער „דער גט“, וואָס ביי ש״ע האָט עס לכתחילה געטראָגן דעם נאָמען „א קאָמע־דיע אין דריי בילדער“, אין דער אויסגאַבע פון 1905 הייסט עס שוין „סצענעס פונעם אַמאָליקן יידישן לעבן אין איין אקט און דריי בילדער“.

ווען ש״ע האָט אין 1887 געשריבן זײַנע איינאַקטער האָט ער נישט געזען אין רוסלאַנד קיין מעגלעכקייט מ׳זאָל זײַנע זאכן אויפפירן אין א טעאַטער. ווי באַקאַנט, איז יידיש טעאַטער געווען פאַרבאָטן דורך דער צאַרישער מאַכט. ערשט אויף דער צווייטער אויפלאַגע פון 1905 האָבן מיר אן אויפשריפט: „דאָס אויפפירן אויף דער בינע אָן דעם ווילן פון מחבר איז נישט דערלויבט“. און טאַקע די אויסזיכט מ׳זאָל עס שטעלן, האָט געטירט שלום־עליכם׳ן צו מאַכן אייניקע ענדערונגען פאַר דער סצענע.

אין א צוויי יאָר ארום קומט ש״ע מיט א דריטער זאך „די אסיפה“ (א ריינע קאָמעדיע), געדרוקט אין דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“, 1889.

נאָך אין 1894, ווען שלום־עליכם איז אַלט געווען 35 יאָר, האָט ער אין אַ בריוו צו הלל מאַלאַכאָווסקי, דעם ארויסגעבער פון דער פּיטערבורגער „די טויב“, אָנגעפרעגט, צי ס׳איז נישטאָ קיין יידיש טעאַטער אין פּיטס־בורג און צי עס איז נישט מעגלעך אויפצופירן דאָרט זײַנע א פּיעסע. געמיינט האָט שלום־עליכם זײַן פּיראַקטיקע „יקנה״ז, אָדער „דאָס גרויסע בערזענשפּיל“, א סאַטירע אויף די קיעווער־יעהופּעצער בערזע־סוחרים.

אַז די קאָמעדיע האָט די קיעווער צענזור קאָנפיסקירט, פאַרבאָטן עס אַרויסצולאָזן, צוליב אַ מסירהלע מאַקע פון די קיעווער בערזע־סוחרים, וועלכע האָבן דערקענט זייערע אייגענע געשטאַלטן אין דעם פּערסאָנאַזש פון דער קאָמעדיע.

עס איז וויכטיק, אַז שלום־עליכם האָט גאַנץ קלאָר געוווּסט און אונ־טערגעשטראָכן דעם מיין, די כוונה פון זיין קאָמעדיע. ער האָט אַריינגע־געבן אין מויל פון דעם סטודענט מאַרקוס, אין לעצטן אַקט פון דער קאָמעדיע, וועלכער זאָגט אַזעלכע ווערטער צום עולם: „זעט, קוקט אייך אָן אין שפּיגל, וואָס פאַר אַ פּנים איר האָט מיט אייערע ספּעקולאַציעס, מיט אייער בערזע, מיט אייער יקנה"ז, מיט אייערע קאָרטן, מיט אייערע זשורפיקסן, מיט אייערע דאַמען די אַריסטאָקראַטקעס און מיט אַלע אייערע געגנג אַרום און אַרום!" און ער וואָרנט זיי: „עס וועט זיך געפינען איינער, וואָס וועט אייך באַשרייבן אויף די גאַזעטן, וועט פון אייך מאַכן אַ בוך, אַ קאָמעדיע, אַ גאַנצע קאָמעדיע! צו שאַנד און צו שפּאָט וועט איר דערמיט זיין אומעטום, ווו מע הערט נאָר אַ יידיש וואָרט! א ו י ף טעאַטער וועט מען אייך אַרויסשטעלן!"

אָבער שלום־עליכם'ס וואָרענונג, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין מויל דעם יונגן העלד, דעם סטודענט מאַרקוס (כמעט אַלע פּאָזיטיווע, קעמ־פערישע, ניימאָדישע פּאַרשוינען אין דער אַמאָליקער יידישער דראַמע האָבן געהייסן מאַרקוס ג. מ.), — די וואָרענונג, אַז מ'וועט די אַלע געגנ „אין טעאַטער אַרויסשטעלן", זענען יאָרן און יאָרן נישט מקוים געוואָרן, און נישט צוליב שלום־עליכם'ס שולד:

עס איז געווען די צייט, ווען ש"ע לאָזט זיך אויף אַ ברייטן וועג, פאַר־מעסט זיך אויף גאַנצערע זאַכן, וואָס ברענגען אַרויס טיפערע פּראָבלעמען פון דעם יידישן לעבן. מיט אַ צוויי יאָר פריער (1892) האָט ער פאַר־טראַכט זיין מנחם־מענדל און אָפּגעדרוקט זיין ערשטן בריוו, און אויך אָנגעשריבן דעם ערשטן קאַפּיטל (1894) פון זיין טביה, — די צוויי ווערק, וואָס פאַרנעמען שפּעטער דעם אויבנאָן אין שלום־עליכם'ס שאַפן.

און אָט ווידער אַן איינאַקטער — „מזל־טוב", פאַרעפנטלעכט אין 1899. אין צענטער — ר' אַלטער דער פאַקטאָרגעגער מיט די קיך־מענטשן, וואָס אַלטער טיטולירט זיי מיטן נאָמען „נאַשבראַט, דער פּראָסטער עולם". ווי די פריערדיקע איינאַקטערס איז אויך „מזל־טוב" אין 1907 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַן איבערגעאַנדערשטער פאָרם. ס'זענען אַריינ־

געטראָגן געוואָרן מער סאָציאַלע באַטאָנונגען און ס'זענען אויך אַריינגעבראַכט געוואָרן געזאַנג־נומערן, משמעות, מיט דעם אויסקוק דער אײנאַקטער זאָל געשפּילט ווערן.

אין 1903 דרוקט ש"ע אין פאָרזעצונגען די קאָמעדיע „צעזייט און צעשפּרייט" (אין דריי אַקטן, שפּעטער איז דורך ש"ע צוגעגעבן געוואָרן נאָך אַן אַקט). ש"ע גופא איז נישט געווען צופרידן מיט דער קאָמעדיע, אויך נאָך דעם ווי ער האָט צוגעגעבן דעם נייעם אַקט, ווייל „אָן דעם דריטן אַקט איז די קאָמעדיע עפּעס נישט דערערדט", ווי ער אַליין האָט געשריבן אין אַ בריוו צו מ. ספּעקטאָר.

אין 1905 אַרבעט איבער שלום־עליכם די פּיעסע און גיט צו אַן אַריינפיר, וואָס איז ביז גאָר אינטערעסאַנט: „מיט אייניקע יאָר צוריק—שרייבט ש"ע—האָט זיך געדרוקט פון מיר אַ פעליעטאָן אין דער „יידישער פאָלקסצייטונג" אונטערן נאָמען „צעזייט און צעשפּרייט", „בילדער פון יידישן לעבן". הגם די דאָזיקע בילדער זענען געשריבן אין אַ דראַמאַטישער פאָרם, דאָך האָט זיך מיר אפילו נישט געחלומט, אַז איך וועל אַמאָל זוכה זיין צו זען זיי אויפגעפירט אויף דער סצענע. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט מען די פּיעסע איבערגעזעצט אין דער פּוילישער שפּראַך און מען האָט זי געשפּילט אין פּוילישן טעאַטער זייער ראַשנד, די גאַלעריע האָט געפּאַטשט „בראַוואָ" ווי געווייניטלעך. נאָר וואָס מער דער עולם האָט געוואַלדעוועט, אַזוי מער האָט דאָס דעם מחבר פאַרדראָסן; ער האָט געפילט, אַז דער פּיעסע פעלט אַ סך מער וויפל זי פאַרמאָגט: ער האָט געפילט, אַז אויף דער בינע ווערט געשפּילט אַ פעליעטאָן, נישט קיין דראַמע. דאָס וואָס איך האָב דעמאָלט געליטן, קאָן מען אָנרופן „חיבוט הקבר". „קיינער•ווייסט נישט, זאָגט מען, ווער עס דער שיך קוועטשט". איך בין געווען דעמאָלט אויב נישט דער אייציקער, וואָס האָט אויסגעפייפט דעם מחבר פון דער פּיעסע. איצט, ביי דער צווייטער אויפלאַגע, צום אויפפירן זי אויף דער יידישער בינע, האָב איך זי גענומען צום אויסבעסערן. דאָס „אויסבעסערן" האָט מיך אָבער אַזוי ווייט פאַרשלעפּט, אַז איך האָב כמעט אָנגעשריבן אַ גאַנץ נייע פּיעסע, כמעט נאָר איבערגעלאָזט דעם הויפּט־געדאַנק, די נעמען פון די פאַרשוינען און אַ צוויי־דריי סצענעס אומגעענדערט. איך האָב געוואָלט, אַז מיין ערשטע פּיעסע אויף דער יידישער בינע זאָל האָבן כאָטש אַ שטיקל פּנים פון אַ פּיעסע. אַזוי, אַז אויב די גאַלעריע וועט זיך נישט קאָנען איינהאַלטן און וועט אַמאָל וועלן פּאַטשן „בראַוואָ", זאָל זי נישט

פּאַטשן אומזיסט. „יונגע דראַמאַטורגן — זאָגט טשעכאָוו — באַדאַרף מען ווייניקער אַפּלאָדירן און מער אויספייפן". גאָלדענע ווערטער!"

נאָך דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס זיין „צעזייט און צעשפּרייט" האָט געהאַט אויף פּויליש, שרייבט ער אין אַפּריל, 1905, פון וואַרשע צו זיין טאָכטער: „גאָט מיינער! וואָס וואָלט שוין געווען, ווען עס זאָל מעגלעך זיין צו שפּילן אויף יידיש! מיין גורל און אייער צוקונפט (געמיינט די קינדער — נ. מ.) זענען ענג פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער. פאַרשרייב דאָס דיר..."

די פּיעסע איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף פּויליש און רעזשיסירט דורך מאַרק אַרנשטיין. די פּרעמיערע איז פאָרגעקומען דעם 11־טן אַפּריל, 1905. אין יידישן איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן דעם זעלבן יאָר אינעם מוראַנאָווער יידישן טעאַטער.

אגב, ווען דער אויפפירונג פון „צעזייט און צעשפּרייט" האָבן מיר אַן אַרטיקל פון י. ל. פּרץ. פּרץ רעדט אַרום אַפּריער די טראַגעדיע פון דער יידישער פאַמיליע, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער פּיעסע, שטעלט זיך אָפּ אויף די פאַרשידענע פאַרשווינען, וואָס זענען דאָ אין דעם שטיק, און ער זאָגט: „די טראַגיקאָמעדיע האָט באַאַרבעט ש"ע פון זיין דרייאַקטיק שטיק „צעזייט און צעשפּרייט", וואָס שפּילט זיך אין יידישן טעאַטער אויף קרולעווסקע". און פּרץ שרייבט: „דאָס שטיק האָט אַלע גרויסע מעלות און אַלע קליינע חסרונות פון שלום־עליכם, וואָס ווערט זיך קיינמאָל פון קיין וויץ נישט אָפּזאָגן, ווו מען דאַרף יאָ, און ווו מען דאַרף נישט. און דאָס שטיק גרענעצט דעריבער מיטן פאַרס". פּרץ גיט צו: „געשפּילט איז די זאַך געוואָרן אין אַלגעמיינעם גוט. אויסגעצייכנט האָט זיך מעערסאָן (דער פאָטער)..."

און אָט טוט אַ שיין די זון, און מען קאָן מיינען, אַז עס הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה אינעם לעבן פון שלום־עליכם און אין די באַציונגען פון יידישן טעאַטער צו אים. אין יוני, 1905, שרייבט שלום־עליכם אונטער אַ קאָנטראַקט מיט די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן ספּיוואַקאָווסקי און סעם אַדלער, ווען גרינדן אַ יידיש קונסט־טעאַטער אין אָדעס, ווו שלום־עליכם זאָל זיין דער גאַנצער פירער. שלום־עליכם איז ממש אויפן זיבעטן הימל. ער איז אַ מיטשותף „אויפצובויען אַ מין יידיש־ליטעראַריש קונסט־טעאַטער"... „פאַרן ערשטן סעזאָן — טיילט ער מיט — האָב איך צוגעגרייט (און אַרבעט נאָך איצט) צוויי גרויסע און פיר איינאַקטיקע פּיעסעס (עס זענען געבוירן געוואָרן אין מיין קאָפּ נאָך אַ צוויי־דריי גרויסע, פיר־

אין פינף־אַקטיקע פיעסעס)". שלום־עליכם וועט דאַרפן בייזיין אויף די רע־פעטיציעס און פּרעמיערעס... הכּלל, גאָר גרויסע אילוזיעס! אָבער, לײדער, איז פון דעם גאַנצן אָפּמאַך גאָרנישט געוואָרן. די רוסישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן די אונטערנעמונג, און דאָ באַלד זענען אָנגעלאָפן די אָקטאָבער־פּאָגראָמען, און עס איז אויסגערונען פאַר שלום־עליכם'ן אַ שיינער חלום פון יידישן טעאַטער, אַ יידיש קונסט־טעאַטער אין רוסלאַנד.

שלום עליכם באַהאַלט זיך בעת דעם שרעקלעכן קיעווער פּאָגראָם אין האָטעל. ער איז צעבראָכן, רואינירט, פאַרצווייפלט, און אין דער גרויסער פאַרצווייפלונג ווענדט ער זיינע בליקן און האָפענונגען קיין אַמעריקע, וווּ־הין ער האָט נאָך מיט אַ צייט פריער געשיקט צו זיינעם אַ פריינד, ד"ר מאָרים פישבערג אין ניו־יאָרק, צוויי פּיעסעס, „מאיר שאַלאַנט" (באַ־אַרבעט פון „צעזייט און צעשפּרייט") און אַ דראַמאַטיזירונג „פון „סטעמ־פּעניו".

פון אַמעריקע האָט מען פאַרלאַנגט ביי שלום־עליכם'ן, ער זאָל אי־בערמאַכן דעם פינפטן אַקט פון „סטעמפּעניו". ש"ע גייט איין דערויף, שיקט אים מיט אַ בריוו, ווו ער שרייבט: „איך שיק אייך דעם פינפטן אַקט צו „סטעמפּעניו". אַ נייער אַקט, אָנשטאָט אַ פריערדיקן. מיט אַ טויט, לויט אַמעריקע פאָדערט. אַ יידישע העלדין, נאָך מיין מיינונג, סמט זיך זעלטן אויס ליבע. נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז אַמעריקע הייסט? ווייזט דעם פינפטן אַקט דעם ה' אַדלער. לאָז ער די גאַנצע פּיעסע גוט דורכ־קוקן, לאָז ער זי איין מאָל אויספירן מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט אַלע דעטאַלן — וועט ער זען וואָס דאָס איז". (בריוו פון 26־טן אָקטאָבער 1905.) ש"ע געפינט זיך אין אַ שווערער פאַרצווייפלטער לאַגע, ער וויל לויפן מיט דער פאַמיליע קיין אויסלאַנד. ס'איז גלייך נאָך די פּאָגראָם־טעג אין קיעוו. בעט ער זיך: „העלפט! ראַטעוועט!... ביז עס וועט אַמאָל אָנקומען די הילף, וועלן מיר דאָ אויסגיין!..."

ער האָט געקליבן זיך אַרויסצושיקן אַ דריטע דראַמע, וואָס ער האָט שפּעטער פאַרביטן מיט אַ פּיעסע „דער לעצטער קרבן". געבויט אויף די געשעענישן פון דער רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען פון 1905—1906.

אין אַ בריוו פון אָקטאָבער, 1905, שרייבט שלום־עליכם צו זיין פריינד פישבערג: „...איך דאַרף אייך זאָגן אַפריער, אַז בנוגע דער פּיעסע וועט אייך מסתמא אויסקומען אויסצושטיין אַ קאַמף דערפאַר, וואָס זי פאַרמאָגט נישט קיין עפעקטן. נאָר איך וועל זיך קיינמאָל נישט דערלויבן

נאָכצוגעבן דעם אַמעריקאַנישן געשמאַק און פאַרבויגן די געזעצן פון קונסט.“

אין זיין בריוו פון 23־טן נאָוועמבער, 1905, שרייבט ש“ע צו ד“ר מ. פישבערג: „גלייכצייטיק דערמיט שיק איך אייך אַרויס מיין נאַר־וואָס אָנגעשריבענע דראַמע, וואָס איז אויף מיר אָנגעהויבט געוואָרן פון די בלוטיקע געשעענישן. איך האָב דער דראַמע געגעבן צוויי נעמען: „דער לעצטער קרבן“ אָדער „די בלוטיקע טעג“. קלייבט אייך אויס וואָסער נאָ־מען איר ווילט, אָדער נוצט ביידע. די דראַמע באַשטייט פון 5 אַקטן, נישט קיין גרויסע. אינעם שפּילן וועלן זיי קיין סך צייט נישט פאַרנעמען. פאַראַן אַ ראָל אַ טראַגיקאָמישע מיט אַ זייער טראַגישן סוף — פאַר דעם העַר אַדלער. דאָס איז די ראָל פון פרייליכן שניידער יודל קטונתי. פאַראַן אַ ראָל פאַר אַ גוטער אַקטריסע, אַ ראָל פון אַ פרוי אַ העלדין. דאָס איז — ראָזע זיסערמאַן. פאַראַן נאָך אַ קאַרדינאַלע ראָל — פונעם יונגן שוסטער, דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט יואליק דראַטווע — זייער אַ דאַנקבאַרע פאַר אַ גוטן טראַגיקער. חכלל, מע האָט באַוואָרנט (נישט איך, נאָר סאמע דאָס לעבן) אַלעמען. וואָס שייך דער סצענישקייט פון דער פּיעסע, איז ביי אַ פּינקטלעכער אויפפירונג און מיט רייכע דעקאָראַציעס וועט זי מאַכן אַ פּו־ראָר. אַ שאָד, וואָס איך וועל נישט זיין אין ניו־יאָרק אויף דער פּרעמיערע פון דער דאָזיקער צייטלעכער פּיעסע. איך וואָלט אין איר אויסגעשטעלט די סצענע פון דעם פּאָגראָם און די סצענע פון די מאַניפעסטאַציעס אין זייער גאַנצער רעאַליטעט. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? איך פאַרלאָז מיך אויף אייערע אַרטיסטן, אַז זיי וועלן זיך באַמיען אַוועקצושטעלן אַלצדינג ווי עס באַדאַרף צו זיין, בכדי עס זאָל זיך באַקומען אַזאַ אילוזיע, אַז יעדער איי־נער פון די צושויער, זיצנדיק אין ניו־יאָרק, זאָל האָבן דאָס רעכט צו זאָגן: „איך בין געווען אין רוסלאַנד אין די דאָזיקע בלוטיקע טעג“... אָבער עס איז נאָרנישט געוואָרן אויך מיט דער פּיעסע. און ווי ס׳ווייזט אויס, איז זי פאַרלוירן געגאַנגען ערגעץ ביי יעקב אַדלערן.

מ׳דאַרף באַמערקן, אַז אייניקע טיפּן פון דער דראמע, ווי ש“ע מאָלט זיי אין בריוו, זענען דערנאָך אריין אין ראָמאַן „דער מבול“ (אָדער „אין שטורעם“).

אין 1906 רייסט זיך שלום־עליכם ארויס פון רוסלאַנד און קומט דעם 20־טן אָקטאָבער קיין ניו־יאָרק. און דאָ הייבן זיך אָן נייע אומטער־האַנדלונגען און פאַרדרייעניש און פאַרפּלאָנטערנישן ארום דער אויפ־

פירונג פון שלום⸗עליכם׳ס זאַכן אויף דער יידישער בינע. שלום⸗עליכם האָט דאַן, ביים אָנקומען, געזאָגט דעם פאָרשטייער פון דער „יידישער אמעריקאַנער פרעסע“, אַז איינער פון זיינע הויפּט⸗צילן איז זיך צו באַקענען מיטן יידישן טעאַטער און, אויב מעגלעך, אויך צו אַרבעטן פאַר דער יידישער בינע אין דעם נייעם לאַנד, אָבער ערשט אין עטלעכע חדשים אַרום, דעם 8⸗טן פעברואַר, 1907, זענען פאָרגעקומען די פּרעמיערעס פון זיינע צוויי זאַכן: אין יעקב אַדלערס „גרענד⸗טעאַטער“ — „שמואל פּאַסטערנאַק, אָדער דער אויסוואורף“ (באַאַרבעט פון „יקנה״ז“), און אין באָריס טאָמאַשעווסקיס „פּיפּלס טעאַטער“ — „יידישע טעכטער“ (באַאַרבעט פון „סטעמפּעניו“).

עס איז גאַנץ טשיקאַווע, ווי די דירעקטאָרן פון די יידישע טעאַטערן האָבן רעקלאַמירט שלום⸗עליכם׳ס ווערק. דער „פּיפּלס טעאַטער“ האָט „אַדווערטייזט“ בזה הלשון: „שלום⸗עליכם אין פּיפּלס טעאַטער צום ערשטן מאָל אַלס דראַמאַטורג. שלום⸗עליכם׳ס גרעסטע מייסטערווערק „סטעמפּעניו“, וואָס האָט די גאַנצע וועלט אין שטוינען געבראַכט און איז אין אַלע שפּראַכן איבערגעזעצט געוואָרן, און איצט דראַמאַטיזירט געוואָרן פון שלום⸗עליכם פאַר פּיפּלס⸗טעאַטער. פרייטיק אָוונט, שבת און זונטיק מאַטינע און אָוונט — אַן אמת⸗אָריגינעלע יידישע חסידישע פּיעסע פון אמתן לעבן. „יידישע טעכטער אָדער סטעמפּעניו“, אין 4 אַקטן, פון שלום⸗עליכם, סצעני׳רט און אויפגעפירט פון ב. טאָמאַשעווסקי. ספּעציעל געשריבן פאַר הער און מאַדאַם טאָמאַשעווסקי. פאָלקס⸗לידער עקסטרא געקליבן פון שלום⸗עליכם. מוזיק פון הער פרידעל און מר. מאָגולעסקאָ, מיט דער מיטווירקונג פאָזיטיוו פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע“. אויך דאָס צווייטע טעאַטער, אַדלערס „גרענד טעאַטער“, איז נישט אָפּגעשטאַנען און אַנאָנסירט „דאָס ערשטע ווערק פון באַרימטן ליטעראַט שלום⸗עליכם“.

הקיצור, מען האָט געגעבן די אמתע „פּובליסיטי“, מיט אַלע פּליטערלעך, ווי עס פּאַסט פאַר די היגע יידישע טעאַטער⸗דירעקטאָרן...

ווי מען האָט אָט די צוויי אויפפירונגען אויפגענומען — אויסצודערציילן וועגן דעם געניי וואָלט עס פאַרנומען צופיל אָרט. מיר שיקן אָפּ די, וואָס אינטערעסירן זיך ספּעציעל מיט די זייטן פון דער דעמלטיקער יידישער פרעסע און מיט די קליינלעכע חשבונות, וואָס האָבן געהאַט א ווירקונג אויף די רעצענזיעס אין די צוויי דעמלטיקע גרעסערע צייטונגען „די וואַרהייט“ און „פאָרווערטס“, צו די אָפּרופן אין די דערמאָנטע צייטונגען גופא (זע א. שולמאַן — „ייוואָ⸗בלעטער“, ווילנע 1932, 12).

שלום־עליכם שרייבט גלייך אויף מאָרגן נאָך די פּרעמיערעס, אַז „דער עולם, ווי עס שיינט, איז געבליבן צופרידן. יעדנפאַלס איז געווען אַזוי פיל נייקייט, אַז עס האָט געקלעקט גענוג. „סטעמפעניו" האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס, וואָס איז פּאָעטיש, פּאַטריאַרכאַליש. „דער אייזווערף, ווידער, האָט געצווונגען דאָס פּובליקום די גאַנצע צייט צו האַלטן אָפן דאָס מויל און צו לאַכן ביז דער פאָרהאַנג איז געפאַלן. דאָס איז אויך דאָ נײַ, מחמת די באַלאַגאַן־סאַטירע האָט זיך שוין צוגע־געסן, און דער הומאָר פון די היגע מאָדישע דראַמאַטורגן איז אַזוי אָרעם, אַז ס'איז פּראָסט אַ רחמנות אויף זיי. זיי קויפן „וויצן" פאַר געלט, אָדער זיי נעמען איינער ביים אַנדערן אויף באָרג..." שלום־עליכם גיט צו אין בריוו, אַז „דעם עקזאַמען האָט ער אויסגעהאַלטן, און, דאַכט זיך, גלענצנד", אָבער „עס שטייט מיר נאָך פאָר אַ סך שטרויכלונגען אויף דעם דאָזיקן נייעם וועג. אַ גרויסער קאַמף, און איך האָף אַרויסצוקומען אַ זיגער".

לײַדער איז שלום־עליכם באַזיגט געוואָרן, און עס האָט צוגעהאָלפן אויך דעם בראָך די איינפלוסרייכע ניו־יאָרקער יידישע פּרעסע.

געגוג צו ברענגען אַ פּאָר שורות פון אַב. קאַהאַנס רעצענזיע אין „פאָרווערטס". „מיט יאָרן צוריק", זאָגט ער, „האָט שלום־עליכם אַרויס־געגעבן אַ משפּט איבער שמ"רן, און איצט דאַרף מען אַרויסגעבן אַ נייעם משפּט אויף שלום־עליכם'ען. אַמאָל האָט שלום־עליכם געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער יידישער ליטעראַטור, אָבער איצט, זאָגט אַב. קאַהאַן, אין 1907, ווען מיר האָבן אַזוינע מאַלאַנטן ווי שלום אַש, איז שוין שלום־עלי־כם'ס פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור נישט אַזוי גרויס און וויכטיק". ער האָט טענות צו שלום־עליכם'ען, אַז די פיגורן זענען ליימענע גולמס. „און ווען מיר זאָגן", גיט צו אַב. קאַהאַן, „אַז די פיגורן האָבן נישט קיין לעבן אין זיך, מיינען מיר דאָס נישט אין דעם זעלבן זין, אין וועלכן מען ברויכט דיזן אויסדרוק, ווען עס קומט אונדז אוים צו ווייזן פעלערן אין דער אָדער יענער דראַמע פון גאָרדין, ליבין אָדער קאָברין. די גולמים פון שלום־עליכמס'ס שטיק באַלאַנגען צו אַ פּיל־פריערדיקן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער „סטיידזש". זיי זענען אַ פיל־עלטערע חברה. זיין „אויסוואורף" טראָגט אונדז אוועק אהין, אהין צו יענע אַלטע צייטן, ווען לאַטיינערס „לעבנס־דראַמען" האָבן געבליט און הורוויצעס „היסטאָרישע אָפּערעס" האָבן געבלישטשעט".

ווי געפעלט אייך בכלל דער מענה־לשון פון אב. קאהאנען, וואָס שלום־עליכם שמעקט אים נישט?

נו, פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ מין באַציונג צו אים האָט שלום־עליכם געמוזט זיך אָפּזאָגן פון ווייטערדיקער פאַרבינדונג מיט דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. ער פאָרט צוריק קיין אייראָפּע. אין דעם זעלבן יאָר, נאָוועמבער 1907, פאַרענדיקט ש"ע אַ נייע פּיעסע „דער אוצר" (שפּעטער באַקאַנט אונטערן נאָמען („גאָלד־גרעבער") און שיקט זי אָפּ צו זיין איידעם י. ד. בערקאָוויטש קיין ניו־יאָרק. ער איז זייער צופרידן געווען פון דער נייער פּיעסע און ער שרייבט מאַקע אין בריוו: „און דיר זאָג איך מיט אַן אמת, אַז מיר איז געלונגען צו מאַכן אַ געריכט (אין העברעיש „מטעמים" — נ. מ.), וואָס אַזעלכעס איז נאָך נישט געשטעלט געוואָרן אויף דער יידישער בינע". אָבער עס איז פון אָט דעם פּיינעם „גע־ריכט" גאָרנישט געוואָרן. די פּיעסע איז געלייענט געוואָרן דאַן כמעט פון אַלע דעמאָלטיקע ניו־יאָרקער דירעקטאָרן און קיינעם איז נישט געפעלן געוואָרן. דער חסרון — צופיל ליטעראַריש. איין דירעקטאָר האָט געוואָלט די פּיעסע אָננעמען, נאָר מיטן תנאי, ער זאָל זי אַליין איבערמאַכן אין אַן אָפּערעטע „מיט געזאַנגען און טענצע"...

ש"ע האָט געלייענט די פּיעסע „דער אוצר" דעם 21־טן פעברואַר, 1908, פאַר אַן עולם יידישע סטודענטן און עמיגראַנטן אינעם זשענעווער „האַנטווערק־זאַל". אין „אונדזער לעבן" (וואַרשע) האָט דאַן ה. גירשקאַן (צבי הירשקאַן) אָפּגעדרוקט אַ „רעצענזיע" איבער דעם געלייענטן „אוצר"...

שלום־עליכם איז דערווייל געזעסן אין דער שווייץ און אומגעדולדיק אַרויסגעקוקט אויף אַ תשובה פון ניו־יאָרק. ער שרייבט אין אַ בריוו: „...אין דעם מאָמענט פיל איך זיך, אַז דאָרט דינגט מען זיך איבער דעם (איבערן „אוצר" — נ. מ.), ווי איבער אַן אָקס, מען וויל קויפן דעם אָקס וואָס ביליקער, און מען קוקט, אַז נישט נאָר פלייש, נאָר חלב זאָל ער געבן, דער אָקס, און די פעל זאָל זיין אַזעלכע, וואָס זי אַליין זאָל ווערט זיין דאָס געלט... מיר, יידישע, משטיינס געזאָגט, ליטעראַטן, זענען דאָרט אינעם פרייען לאַנד מער פאַרשקלאַפט אַלס אַנדערע פאַרשקלאַפטע דורכן קאַפּיטאַליזם... נאָר גאָרנישט... אַלץ ביז אַ צייט. עס וועט אַמאָל אויף אונדזער בלאָטיקע גאַס אויך געבן אַ שיין די ליכטיקע זון און מיר וועלן זיך

אויך אַמאָל פּאַליאַסקן ווי די חזירים... די באַסעס, מיין איך, מיט די מענעדזשערס, מיט די איבעריקע ווילדע חיות".

שלום־עליכם איז געווען א מבין און פיין און ריכטיק כאַראַקטעריזירט די לאַגע פונעם יידישן שרייבער אין פרייען לאַנד...

און אַז עס איז פון „אוצר" גאָרנישט געוואָרן, שרייבט שלום־עליכם אַזא מין בריוו, דעם 7־טן אַפּריל, צו בערקאָוויטשן אין ניו־יאָרק: „...איך האָב מיך שוין מייאש געווען און האָב שוין אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט דערויף... איך גלויב מיטן פולן גלויבן, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, וואָס מען וועט זוכן דעם „אוצר" מיט ליכט און מען וועט זיך אַרומטראָגן מיט אים און מען וועט הנאה האָבן פון אים און מען וועט רעדן פון אים און זייער אַ סך. נאָר דערווייל איז די זאַך זייער שווער. וואָס זשע זאָלן מיר טאָן און וואָס קאָנען מיר טאָן? דאָס יידישע טעאַטער וועט זיך אַנטוויקלען דווקא אין רוסלאַנד און ערשט נאָך דעם אין יענקי־לאַנד, און מיר, מיר וועלן זיין די באַלעבאַטים אויף אונדזער וועלט... מיינע אויגן וועלן דאָס אפשר נישט זען, אָבער דו וועסט עס געוויס זען, וואָרום דו ביסט נאָך יונג".

און וואָס מער דאָס יידישע טעאַטער שטויסט אָפּ שלום־עליכם'ן, אַלץ מער ווערט ער צוגעבונדן צו אים. אין די יאָרן 1909—1911 שרייבט שלום־עליכם אָן זיין וווּנדערבאַרן גרויסן ראָמאַן פונעם לעבן פון די יידישע אַקטיאָרן „בלאָנדזשענדע שטערן" (אין 2 טיילן: „אַקטיאָרן" און „נע־ונד"), ווו שלום־עליכם ווייזט אַרויס פיל ליבע און פיעטעט און מיטלייד פאַר דער אייגנאַרטיקער יידישער אַקטיאָרן־וועלט, און ברענגט אַרויס די מערקווירדיקע געשטאַלטן פון די שוישפילער אינעם אַלטן יידישן טעאַטער, — געשטאַלטן, וואָס זענען ניי אין דער רייכער גאַלעריע פון די שלום־עליכם־טיפּן. שלום־עליכם שרייבט אויך אָן אין די ווייטערדיקע יאָרן פאַר דער בינע „מענטשן" (1907), „אַגענטן" (1909), „קיניג פּיק" (1910), „שרגא" (1911) אאַ.

און ווידער גייען אַוועק עטלעכע יאָר. שלום־עליכם שאַפט דערווייל מייסטערישע ווערק, און פונדאָסניי פאַרבענקט ער זיך צו דער בינע, וואָס וויל אים בשום אופן נישט אַרויפלאָזן. ער דראַמאַטיזירט זיין לעבנס־ווערק, זיין „טביה דער מילכיקער", און וויל ווידער פּרוּוון זיין מזל צו שיקן עס קיין אַמעריקע, צו יעקב אַדלער, ער זאָל עס אויפפירן אין זיין „גרענד טעאַטער". אינעם בריוו האָבן מיר אייניקע שטעלן, ווו שלום־עליכם כאַראַקטעריזירט זייער טרעפלעך דאָס יידישע טעאַטער אין אַמע־

ריקע. אָט דער בריוו איז געשריבן מיט 45 יאָר צוריק, אין 1914. לײדער איז פֿיל פֿונעם געזאָגטן אויך גילטיק איצט פֿאַר דעם הײַנטיקן ביליקן ייִדישן טעאַטער.

שלום־עליכם שרײַבט צווישן אַנדערן: „אין מײַן פּלעי וועט איר ניט געפֿינען יענע עפֿעקטן, מיט וועלכע מען האָדעוועט דאָס ייִדישע פּובלי־קום פֿון דער ייִדישער בינע שוין אַזויפֿיל יאָרן. קײן האַרצרײַסנדיקע סצע־נעס דורך קינדערשע בעטעלעך, מיט טויטע־לעבעדיקע מתים־מלער; מיט משוגענע ווײַבער, מיט צעפּלאַצטע מוידן, וואָס שרײַען ווי אַ מאַנהײַז און מאַכן ווײנען די גאַנצע גאַלעריי; אויך ניט קײן לאַקריציזסע פּאַטריאָ־טישע לידלעך, אויסגערעכנטע אויף „משׂהם" פּאַטריאָטיזם, וואָס איז ניט ווערט קײן ניקל און מען שלעפּט ביי אים אַ קוואָדער; אויך ניט קײן באָרדעס, וואָס פֿאַרליבן זיך אין אויסגעלאָזענע צנועות און שיסן זיך פֿאַרן פּובליקום אין די אויגן; אויך ניט קײן פֿילע וויצן און קײן קיצלען מיט שפּיץ־פֿינגער אונטער די פּאַכוועס — אַלץ צוליבן געווינטשטן קוואָדער. נײן, זוכט ניט די אַלע קונצן — איר וועט עס ביי מיר ניט געפֿינען! דערפֿאַר וועט איר אָבער געפֿינען פֿאַר זיך אַ ייִדן, אַ טאַטע פֿון פֿינף טעכטער — אַ פּראָסטער מענטש, נאָר אַ גאַנצער און ערלע־כער, אַ כשרער, אַ לײַדנדער, וואָס איז פֿול מיט טראַגעדיע, נאָר וואָס מאַכט לאַכנדיק דעם צוהערער פֿון אָנהײב ביזן סוף, לאַכנדיק ניט אויף אָפּצושפּעטן, נאָר פֿרײלעך לאַכנדיק אויף צו סימפּאַטיזירן און צו מיט־פֿילן אים אין אַלע זײַנע גרויסע פּײַן און קלײנע צרות..." „שוין צײַט, שוין צײַט, שוין צײַט, גרויסער מײַסטער", רעדט שלום־עליכם צו יעקב אַדלער אין אַדלערס שפּראַך, „איר זאָלט אויפֿטרעטן אויף דער בינע, אין דעם האַרבסט פֿון אײַער אַרטיסטישער קאַריערע, אין אַ שטיק פֿון אמת ייִדישן אַלטעגלעכן לעבן. לײענט איר נאָר גוט אַדורך, דענקט אײַך אײַן, און איר וועט זען, אַז איר וועט באַווײַזן וווּנדער, אַז דווקא אין אַזאַ שטיק, אָן פּרעטענזיעס און אָן פּוסטע עפֿעקטן און אָן טרערן־קוועטשעניש און אָן לאַכן־טרײַבעניש וועט איר זיך באַווײַזן אין אײַער ריכ־טיקער מאָס..."

דערווײַל האָט שלום־עליכם אָנגעשריבן אין 1914 זײַן טראַגיקאָמעדיע „שווער צו זײַן אַ ייִד" (לויט דעם ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס" אין אין 1915 — זײַן וווּנדערבאַרע קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס", — אָבער קײן בעלן אויפֿצופֿירן די אַלע זאַכן האָט ער אַלץ ניט געפֿונען.

שלום־עליכם איז געדעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז זײַנע אויגן וועלן ניט זען, ווי דאָס יידישע טעאַטער וועט אויפגעוואַקסן ווערן אײַפּצופירן זײַנע זאַכן.

ס'איז דאָ ביי יידן דאָס ווערטל „אחרי מות — קדושים". יאָ, אויך בנוגע צו ש"עס דראַמאַטישע שאַפונגען איז אָנגעמאָסטן אָט־דאָס וואָרט. נאָך ש"עס טויט האָט זיך גענומען וועקן דער אינטערעס און פאַראינ־טערעסירונג צו שלום־עליכם'ס דראַמאַטורגישן שאַפן. ווען דעם פאַהערט זיך א גאָר באַזונדערע אויספּירלעכע אויספּאָרש־אַרבעט, וואָס מ'האָט באַדאַרפט מאַכן. עס וואָלט געווען א רייך בלאַט יידישע טעאַטער־געשיכ־טע פאַר די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר אין די פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט, ווו נאָר עס האָט עקזיסטירט א יידיש טעאַטער און עס זענען געווען דראַמאַטישע קרייזלעך. און יעדעס לאַנד און יעדעס טעאַ־טער האָט אויפגעפירט און אויסגעשפּילט אַ שלום־עליכם אויפן אייגע־נעם שניט און שטייגער. און פאַרשידענע שלום־עליכם־פאַרשטעלונגען זענען געגעבן געוואָרן לויט ספּעציפישע נוסחאות, אויסטייטשונגען און באַטאָנונגען סיי פון גאַנצע ווערק און סיי פון אייניקע געשטאַלטן באַ־זונדער.

איינער פון די ערשטע, וועלכער האָט זיך גענומען צום שלום־עליכם'ס דראַמאַטישע ווערק, איז געווען מאָריס שוואַרץ, וועלכער האָט זיי אין זײַן קונסט־טעאַטער געגעבן א סצעניש תיקון. דער קונסט־טעאַטער האָט געעפנט זײַן סעזאָן פון 1919 מיט ש"עס „טביה דער מילכיקער" (דעם 29־טן אויגוסט 1919), דאָס איז אָן ספק א וויכטיקע דאַטע אינעם לעבן פינעם קונסט־טעאַטער און אויך אינעם דראַמאַטורגישן שאַפן פון ש"ע... אויך דעם צווייטן טעאַטער־סעזאָן פון 1920 עפנט דער קונסט־טעאַטער מיט א ש"ע־פּיעסע, מיט „שווער צו זײַן א ייד" (דעם 3־טן סעפּטעמבער 1920). דעם 16־טן דעצעמבער 1920 גיט מאָרס שוואַרץ ש"עס „אַן עצה". דעם 8־טן דעצעמבער 1922 — „דאָס גרויסע געווינס" (אָדער 200.000, ווי עס הייסט אין אַנדערע ערטער). אין 1927 ווערט אויפגע־פירט ש"עס „גאָלדגרעבער (אָדער „דער אוצר"); אין 1928 — „סטעמ־פּעניו"; אין 1929 — „בלאָנדזשענדע שטערן" אאוו. די דערמאָנטע פּיעסעס ווערן אין די שפּעטערדיקע יאָרן פונדאַסניי געשפּילט דורך מאָ־רים שוואַרצן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. צו די פּיעסע קומט

צו די אינסצעניזירונג „סענדער בלאַנק", וואָס יעקב ראָטבוים פירט אויף אינעם קונסט־טעאַטער.

אין אַן אַרטיקל „שלום־עליכם אַלס דראַמאַטורג" שרייבט צווישן אַנדערן מאָריס שוואַרץ („ליטעראַרישע בלעטער", 1936, נומ. 25):
„שלום־עליכם האָט באַרייכערט דעם יידישן טעאַטער אַ סך מער ווי אַלע דראַמאַטורגן אַחוץ גאָלדפאַדענען. דער קונסט־טעאַטער האָט בלויז אויפֿגעפֿירט 6 פֿון זיינע ווערק... נאָך זעכצן יאָר יידישער קונסט־טעאַטער לעבט נאָך דער ש"ע־רעפּערטואַר און קומט ערשט איצט צום אויסדרוק, נישט נאָר קינסטלעריש, נאָר אַקטועל. נאָך קיינמאָל איז „טביה דער מילכיקער" נישט געווען אַזוי אַקטועל ווי איצט. און אַזוי איז אויך יעדע טעמע, וועלכע ער האָט באַהויכט מיט זיין געניאַלן פֿאָלקס־טאַלאַנט". און נאָך עפּעס:
„דער יידישער טעאַטער קאָן אָנווייזן אויף גאָר אַ סך פיינע טאַלאַנטן, וואָס זענען געקומען צום טעאַטער אַלס שלום־עליכם'דיקע אַקטיאָרן". (דאָרט, זייט 392).

אויך דער יידישער קאַמער־טעאַטער אין מאָסקווע (שפּעטער — מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער — לכתחילה אונטער דער רעזשי פֿון אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי) האָט אָנגעהויבן זיין שפּילן אין מאָסקווע אין 1921 (נאָך אַ צוויי יאָר עקספּערימענטירן אין לענינגראַד) מיט שלום־עליכם'ן. יאַנואַר 1921 איז פֿאָרגעקומען די פייערלעכע פּרעמיערע פֿון דער שלום־עליכם־פֿאָרשטעלונג. מ'האָט געגעבן „אַגענטן", „מזל־טוב" און „אַ פֿאַרשטערטער פּסח".

מיר איז באַשערט געווען בייצוזיין אויף דער פּרעמיערע און איינעם מיטן קאָלעקטיוו און יידישער קינסטלערישער וועלט איבערלעבן די דערוואַרטונג און די פֿרייד פֿון דער „בראשית"־פֿאָרשטעלונג. וואָכן און חדשים האָט מען זיך געגרייט צו דער פֿאָרשטעלונג און געגרייט אויך דעם זאַל, דאָס טעאַטערל, צו דער שמחה. אין באַזונדערע צימערן זענען פֿאָרגעקומען די פּראָבן, ס'האָט געקנעלט דער רעזשיסער, דער מוזיקער, די געהילפֿן. אויף די לייטערס איז געשטאַנען מאַרק שאַגאַל און געמאָלט די ווענט פֿון דעם זאַל און געגרייט די דעקאָראַציעס. ס'האָט געהערשט אַן אויסטערלישע שטימונג, מ'האָט פֿאַרטייעט דעם אָטעם, מ'איז געגאַנגען אויף שפּיץ־פֿינגער און מ'האָט גערעדט מער אויפֿן ווינק ביז... מ'האָט זיך ענדלעך דערוואַרט אויפֿן טאָג פֿון דער עפֿענונג פֿונעם טעאַטער. שלמה מיכאָעלס, וואָס ווענן איז זענען דאַן געווען די ווידערשפּרעכנדיקע מייננ־

גען, האָט גלייך פאַרכאַפּט אַלעמען מיט זיין אַלטער אין „מזל־טוב“ און מנחם־מענדל אין „אַגענטן“... ס'איז געווען אן אומפאַרגעסלעכער אָוונט, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון...

אין 1924 האָט דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער אויפגעפירט ש"עס „דער גט“ און לסוף אינעם זעלבן יאָר געגעבן דעם פּראַכטפולן ש"ע־ספּעקטאַקל „200.000“ (דאָס גרויסע געווינס), וואָס איז געווען אין לויף פון יאָרן די קרוין־אויפפירונג פונעם טעאַטער, און זיינע וויכטיקסטע אַקטיאָרן, מיכאָעלס, זוסקין, שרה ראָטבוים און די אַלע אַנדערע, האָבן געשאַפן פּרעכטיקע ראָלן. און ווי דער רעזשיסער און שוישפּילער — אַזוי אויך דער מוזיקער און מאָלער האָבן באַוויזן וווּנדער. מיר האָט אָפּגעגליקט צו זען די פּרעמיערע פונעם ש"ע־ספּעקטאַקל אין בערלין, אינעם גרויסן דייטשישן „טעאַטער דעם וועסטענס“, אַפּריל 1928. עס איז געקומען די גאַנצע „סמעטענע“ פון דער קינסטלערישער, שוישפּילערישער, שרייבערישער וועלט פונעם דעמלטיקן בערלין. די בערלינער טעאַטראַלן האָבן געזאָגט, אַז אַזאַ אויסדערוויילטן געהויבענעם עולם אויף אַ פאָרשטעלונג האָט מען זעלטן־ווען געזען. און ס'איז געווען אינטערעסאַנט צוצוזען ווי מען האָט אויפגענומען יעדן אַקט און אויך איינצלנע מאָמענטן פון דער פאָרשטעלונג. איך האָב מיין אַרטיקל געשריבן אויף דער הייסער מינוט, אונטערן פרישן איינדרוק פון דעם געזעגענעם־געהערטן, אָנגערופן „דער גרויסער סצענישער וווּנדער“ (ליט. בלעטער“, נומ. 17, 1928), און עס איז טאַקע געווען און פאַרבליבן ביי מיר איינע פון די שטאַרקסטע, פרייִדיקסטע און אויפרעגנדיקע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וואָס כ'האָב אין מיין לעבן ווען געזען. ס'איז געווען מאַסן־שפּיל, מאַסן־פרייד, אַרויסגעבראַכט מיט אַזויפיל קינסטלערישע איינפאַלן און סצענישע קאָמבינאַציעס, און דערביי זענען געשאַפן געוואָרן אויך שאַרפע, רעליעפע געשטאַלטן.

עס בעט זיך ממש צו מאַכן פאַרגלייכן מיט די פאַרשידענע אַנדערע אויפפירונגען פון דער זעלבער ש"ע־פּיעסע „דאָס גרויסע געווינס“, וואָס עס האָבן אויסגעפורעמט אַנדערע רעזשיסערן, און אויך ציען פּאַראַלעלן צווישן די פאַרקערפּערער פון די הויפּט־פאַרשוינען אינעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער און אין אַנדערע יידישע טעאַטערן. עס זענען געווען נאָך איינגאַרטיקע שימעלע סאָראָקערס ביי מאָריס שוואַרץ, אייזיק סאַמבערג, רודאָלף זאַסלאַווסקי, מנחם רובין אא., ווי ס'זענען געווען אינטערעסאַנטע איינגעגעבענע פאָרשטעלונגען פון „דאָס גרויסע געווינס“. ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע האָב איך נאָך פאַרכאַפּט צו זען די

פיינע, ציכטיקע ארטעך=אויפפירונג פונעם „גרויסן געווינס“. יאָ, עס זע=
נען געווען און ס׳זענען עד=היום פאַראַן פאַרשידענע „קאָנצעפּציעס“ און
אויסטייטשונגען פון אָט=דער שפּילעוודיקער פּיעסע, ווי ס׳זענען אויך דאָ
פאַרשידענע „צוגאַנגען“ און סצעניש פאַרקערפּערונגען פון אַנדערע שלום=
עליכם׳ס דראַמאַטישע שאַפונגען אָדער דראַמאַטיזירונגען און אינסצעני=
זירונגען פון ש״עס ראָמאַנען אָדער דערציילונגען.

דאָס נעמלעכע איז געשען מיט שלום=עליכם׳ס „טביה דער מילכי=
קער“, וואָס וויפל אויפפירונגען, אַזויפיל פאַרשידענע סצעניש פאַרמעס=
טונגען. אויך „טביה“, אין פאַרשידענע באַאַרבעטונגען פון און לויט שלום=
עליכם, זענען געשפּילט געוואָרן אינעם יידישן טעאַטער און גרויסע שוי=
שפּילער האָבן געפּרוווט זייערע כוחות אויף אַרויסברענגען די געשטאַלט
פון אָט דעם יידישן וווּנדערלעכן פאָלקס=מענטש, — די ליבלינג=געשטאַלט
פון שלום=עליכם. יעדער איינער פון אונדז האָט פאַר זיינע אויגן פאַרשי=
דענע „קרעאַציעס“ (סצענישע אויספורעמונגען) פון דער האַרציקער, אוי=
סערלעך גאָר=פּשוטער אָבער דאָך קאָמפּליצירטער, ראָל. ווי אַנדערש איז
מאָרים שוואַרצס „טביה“ פון רודאָלף זאַסלאַווסקים, וואָס איז געווען
אַ שטיק מנגן, שיער נישט קיין לערנער; און פון דער פאַרגרעבטער גע=
שטאַלט, ווי ס׳האָט אַרויסגעבראַכט אַ מאָרים לאַמפּע. אין 1939 האָט
דער מאָסקווער יידישער מלוכה=טעאַטער אויפגעפירט, צו ש״עס 80=טן
געבוירנטאָג, „טביה דער מילכיקער“ לויט אַן אינסצעניזירונג פון י. דאָב=
רושין און ג. אויסלענדער. און לויט ווי מ׳האָט איבערגעגעבן האָט שלמה
מיכאָעלס זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין דער ראָל.

און ווי „טביה“, אַזוי אויך זיין נאָענטער פריינד און קרוב מנחם=
מענדל — אויך ער איז דורך פאַרשידענע דראַמאַטיזאַציעס און רעזשי=
סערן אויפגעפאַסט געוואָרן אין פאַרשידענע וועלט=טיילן, אין מינסק, קיעוו,
וואַרשע, בוקאַרעשט, ניו=יאָרק, בוענאָס=איירעס און ווי נישט? און דאָס
זעלבע מיטן „אוצר“ (אָדער „גאָלדגרעבער“), וואָס איז געשטעלט גע=
וואָרן אויף פאַרשידענע אופנים. אין וואַרשעווער „יונג=טעאַטער“ איז
די פּיעסע אויף אַן אָריגינעלן שטייגער געשפּילט געוואָרן אונטערן נאָמען
„נאַפּאָלעאָנס אוצר“.

גרויס דערפאָלג האָט געהאַט אינעם יידישן טעאַטער ש״עס „דער
פאַרכישופטער שניידער. די פּרעכטיקע מעשה איז דראַמאַטיזירט געוואָרן
און אויפגעפירט געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן דורך פאַרשידענע קינסט=
לער און געשפּילט געוואָרן אין פאַרשידענע נוסחאות.

אויך ש"עם „סענדער בלאַנק", איינער פון זיינע ערשטע ראָמאַנען, איז דראַמאַטיזירט און געשפּילט געוואָרן איבער גאָר דער וועלט, און לעצטנס — אין פּוילן, דורכן יידישן מלוכה־טעאַטער.

און אַזוי כסדר. אַלע מאָל גראָבט מען אויס עפּעס אַ נייע זאַך ביי שלום־עליכם'ען און מען גרייט עס צו פאַרן טעאַטער.

אויך דער פילם האָט אויסגענוצט שלום־עליכם'ען. נאָך אין 1920 האָט מען געגרייט ש"עם „דער מבול" (וואָס איז, דוכט זיך, נישט רעאַליזירט געוואָרן), דערנאָך האָט מען פאַרפילמט אין סאָוויעטנפאַרבאַנד „מאָטל פּייסי דעם חזנס", „מנחם־מענדל" און אין אַמעריקע „טביה דער מילכיקער".

וועגן שלום־עליכם אין פילם איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל פון דוד מאַטיס אין „יידישער קולטור", 1956, ז"ז 29—31.

האָט איז בקיצור, אין אַלגעמיינע שטריכן, וועגן דער פאַרבינדונג פון שלום־עליכם און זיינע ווערק מיטן יידישן טעאַטער.

דער וועג פון שלום־עליכם צום יידישן טעאַטער איז געווען זייער אַ שווערער, דורך פיל שטערונגען און שטרויכלונגען. יאָרן און יאָרן האָט שלום־עליכם, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע באַמיונגען, נישט געקאָנט קומען צום יידישן טעאַטער. אָבער דער וועג פון יידישן טעאַטער צו שלום־עליכם'ן איז שוין גאָר אַן אַנדערער, אַן אינטערעסאַנטער, פילקאָליריגדיקער און אַ ביז גאָר וויכטיקער.

„דער סך־הכּל, דער רעזולטאַט פֿונעם גרויסן יאַריד"

„דער סך=הכּל, דער רעזולטאַט פֿונעם גרויסן יאַריד" — אַט אַזוי האָט שלום=עליכם באַצייכנט זיין ווערק „פֿונעם יאַריד", וואָס ער האָט געשריבן די לעצטע צוויי יאָר פֿון זיין לעבן. אָבער נישט נאָר אין דעם=אָ ווערק האָט שלום=עליכם אויסדערציילט און אָפּגעמאָלט די אַלע פּאַסירונגען און פֿאַרשווינען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און באַגעגנט אויף זיין לעבנס=וועג, בעת ער איז געפֿאָרן א ו י ף ן יאַריד און פֿ ו נ ע ם לעבנס=יאַריד. אין אַלע זיינע גרעסערע און קלענערע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן מיט אַזאַ ברען און ליידנשאַפֿט, האָט ער אַרויסגעבראַכט מענטשן און עפּיזאָדן, געשטאַלטן און סצענעס, וואָס זיין שאַרף אויג און זיין אויער האָבן אויפֿגעכאַפּט.

שלום=עליכם אַליין האָט אַדורכגעמאַכט די איבערוואַנדלונגען, וואָס דאָס יידישע לעבן האָט אַדורכגעמאַכט די צווייטע העלפֿט פֿונעם 19=טן יאָרהונדערט און די ערשטע יאָרן פֿונעם 20=טן יאָרהונדערט. געבוירן און אויפֿגעוואַקסן, ווי ער שרייבט אַליין, „אין סאַמע כּתריאלעווקע", איז ער דערנאָך צוזאַמען מיט זיין דור, צוזאַמען מיט זיין תּקופֿה געגאַנגען פֿון כּתריאלעווקע אין יעהופּעץ. „דעם העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע — זאָגט שלום=עליכם וועגן זיך אַליין — האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עס ווייזט זיך אויס מסתּמא יעדן ייִנגל, אַז זיין שטעטל — דאָס איז דער מיטל=פּונקט פֿון דער וועלט, דער סאַמע נאָפּל פֿון דער ערד, און זיינע יידן — דאָס זענען די אויסדערוויילטע ביי גאָט. וואָס צוליב זיי איז באַשאַפֿן געוואָרן די דאָזיקע וועלט". („פֿונעם יאַריד", ב' 1, 94). דאָס אַמאָליקע פּאַטריאַרכאַלע לעבן איז געווען א פֿעסטונג, וואָס מען האָט פֿון אינעווייניק און פֿון דרויסן, מיטן גוטן ווילן און מיט גזירות רעות, אַרומגערינגלט מיט פֿעסטע ווענט. יידן האָבן געלעבט אַ זייער אָפּגעבאַזונדערט עקאָנאָמיש און גייס=

טיק לעבן, ס'האָט זיך געשאַפן אַן אייגענע סטרוקטור, און מען האָט אַריינגעלעבט מיט אַ שטיק מיטלאַלטערלעך לעבן טיף אין דער נייער צייט אַריין. שלום-עליכם איז פון די פריע קינדער-יאָרן אָן געווען אַן עדות, ווי עס „האָבן זיך פלוצעם די זיילן פון דער פעסטונג געגעבן אַ שאָקל, דער פּאַלאַץ האָט גענומען איינבויגן זיך אויף אומצופאַלן און דער גאַנצער כישוף פונעם גליקלעכן שטעטל איז מיטאַמאָל פאַרשווונדן געוואָרן". עס הייבט זיך אָן די גרויסע עמיגראַציע: פריער די איבערוואַנדערונג פון דעם שטעטל אין דער גרעסערער שטאָט, און דערנאָך — דערהייפּט אין די 80-ער יאָרן, נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, די עמיגראַציע קיין אַמעריקע. כאַסרילעווקע איז אין באַוועגונג, כאַסרילעווקע איז אין גאַנג, כאַסרילעווקע בייט איר אויסזען, איר כאַראַקטער, איר אינעווייניקסטן און אויסנווייניקסטן שטייגער. דאָס לעבן אין רוסלאַנד מאַכט איצט אַדורך שאַרפע און קענטיקע ענדערונגען. דאָס פעאָדאַלע רוסלאַנד ענדערט זיך יאַשיק. ס'קומט אויף אַן ענערגישע בורזשואַזיע, וואָס בייט איבער דאָס אַרומיקע לעבן; דאָס לייב-אייגנטום ווערט אָפּגעשאַפן, עס ריקן זיך אַרויס אינעם לעבן נייע פאַקטאָרן און נייע ווירקנדיקע כוחות. יידן ווערן אַריינגעצויגן אינעם אויפקומענדיקן האַסטיקן אינדוסטריאַליזירטן לעבן. עס קומען אויף נייע שטעט, עס באַווייזן זיך נייע מסחר-צווייגן, עס עפענען זיך פאַר פלינקע ענערגישע מענטשן נייע מעגלעכקייטן הכלל, עס הייבט זיך אָן צו הרייען אַ ראָד מיט רעדלעך, וואָס ציט אַריין אין זיין געדרייי אויך די יידן. דער כאַסרילעווקער „בעל-החלומות" לאָזט זיך שווימען אין דעם ים, וואָס פאַרבייט אים די אַמאָליקע גנילאָפּיאַטעווקע. שלום-עליכם אַליין איז לכתחילה אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם געווירבל פון די כלערליי אויסטערלישע געשעפטן. און געלעבט אַליין אין אָט דער צעהיצטער סביבה, פאַרמאָגט שוין שלום-עליכם זין און פאַרשטאַנד אָפּצולאַכן פון איר, מאַכן אויסצודרייען אָט די אַלע פאַרשוינען און זייערע מעשים. עס איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז נאָך אין יאָר 1892 האָט שוין שלום-עליכם פאַרעפנטלעכט די ערשטע סעריע בריוו פון מנחם מענדל און שיינע שיינדל, שוין דאַן האָט ער אָנגעהויבן אויסצופאַסן דאָס מנחם מענדלישע אין יידישן לעבן, אין יידישן מוסחר, אין יידישן כאַראַקטער.

שלום-עליכם איז געווען אַ לאַנגע צייט פאַרטויגט ביי דער יידישער קריטיק און ביים יידישן עולם ווי אַ קינסטלער אַ פרייער פויגל, וואָס זינגט זיך אָט אַזוי, אָן אַ באַשטימטער כוונה, אָן אַ מיין, ווייל עס איז אים גוט און גרינג און ליב צו לאַכן און צו לצעווען. אָבער אָט די מיינונג האָט זיך

אַרויסבאַוויזן פֿאַר אַ פֿאַלשע און אומגערעכטע: שלום=עליכם האָט גאַנץ קלאָר און שאַרף אויפֿגענומען די שאָטן=זייטן פֿון דער יידישער ווירקלעכקייט, פֿון יידישן לעבנס=שטייגער און זיי אָפּגעמאָלן מיט זייער גאַנצער אומברחמנותדיקייט. מער נישט, וואָס ער האָט נישט געקוקט דערויף פֿון אויבן אַראָפּ ווי אַ זייטיקער, נאָר געלאַכט און אויסגעלאַכט אויך זיך, זיך האָט ער נישט אַרויסגענומען פֿונעם כּלל. מנחם מענדלען זעט שלום=עליכם „ווי אַ פֿליער, ברעכער, לויפֿער, דרייער, אַ נעכטיקער טאָג", ער זעט אין אים „דעם פֿאָרשטייער פֿון די יעניקע יידישע פּרנסות, וואָס אָנהייבן הייבן זיי זיך אָן, דאַכט זיך, גאַנץ=געשקשהדיק מיט אַזוי פֿיל בטחון און גלענצנדע האָפֿענונגען און לאָזן זיי זיך אויס צומייסטן מיט שלים=מזל". יאָ, אָבער שלום=עליכם האָט דערביי נישט מורא געהאַט אָפּטמאָל צו זען שטריכן פֿון מנחם=מענדל אין זיך גופֿא.

שלום=עליכם'ס קאַסרילעווקע איז אַ ווייטערדיקער עטאַפּ, אפֿשר אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער פֿון מענדעלעס קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע. שלום=עליכם האָט געפֿילט און פֿאַרשטאַנען אָט די פּאָרזעצונג זיינע פֿון מענדעלען. און אויב ער איז נישט געווען קיין א יי נ י ק ל פֿון מענדעלען, איז ער געווים געווען אין זיין שרייבן און אין זיין אויפֿפֿאַסן דאָס יידישע לעבן דער זון, דער ווייטערדיקער רינג אין דער ליטעראַטור= און קולטור=געשיכטלעכער קייט. קאַסרילעווקע לעבט שוין איבער ביי שלום=עליכם'ן עמיגראַציע, היבת=ציון און ציוניזם, מעשה=דרייפֿוס; און נאָך קאַסרילעווקע קומט ביי ש"ע יעהופּעץ. יעהופּעץ איז דער ווייטערדיקער המשך פֿון די ווייטערדיקע יאָרצענדליקער פֿון סוף 19=טן און אָנהייב 20=טן יאָרהונדערט. און דערנאָך געשטאַלטן און פּאַסירונגען פֿון נאָך דער רוסלענדישער רעוואָלוציע פֿון 1905 — 1906. אין די קאַפּיטלען פֿון בלויז איין שלום=עליכם'ס „טביה דער מילכיקער" (געשריבן אין לויף פֿון איבער צוואַנציק יאָר, פֿון 1894 ביז 1914), זענען אַריינגעפֿלאָכטן שטיקער יידישע לעבנס, רעאַלע פּאַסירונגען פֿון אָט די צוואַנציק מערקווירדיקע יאָרן. שלום=עליכם מאַכט מיט מיט זיינע העלדן, איבערהויפּט מיט זיינע באַליבטע העלדן (מאָטל פּייסי דעם חזנס אא.) דעם וועג פֿון קליינשטעטל אין דער גרויסער שטאָט, און דערנאָך דורך לעמבערג, לאָנדאָן אַזש קיין אַמעריקע.

אין אַלע זיינע ווערק האָט שלום=עליכם אַריינגעפֿלאָכטן, אַריינגעוועבט שטיקער לעבנס, צאַפּלדיקע פֿאַרשוינען, אויסגענוצט אמתע פּאַסירונגען און מייסטעריש פֿאַרגעשטאַלטיקט זיי. און אומעטום מיט טיפֿער

ליבע און באַגייסטערונג פאַר דעם „עמך“־מענטש, פאַר זיין פשטות, פאַר זיין ערלעכקייט, פאַר זיין האָרעפּאַשנעקייט, און מיט בפירושן ווידערווילן פאַר דעם געלט־זאַק, פאַר דעם אויפגעבלאָזענעם, פאַר דעם עקספּלאָאַטאַטאָר, פאַרן קאָכלעפל, פאַר דעם שטאָט־באַלעבאָס און גאָטס־סטראַפּטשע.

„איך ווייס נאָר איינס — שרייבט ש“ע אין אַ בריוו צו דוד פּינסקי אין 1914 — אַז אין די צוואַנציק יאָר, וואָס איך האָב טביהם מעשׂית איבערגעגעבן, האָב איך געפילט, אַז אַלע מיינע סימפּאַטיעס זענען אויף דער זייט פון דעם דאָזיקן פּראָסטן, נאָר גאַנצן, נישט־באַרירטן ייִדן“.

קיינער פון די ייִדישע שרייבער האָט נישט געפילט אַזוי שטאַרק ווי שלום־עליכם און נישט אַרויסגעפירט מיט אַזאַ שאַרפקייט דאָס אומנאָרמאַלע און אומגעלומפּערטע, וואָס די צאַרישע „קראָמיע־יעווריעוו“ (חוץ־ייִדן“)־געזעצן האָבן געשאַפן. שלום־עליכם האָט געלעבט לענגערע יאָרן אין דער שטאָט קיעוו, די שטאָט, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן דעם ייִדישן תחום און דאָך, ווי אַ „הייליקע“ שטאָט, איז זי געווען אויסגעטיילט מיט ווילדע ספּעציפישע אַנטיייִדישע געזעצן און פאַראָרדענונגען. שלום־עליכם, ווי זיין שטייגער, האָט געזען נישט בלויז דאָס טראַגישע, דאָס טרויעריקע, נאָר אויך דאָס טראַגיקאָמישע, דאָס קאַריקאַטורישע אין די אַלע פאַראָרדענונגען און געזעצן, וואָס זענען געווען געשאַפן קעגן דער רעכטלאָזער ייִדישער נאַציע. אָבער ווי די מאַסן, אַזוי אויך זייער פאָלקס־שרייבער שלום־עליכם האָט נישט נאָר געקרעכצט אונטער דעם שווערן יאָך פון די געזעצן, נאָר אויך געלאַכט, געשפּאָט, געמאַכט חוזק, און שטענדיק מיט דער ליכטיקער האָפענונג און מיט דער פולער איבערצייגונג, אַז מען וועט עס איבערלעבן.

און אַזוי טאַקע איז געווען. דער צאַריזם איז געפאַלן און אין די אַלע שטעט און דערפער, וווּ ייִדן איז געווען אַמאָל פאַרבאָטן צו לעבן און צו וווינען, אין די אַלע ערטער זענען איצט דאָ גאַסן אויף שלום־עליכם'ס נאָמען, אין די פאַרשידענע פעלקער, וועלכע באַוווינען דעם ראַטנפאַרבאַנד, נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די גרויסע שלום־עליכם־פייערונגען, וואָס ווערן איצט איינגעאָרדנט אויף אַ ברייטן מלוכה־מאַסשטאַב. אין די פאַרשידענע שפּראַכן פון די סאָציאַליסטישע פאַרבאַנדן דערשיינען איצט איבערזעצונגען פון אָט דעם שרייבער, וואָס איז אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט זיין ליבע און לעבן מיט אוקראַינע, וואָלין, מיט די אַלע שטעט און שטעטלעך פונעם געוועזענעם ייִדישן תחום.

און ביי היינט צו טאָג, צוואַנציקער יאָרן נאָך דעם ווי די ווערק זענען

געשאַפֿן, זעען מיר שלום=עליכם'ן, זײַנע געשטאַלטן, די סיטואַציעס, וואָס ער פֿירט אַרויס אויפֿן פּאָן פֿון רעכטלאָזיקייט, פֿון אויסער=יידן=געזעצן, גאָר אין אַן אַנדער ליכט.

שלום=עליכם האָט נישט געלאַכט גלאַט אַזוי, ער האָט נישט געלאַכט אין דער וועלט אַרײַן, ווײַל „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן", אַ פּראַזע, וואָס מ'האָט אַזוי אומגערעכט אָנגעבונדן שלום=עליכם'ן. שלום=עליכם'ס לאַכן איז אַ לאַכן דורך טרערן, אַ לאַכן מיט יאַשטשערקעס. דאָס האָט שלום=עליכם געקומען פֿילן און אַזוי מיט דער צײַט אָנגעהויבן אויפֿצונעמען און פֿאַרשטיין זײַן געלעכטער. זאָלן דאָ געבראַכט ווערן עטלעכע שורות פֿון זײַנעם אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו יעקב דינעזאָן. אַ בריוו, וואָס האָט גאָר צו טאָן מיט אַן אַנדער ענין, אָבער דערווײַל כאַפּן זיך אַרויס בײַ שלום=עליכם'ן אַזעלכע אינטערעסאַנטע שטריכן וועגן זײַן אייגענעם שאַפֿן: „...און איר קענט דאָך מיך, אַז איך בין עפּעס נישט פֿון די גרויסע מרה=שחורהניקעס; איך בין, האָב איך מורא, פּונקט דער היפּוך פֿון אייך, דינעזאָן: איר וויינט און קלאָגט און גיסט, ווי אַ בערעזענע, און צום סוף לאָזט איר תמיד אויס מיט אַ זיס וואָרט, מיט אַ גוטער האָפֿענונג, און אַז מען גייט אַוועק פֿון אייך, איז מען אויפֿגעלעבט, אַ ביסל צעוויקט, אָבער צופֿרידן, גליקלעך אָנגעוואַרעמט, געגלעט און געטרייסט אויפֿן בעסטן אופֿן. דאַקעגן אָבער איך — כאַ=כאַ=כאַ און כי=כי=כי, לעבעדיק און פֿריילעך, און אַ ציפּ, אַ ריס, אַ שטאָך, אַ קרעל, און אַמאָל אַ זיפֿץ, אַ קרעכץ, אַ טרער, און ווידער, — כאַ=כאַ=כאַ און אָבער כי=כי=כי, און ווי מען גייט אַרויס פֿון מיר, פֿילט מען זיך אַ ביסל, דאַכט זיך, דאָסיק... איך שטעל מיר פֿאָר, אַז מען קען אַזוי צו זאָגן: „אָט דער ימח=שמוניק, דאַכט זיך, האַ? מהיכי תיתי; קומט צום שפּיץ, זאָל אַ רוח אין זײַן טאַטן אַרײַן!"

און נישט נאָר סתם געלעכטער פֿון שלום=עליכם'ן נעמען מיר אויף, מיר נעמען אויך אויף דעם אָפּהילך און נאָך מער — מיר נעמען אויף דעם מיין, די כוונה, דעם „אונטערגרונט" זײַנעם.

בעיקר די לעצטע צענדליקער יאָרן איז אויפֿגעוואַקסן פֿאַר אונדז אַלעמען, פֿאַר גאָר דער יידישער וועלט אַ נײַער, באַנײַטער און אַ פֿאַרטיפֿטער שלום=עליכם.

און אָט דעם שלום=עליכם האָבן מיר אַלע באַזונדערס ליב און ער איז אונדז אַלעמען, ער און זײַנע ווערק, אַזוי טײַער און אַזוי אײַנגעבאַקן אין האַרצן.

שלום־עליכם

וויכטיקסטע דאַטעס אינעם לעבן און שאַפן פון שלום־עליכם

(לויט י. ד. בערקאָוויטש, אין „שלום־עליכם־בוך“, ניו־יאָרק)

1859. 2-טן מערץ, געבוירן אין פּערעיאַסלאַוו, פּאָלטאַווער גובערניע, ביי מנחם נחום און מינדל ראַבינאָוויטש. קינדערווייז אַריבערגעפאָרן מיט דער פאַמיליע קיין וואָראָנקאָ, וואָס ש"ע רופט אָן קאַסרילעווקע. צוריקגעקומען מיט שוועסטער און ברידער קיין פּערעיאסלאוו צו זיין זיידע־באָבע. דערנאָך צוריקגעקומען צו זיין פאָטער און צו דער שטיפמוטער חנה.

1873. אַריינגעטראָטן אין פּערעיאַסלאַווער רוסישער קרייז־שול.

1876. געענדיקט די שול. געגעבן לעקציעס אויף רוסיש אין זיין שטאָט, דערנאָך אין רזשישטשעוו.

1877. אָנגעקומען ווי אַ לערער צו אלימלך לאָיעוו אין גוט סאָפיעווקע, קיעווער גוב., וו געלערנט אַ דריי יאָר.

1879. פאַרעפנטלעכט אין דער העברעישער „הצפירה“ קאָרעספּאָנדענציעס. גערופן געוואָרן צום פריזיוו און באַפרייט געוואָרן.

1880. אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ראַבינער אין לובען, פּאָלטאַווער גוב., אָנגעהאַלטן דעם אַמט ביז אויגוסט 1883.

1881. פאַרעפנטלעכט אין „המליץ“ זיין ערשטן אַרטיקל.

1882. געדרוקט צוויי אַרטיקלען אין „המליץ“.

1883. דעם 2-טן מאַי (ל"ג בעומר) חתונה געהאַט אין קיעוו מיט האָדל (אָלגאַ), די טאָכטער פון אלימלך לאָיעוו.

אין יולי־אויגוסט געדרוקט אין „פּעטערבורגער פאָלקסבלאַט“ זיין ערשטע דערציילונג אין יידיש „צוויי שטיינער“. אויפגעגעבן דאָס ראַבינערײַ אין לובען און זיך באַזעצט אין סאָפיעווקע. דערנאָך אַריבער קיין בעלאַ־צערקאָוו, קיעווער גוב. אָפּגעדרוקט אין „פאָלקסבלאַט“: „די וויבאָרעס“, „די איבערגעכאַפּטע בריוו אויף דער פּאָסט“, „וו איז אונדזער קאַפּיטאַן“ (ליד).

1884. אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי די קיעווער בראָדסקיס, רעדאַגירט זייערע גיטער אין יעקאַטערינאָסלאַווער גוב., פאַרעפנטלעכט אין „פאָלקסבלאַט“ דערציילונגען און פעליעטאָנען, לידער און אַרטיקלען, פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג אין רוסיש אין „יעווריסקאָיע אָבאָזרעניע“.

1885. נאָכן טויט פון זיין שווער — אָפּיעקון איבער זיין ירושה. געשריבן אַ בריוו צו מענדעלע מו"ס (אין רוסיש), וווּ אויסגעדריקט באַגייסטערונג צו אים צו זיין 25־יאָריקן יובל. אָנהייב פון לאַנגיאָריקער פריינדשאַפט.

1886. אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט געשעפטן אין קיעוו. געדרוקט אין „פאָלקסבלאַט" „בילדער פון דער באַרדיטשעווער גאַס".

1887. אַריבערגעפאָרן קיין קיעוו, וווּ געפירט גרויסע געשעפטן מיט ווייץ, צוקער, מיט וואָרט־פּאַפּירן. צווישן אַנדערן געדרוקט אין „פאָלקסבלאַט" „דאָס מעסערל", דעם איינאַקטער „אַ חתן, אַ דאָקטאָר"; אין מרדכי ספּעקטאַרס „פאַמיליענפריינד" — „דער אָרעמער עושר".

1888. געשטאָרבן אין קיעוו זיין פאָטער, אַרויסגעגעבן אין זיין אָנדענק אַ ביכל „דאָס ביכל בלומען". געדרוקט אין „פאָלקסבלאַט" זיין ראָמאַן „ר' סענדער בלאַנק און זיין פילגעשעצטע פאַמיליע". אַרויסגעלאָזט אַ ביכל קעגן דעם שרייבער שמ"ר „שמרם משפּט"; אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", וווּ געדרוקט צווישן אַנדערן זיין ראָמאַן „סטעמפּעניו", געפאָרן קיין אָדעס, זיך באַפריינדעט מיט י. ח. ראַווניצקי, דערנאָך מיט מענדעלע מוכר ספרים, בן־עמי, ש. דובנאָוו.

1889. באַטייליקט זיך אין אַ פאָלעמיק וועגן יידיש.

1890. אַרויסגעגעבן דעם צווייטן באַנד „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", וווּ אָפּגעדרוקט זיין ראָמאַן „יאָסעלע סאָלאָוויי". פאַרלוירן זיין פאַרמעגן, אוועק קיין אויסלאַנד.

1891. געווען אין פּאַריז, ווין, טשערנאָוויץ, דערנאָך אין אָדעס. געדרוקט סקיצן און נאָוועלן אין רוסיש.

1892. אַרויסגעגעבן אין אָדעס דעם „קול מבשר צו דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק", וווּ געדרוקט די ערשטע בריוו פון מנחם מענדל און שיינע שיינדל.

1893. אַרויסגעפאָרן קיין פאָסטאָוו, דערנאָך קיין קיעוו, וווּ פאַרנעמט זיך ווידער מיט מסחר, מעקלעריי. פאַרעפנטלעכט אין ספּעקטאָרס „הויז־פריינד" זיין „סטאַנציע מאַזעפּעווקע".

1894. פאַרעפנטלעכט זיין קאָמעדיע „יקנה"ז", די צענזור האָט דאָס ביכל קאָנפיסקירט. געשריבן די ערשטע זאַכן אין אַמעריקאַנער אויסגאַבן אין דער פּיטסבורגער צייטונג „די טויב" און אין „פילאַדעלפיער שטאָטצייטונג".

1895. אָנגעשריבן פאַרן „הויז־פריינד" די צווייטע סעריע מנחם מענדלס בריוו.

1897. אַרויסגעגעבן אין וואַרשע די בראָשור „דער יידישער קאָנגרעס אין באַזעל".

1898. אָפּגעדרוקט אין וואַרשע צוויי בראָשורן „אויף וואָס באַדאַרפן יידן אַ לאַנד?" און „צו מיינע שוועסטער אין ציון"; אַרויסגעגעבן די דערציילונג „משיחס צייטן".

1899. אָנגעהויבן פיל צו שרייבן אַדאַנק דעם דערשיינען פון זשורנאַל „יוד", וווּ אָפּגעדרוקט צוויי דערציילונגען פון „טביה דעם מילכיקן", דעם איינאַקטער „מזל טוב", די דריטע סעריע פון מנחם מענדלס בריוו א.א.

1900. פאַרעפנטלעכט פאַרשידענע זאַכן אין „יוד“, צווישן אַנדערע „דער זייגער“,
„פּורים“, „די רויטע יידלעך“, „די פאָן“, חנוכה=געלט“ א.א. אָנגעהויבן
אַרויסטרעטן מיט מ. מ. וואַרשאַווסקי, פאַרפאַסער פון די פאָלקסלידער,
אויף אָוונטן, אין קיעוו, בערדיטשעוו, בעלאַצערקאָוו.

1901. אַרויסגעגעבן מ. מ. וואַרשאַווסקיס לידער, אָנגעשריבן צום בוך אַ הקד=
מה. אָפּגעדרוקט אין „יוד“ צווישן אַנדערע: „אַ נייע סעריע בריוו פון
„מנחם מענדל“, „דאָס טעפּל“, „ביים קעניג אחשוורוש“, „ראַבטשיק“,
„אַ פאַרשטערטער פּסח“, אָנגעהויבן די סעריע „קליינע מענטשעלעך מיט
קליינע השגות“, „די שטאָט קאַסרילעווקע“; אַרויסגעגעבן אין וואַרשע
„א מעשה אָן אַן עק“ („דער פאַרכישופטער שניידער“) א.א.

1902. מיטאַרבעטערשאַפט אין „יוד“, און וואָכנבלעטער „יידישע פאָלקסצייטונג“,
„יידישע פרויענוועלט“, פאַרעפנטלעכט צווישן אַנדערן: „דרייפוס אין קאַ=
סרילעווקע“, „מתושלח“, „ווען איך בין ראָטשילד“, „אויפן פידל“, „דער
דייטש“, „גימנאַזיע“ און אַנדערע.

1903. הייבט אָן מיטצואַרבעטן אין די טעגלעכע צייטונגען „דער פריינד“, „דער
טאָג“, פאַרעפנטלעכט „צעזייט און צעשפּרייט“ (דראַמע), „קאָנקורענטן“,
„אויף פּסח אהיים“, „מיטן עטאַפּ“, „די פריילעכע קאָמפּאַניע“ און פיל
אַנדערע זאַכן. זיך פאַרבונדן מיט טאָלסטאָי, טשעכאָוו, קאָראָלענקאָ און
גאָרקי וועגן דעם זאַמלבוך „הילף“ לטובת די געליטענע פון פּאָגראָם.
צוגעגרייט צום דרוק פיר בענד שריפטן „אַלע ווערק פון שלום=עליכם“
אין פאַרלאַג „פאָלקס=בילדונג“ (תושיה).

1904. באַמיט זיך צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ יידישע ציי=
טונג, באַזוכט פּעטערבורג, אָדעס, ווילנע, וואַרשע. זיך באַקענט מיט די
רוסישע שרייבער מ. גאָרקי, ל. אַנדרעיעוו, א. קופּרין א.א., אין וואַרשע
זיך באַקענט מיט י. ל. פּרץ, בעל מחשבות. געדרוקט אין פאַרשידענע
אויסגאַבן דערציילונגען, מאָנאָלאָגן, פאָרגעזעצט „טביה דער מילכיקער“,
מנחם מענדלס בריוו א.א.

1905. מיטגעאַרבעט אין וואַרשעווער „דער וועג“, אַרויסגעגעבן אינעם פאַרלאַג
„ביכער פאַר אַלע“ (וואַרשע) אין באַזונדערע ביכלעך דערציילונגען און
מאָנאָלאָגן. אויפגעטראָטן מיט פאָרלעזונגען אין ווילנע, קאָוונע, ריגע,
ליבוי, לאָדזש א.א. אין וואַרשע אויפגעפירט זיין פּיעסע „צעזייט און
צעשפּרייט“ אין פּויליש. אין אָקטאָבער איבערגעלעבט דעם קיעווער פּאָ=
גראָם. מאַטעריעל און גייסטיק צעבראָכן, באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע
מיט דער פאַמיליע און געקומען קיין לעמבערג. אָנגעשריבן צענדליקער
דערציילונגען, צווישן אַנדערע „יוסף“, „צוויי אַנטיסעמיטן“, „שמואליק“,
דעם איינאַקטער „אַגענטן“, „דער פעטער פּיני מיט דער מומע רייזל“ א.א.

1906. געוווינט אין לעמבערג, באַזוכט זשענעווע, לאָנדאָן, סוף אָקטאָבער אין
ניו=יאָרק. אין אַמעריקע אויפגענומען גרויסאַרטיק אין יעקב אַדלערס
„גרענד טעאַטער“, פאַרעפנטלעכט צווישן אַנדערן: „די גרויסע רעוואָלו=

ציע אויף יענער זייט סמבטיון“, „חוה“ (טביה דער מילכיקער), „ס'א ליגן“ א.א.

1907. געהווינט אין ניו־יאָרק, הערנאָך אין זשענעווע. מיטגעאַרבעט אין ניו־יאָרקער, וואַרשעווער, פּעטערבורגער און ווילנער צייטונגען, אויפגעפירט אין ניו־יאָרק צוויי פּיעסעס „דער אויסוורף אָדער שמואל פּאַסטערנאַק (באַאַרבעט פון זיין קאָמעדיע „יקנה“ז“) און „סטעמפּעניו“. פאַרעפנטלעכט זיין ראָמאַן „דער מבול“, די ערשטע סעריע פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס“ און אַנדערע זאַכן.

1908. געהווינט אין זשענעווע, דערנאָך נערווי, באַזוכט בערלין. אָנגעשריבן די קאָמעדיע „דער אוצר“ („גאָלדגרעבער“), „פיר זענען מיר געזעסן“, וויי־טערדיקע קאַפּיטלען פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס“ א.א. פאַרגענומען סוף מאי אַ טור איבער רוסישע שטעט, באַזוכט וואַרשע, ווילנע, אָדעס; סוף יולי קראַנק געוואָרן אין באַראַנאָוויטש אויף טובערקולאָז, וו אָפּגעלעגן א צוויי חדשים, אַרויסגעפאָרן קיין נערווי, איטאַליע; דעם 25־טן אָק־טאָבער איז געפייערט געוואָרן זיין 25־טער ליטעראַרישער יובליי.

1909. פאַרבראַכט אין קורערטער, אָפּט מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור. פיל גע־שריבן. מיטגעאַרבעט אין פיל צייטונגען. צווישן אַנדערן פאַרעפנטלעכט „שמואל שמעלקיס און זיין יובליי“, „די גאָלדשפּינערס“, „טביה פאָרט קיין ארץ ישראל“, „אַ בלעטל שיר השירים“, „אייזנבאַן“ געשיכטעס, אָנגעהויבן שרייבן דעם ראָמאַן „בלאָנדזשענדע שטערן“. אַ יובליי־קאָמי־טעט אין וואַרשע האָט אָפּגעקויפט זיינע ווערק ביי די פּריוואַטע פאַרלע־גער. אַרויסגעגעבן אַ נייע אויפלאַגע פון זיינע ווערק, ווי אויך פיל ביכ־לעך, פאַרשפּרייט אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליאַרן.

1910. געהווינט אין נערווי און אין אַנדערע קורערטער. מיטגעאַרבעט אין פאַר־שידענע צייטונגען, פיל געשריבן און געדרוקט. פאַרגעזעצט זיין ראָמאַן „בלאָנדזשענדע שטערן“, „זעקס און זעכציק“, „אסתר“, „א פסח אין דאָרף“, „קאַסרילעווקע אין יעהופּעץ“ א.א.

1911. געהווינט אין נערווי א.א. ערטער. אַרבעט מיט אין פיל צייטונגען, וו ער פאַרעפנטלעכט פאַרשידענע דערציילונגען, ווי אויך סעריעס, צווישן אַנדערן: „פון נאַלעווקעס ביז מאַריענבאַד“, „גיטל פורישקעוויטש“, „מען הוליעט“, „אויטאָ־דאַ־פע“ א.א.

1912. געהווינט אין פאַרשידענע שטעט אין אויסלאַנד. געשריבן דעם ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס“, „פסח מיט אַ קל וחומר“, „דאָקטוירים“ א.א.

1913. באַקומען אַ שאַרפע בלאָזנקראַנקהייט, זיך געהיילט ביי פאַרשידענע דאָק־טוירים. באַזוכט ווין, בערלין א.א. שטעט. אָנגעשריבן אַ נייע סעריע „ברייהלעך פון מנחם מענדל צו שיינע שיינדל זיין ווייב“, „קנאַרטן“, „איבער אַ היטל“ א.א.

1914. נאָך פסח געקומען קיין רוסלאַנד, נאָך אַן אָפּשייד פון איבער 5 יאָר. געמאַכט אַ פאָרלעזונג־טור איבער פיל שטעט. געקומען קיין אַלבעק, דייטשלאַנד, ביים צפון־ים, וו די מלחמה האָט אים געטראָפן. אַרויסגע־

שיקט געװאָרן מיט דער פאַמיליע קיין בערלין. אָן מיטלען, צעבראָכן און געפּייניקט פון אַ נערװעזער דאַרשט־קראַנקהייט, פאַרבראַכט אין קאָ־פּענהאַגען עטלעכע חדשים און דערנאָך געקומען קיין אַמעריקע. דעם 1־טן דעצעמבער געהאַט אַ קבלת־פּנים אין קופּער־יוניאָן און מיט אַ האָר שפּעטער — אין קאַרנעגי־האָל. פאַרעפנטלעכט פיל זאַכן, צװישן אַנדערן: „דער פּאָגראָם אין קאַסרילעװקע", „לך לך", „וחלקלקות" (פון „טביה"), דראַמאַטיזירט זיין ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס" אין אַ טראַגיקאָמעדיע „שװער צו זיין אַ ייד" א.א.

1915. געװוינט אין ניו־יאָרק, געאַרבעט אין „דער טאָג", אַרויסגעטראָטן מיט פאָרלעזונגען אין פאַרשידענע שטעט. צוליבן שלעכטן געזונט־צושטאַנד אָפט פאַרבראַכט אין די בערג, ביים ים. אָנגעשריבן די קאָמעדיע „דאָס גרויסע געװינס", „פונעם יאַריד" און פיל אַנדערע זאַכן.

1916. נישט געקוקט אויף דער שװערער קראַנקהייט, געצװוּנגען אויפצוטרעטן אין פאַרשידענע שטעט, און געשריבן ביז אוממענטשלעכע װייטיקן. נאָך פּסח פאַרשאַרפט זיך זיין קרענק, און שבת אינדערפרי, דעם 13־טן מאַי, ו' אייר, אויסגעגאַנגען. מאָנטיק, דעם 15־טן פאָרגעקומען די לװיה, װו ס'האָבן זיך באַטייליקט הונדערטער טויזנטער יידן.

1917. דערשינען אין פּעטערבורג דער ערשטער זאַמלבוך „צום אָנדענק פון שלום עליכם", 178 ז"ז.

1918. דערשינען אין קיעװ אַ „שלום־עליכם־זאַמלונג", צום צװייטן יאָרצייט.

1919. עפנט דער ניו־יאָרקער קונסט־טעאַטער דעם סעזאָן מיט ש"עס „טביה דער מילכיקער".

1920. אין קונסט־טעאַטער, ניו־יאָרק — „שװער צו זיין אַ ייד".

1921. אין קאַמער־טעאַטער אין מאָסקװע — אַ ש"ע־פאָרשטעלונג.

1922. אין ניו־יאָרקער קונסט־טעאַטער „דאָס גרויסע געװינס".

1924. אין מאָסקװער יידישן מלוכה־טעאַטער „200.000" (געשפּילט 660 מאָל).

1926. דערשינען אין ניו־יאָרק „דאָס שלום־עליכם־בוך", צום 10־טן יאָרצייט.

1927. אין ניו־יאָרקער קונסט־טעאַטער „גאָלדגרעבער".

1929. אין ניו־יאָרקער קונסט־טעאַטער „בלאָנדזשענדע שטערן".

1939. צו ש"ע 80־טן געבוירנטאָג גרויסע פייערונגען אין דער גאָרער װעלט.

אינהאַלט

צו די לייענער 7
שלום ראַבינאָוויטש — שלום־עליכם 9
פון אַ יונגן פארערער — אַליין אַ גרויסער שרייבער 17
די עלטערע קיעווער שרייבער — די מיטצייטלער פון שלום־עליכם . . . 18
שלום־עליכם אין קיעוו און באָיאַרקע 43
די רוסלענדישע רעוואָלוציע, די פאָגראָמען אין 1905 און שלום־עליכם . 62
דער פאַרבישופטער שניידער — די אויסטערלישע שלום־עליכם־מעשה . . 83
שלום־עליכם און די רוסישע שרייבער גאָגאָל, טאָלסטאָי, טשעכאָוו... . . 89
רעאַליסט און פאַנטאַסט 105
שלום־עליכם און דאָס יידישע טעאַטער 110
„דער סך־הכל, דער רעזולטאַט פונעם גרויסן יאריד“ 128
וויכטיקע דאַטעס אינעם לעבן און שאַפן פון שלום־עליכם 135